STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09820

DI DRAMATISHE KUNST

Zisel Kornbluth

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די דראַמאַטישע קונסט

לעקציעס

—אונ—

דיסקוסיעס

פון

ז. קאָרנבליטה

ניו יאָרק — 1928.

הויפט פאַרקויף:

איטשע וו. בידערמאַנ׳ס בוך געשעפט

239 איסט 12טע גאַס

ניו יאָרק.

Copyright — 1928
by
S. KORNBLUTH
Brooklyn, N. Y.

234

אָריאָם פּרעס, 54 קאַנאַל סטריט, ניו יאָרק, נ. י.

פיעסן קריטיש באַטראַכט צו באַלייכטן פּרינציפּן:

שעקספּיר:	שײַלאָק, ליער.
גאָרדין:	גאָט מענטש און טײַוול, מירעלע אפרת, חאַשע די יתומה.
בערקאָוויץ:	מאַשקע חזיר.
גאָלדפאַדען:	לא תחמוד, אין דער מאָדערנים־טישער אויפפירונג אין קונסט טעאַטער.
ריכטער:	דער פריילאַכער חזן.
גאָטעספעלד:	אַמעריקאַנער חסידים.

אינהאַלט:

אַ פּאָר באַמערקונגען ... 7

1) דער קוואַל און די אייגנשאַפטן פון קונסט ... 11

2) די דריי פאָרמען פון דיכטונג ... 16

3) די פאָרם און דער מאַטעריאַל פון אַ דראַמאַטישן ווערק ... 19

4) איין איינהייט אָדער דריי איינהייטן ... 25

5) דער סילאָגיזם פונם סוזשעט ... 29

6) די פונדאַמענטאַלע אידייע און איר ראָלע אין דער שאַפונג און אין דער קריטיק פון אַ קונסט ווערק ... 31

7) קונסט און דעם מענטשנס רעבעלירונגען קעגן לעבן ... 39

8) דער דיכטער אַלס איבערשאַפער און באַשאַפער פון לעבן ... 47

9) דער לעבערלאַכער קאַמף פון די „מאָדערניסטן“ קעגן דעם רעאַליזם ... 50

10) רעליגיע און טעאַטער ... 55

11) זועקנדע און פאַרשלעפערנדע אילוזיעס ... 58

12) אָרגאַנישע איינהייט ... 61

13) די פּערזאָנען פון דער דראַמע ... 68

14) אינהאַלט און פאָרם ... 75

15) דער מאַנאַטעאיזם פון דער דראַמע ... 80

16) אידעאַליזירונג און רעאַליזם. ... 85

17) „אידעאַליזירונג“ דער היפוך פון ראָמאַנטיזם ... 95

18) דער אָנהויב, די מיט און דער סוף ... 100

19) צופאַלן וואָס זיינען ניט קיין צופאַלן ... 103

20) זעאַכץ און זעאונג ... 105

21) לאָגיק און געזעץ אין קונסט ... 108

22) די בוצן פון קונסטגעזעצן — „שײלאָק“ ... 110

23) דער שטאַם און די צווייגן פון דער דראַמע ... 124

24) קאָמעדיע, העכערע און גידעריקערע פאָרמען 137
25) די שטופעריי 140
26) בורלעסק 141
27) שונד און דיכטונג 144
28) שונד און שארזש 153
29) שונד און פראָגרעס 164
30) מעלאדראמע 173
31) די פירמע מאַקס געביל און דזשעני גאָלדשטיין 182
32) דער הויפּט כח פונם מעלאדראמאטישן היפּנאָז 187
33) טענדענץ 196
34) וואָסערע פּיעסן דאַרף שטעלן דאָס בעסערע אידישע
טעאטער ? 205
35) פאַלשער און אמתער מאָדערניזם 209
36) טעאַטראַלישקייט און די שרעקלאַכע „ליטעראַטור“ 213
37) די פערזענליכקייט פונם אַקטיאָר 224
38) די פאַרשווערונג קעגן אויטאָר 229
39) טעכנישע, שווערקייטן און מיטלען זיי צו באַזייטיקן........ 236
40) דער ניט אָפּגערעטער אָפּמאַך צווישן דיכטער און פּובליקום 241
41) דער פּראָלאָג 242

אַ פּאָר באַמערקונגען.

ווי ווייט מיר איז באַקאַנט איז דאָס בוך וואָס ליגט פאַר אייך דאָס ערשטע און דאָס איינציקע טעאָרעטישע ווערק איבער דראַמע אין אידיש. דער דאָזיקער פאַקט מאַכט עס — אָפּגזעען פון מיינונגען וועגן דעם גראַד פון אויפטו און אָריגינאַליטעט וואָס די אַרבעט האָט דערגרייכט — פאַר אַ וויכטיקן ביישטראַג צו דער אידישער ליטעראַטור, און דאָס דאָזיקע באַוואוסטזיין איז אַ גענוגנדע באַפרידיגונג פאַר מיר פאַר די לאַנגע יאָרן וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין לייענען און דיינקען וועגן דעם ענין, ביז איך האָב מיך דערפילט אין אים גענוג אין דערהיים צוצוטרעטן צו מיין געפּלאַנטער אַרבעט.

דער צוועק פון מיין אַרבעט איז געווען:

איבערצוגעבן די אייביקע אַלטע אמתן וועגן דער דראַמאַטישער קונסט אַזוי קלאָר, אַז יעדער מענטש מיט דורכשניטלאַכער אינטעליגענץ זאָל זיי גרינטלאַך באַנעמען, און אַנטפּלעקן פאַרן לייענער די פאַרבאָרגענע פונדאַמענטן, אויף וועלכע די אמתן זיינען געגרונטפעסטיקט, ווי זיי זיינען אַנטפּלעקט געוואָרן פאַר מיר נאָך לאַנגע יאָרן פאַרטיפונג אין דעם ענין; אריינצופירן דעם לייענער הינטערן פאָרהאַנג און אים ווייזן דעם קוואַל פון דער געטלאַכער חכמה פון וואַנען עס שטראָמען ארוים די פּרינציפּן פאַר דער דראַמע וואָס זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן פון דעם גרויסן גריכישן חכם אַריסטאָטל.

שריפטשטעלער און ליטעראַטור-ליבהאָבער וואָס האָבן געלייענט די טיילן פון מיין אַרבעט וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע" האָבן מיך פאַרזיכערט, אַז מיין צוועק איז אין אַ באַדייטענדער מאָס דערגרייכט געוואָרן, און דער דאַזיקער וואַרימער אָפּרוף האָט מיך דערמוטיקט אַרויסצוגעבן דאָס בוך.

דער אויפמערקזאַמער לייענער וועט געפינען, אַז איך האָב ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן איבערגעזאָגט (אין אַן אַנדער פאָרם און מיט אַנדערע באַלויכטונגען) אַ געדאַנק וואָס איז שוין פריער אַרויסגעזאָגט געוואָרן. אייניקע וועלן געפינען, אַז די דאָזיקע איבערחזרונגען זיינען איבעריק. אָבער איך באַטראַכט זיי פאַר וויכטיקע טיילן פונם בוך, ווייל זיי דינען מיין הויפּטצוועק: צו מאַכן דעם ענין וואָס קלערער און אים אַזוי באַפעסטיקן אין מח פונם לייענער, אַז ער זאָל ווערן פאַר אים אַזאַ פשוטער, אומבאַשטרייטבאַרער אמת, ווי איינס און איינס איז צוויי.

קיינער דאַרף ניט דערוואַרטן אַז ווען ער וועט איבער־לייענען דאָס בוך וועט ער קענען זיך אַוועקזעצן און אָנ־שרייבן אַ דראַמע, פונקט ווי קיינער דערוואַרטעט ניט, אַז ווען ער וועט זיך אויסלערנען נאָטן וועט ער קענען זינגען, כאָטש ער האָט ניט קיין שטימע. אָן איינגעבאָרענעם טאַ־לענט קען מען ניט טון קיין שעפערישע אַרבעט. אָבער דעם וואָס איז באַגאַבט וועלן די לעקציעס און דיסקוסיעס באַ־לייכטן דעם וועג און אים פאַרהיטן פון פאַרבלאָנדזשן אין אַ זומפּ — ווי דאָס טרעפט צו אָפט אפילו מיט גרויסע טאַלאַנטן.

אָבער כאָטש דער דראַמאַטורג, וועט פיל פּראָפיטירן פון די לעקציעס און דיסקוסיעס, הויפּטזעכלאַך פון די לעצטע, האָב

איך אָבער דער עיקר געהאַט אין זינען דעם אינטעליגענטערן טעאַטער-ליבהאָבער, וועלכער איז די שטיצע און די האָפנונג פונם בעסערן אידישן טעאַטער. מיין הויפט-שטרעבונג איז געווען דעם דאָזיקן אומשעצבאַרן טעאַטער-גייער צו מאַכן פאַר אַ זעלבסטשטענדיקן מבין אויף אַ פּיעסע, כדי ער זאָל ניט קענען פאַרפירט ווערן פונם אומאויפריכטיקן, אָדער אַליין פאַרפירטן קריטיקער, אָנצונעמען פאַר הויכער קונסט יעדע פּרעטענציעזע זינלאָזיקייט, און כדי ער זאָל וויסן וואָס צו מאָנען פונם בעסערן אידישן טעאַטער.

ז. קאָרנבליטה

1.

דער קוואַל און די אייגנשאַפטן פון קונסט.

דער קוואַל פון קונסט איז די שעפערישע קראַפט וואָס ליגט אין מענטשן. די דאָזיקע קראַפט איז די מוטער פון צוויי אינסטינקטן:

1) דער אינסטינקט נאָכצומאַכן דער נאַטור, און

2) דער אינסטינקט דאָס נאָכגעמאַכטע צו פאַרפיי־פיינערן, צו פאַרהעכערן, אַריינצוברענגען אין דעם אָרדנונג, מאָס, האַרמאָני און אַרויסרופן פרייד און אַנטציקונג. אין דער קונסט־ליטעראַטור ווערן די אַלע שטרעבונגען פונם צווייטן אינסטינקט אויסגעדריקט דורך דעם איינעם וואָרט — „אי־דעאַליזירונג“.

דער אינסטינקט נאָכצומאַכן דער נאַטור, אַלץ וואָס מיר זעען, הערן און פילן אין איר, ווייזט זיך שוין אַרויס ביים קינד אין זיין שפּיל. די שפּילן אין „טאַטע־מאַמע“, „סאָל־דאַטן“, „ציג און וואָלף“ זיינען אַלע נאָכמאַכונגען פון דעם, וואָס דאָס קינד זעט און הערט און פילט. און דער פאַקט, אַז די נאָכמאַכונגען גייען שטענדיק צוזאַמען מיט שפּיל, און דער וויכטיקסטער און נויטיקסטער טייל פון אַלע שפּילן איז אילוזיע, וועלכעס מיינט פאַרבלענדן, איינריידן, זיך אַליין און אַנדערע, ווייזט אונז, אַז דער אינסטינקט פון נ אָ כ מ אַ־כ ו נ ג איז איינס וואָס איז דריי: ער איז תמיד באַגלייט פון ש פּ י ל און א י ל ו ז י ע.

אָבער פונקט ווי די נאָכמאַכונג פונם קינד אין זיין שפּיל איז נאָך ניט קונסט, פונקט ווי די נאָכמאַכונג פון דער מאַלפּע איז נאָך ניט קונסט, אַזוי איז די נאָכמאַכונג פונם דערוואַקסענעם מענטשן נאָך ניט קונסט. נאָכמאַכונג אַליין קען אָפט זיין בלויז אַ נאַריש מאַכן זיך, אַ פּוסטע שפּיל, העכסטנס — אַ קונץ, אַ בריה׳שאַפט. ווען איינער מאַכט נאָך ווי אַ קאַץ מיאוקעט, ווי אַ טייכל ברומט, ווי אַ פויגל זינגט, ווי אַ זאַאיקעוואַטער רעדט, ווי אַ קרומער גייט, קען ער אַמוזירן קליינע קינדער און עלטערע, וואָס זיינען ניט פיל אַנטוויקלטער ווי קינדער, אָדער וואָס געפינען זיך אין אַ קינדערשער שטימונג. די נאָכמאַכונג ווערט נאָר דעמאָלט דערהויבן צו דער מדרגה פון קונסט, ווען זי גייט צוזאַמען מיטן צווייטן אינסטינקט — דאָס נאָכגעמאַכטע צו א י ד ע א ל י ז י ר ן, דאָס הייסט:

ווען דאָס נאָכגעמאַכטע ווערט אַזוי איבערגעשאַפן, ווען עס ווערט אין דעם אריינגעבראַכט אַזאַ אָרדנונג, מאָס און האַרמאָני, אַז עס שפּיגלט אָפּ דאָס בילד פון דער נאַטור, אָדער פונם לעבן, אין אַ העכערער, מער אַנטציקנדער פאָרם.

און דאָס מיינט:

ווען דער מענש טראָגט אריין אין דעם נאָכגעמאַכטן זיין פּערזענלאכקייט, זיין נשמה, זיין געפיל פאַר שיינקייט, זיינע שטרעבונגען און אידעאַלען, זיין ליבע און זיין צאָרן.

די נאַטור האָט מוזיקאַלישע קלאַנגען. די קונסט מאַכט פון די איינפאַכע, מאָנאָטאָנע, צעוואָרפענע קלאַנגען, מעלאָדיען און סימפאָניען. דער מענטש שפּרינגט פון פרייד, פון איבערפלוס פון ענערגיע. די קונסט מאַכט פון דעם שפּרינגען אַ טאַנץ. דער מאַלער ק ל י י ב ט א ו י ס די לאַנדשאַפט, וואַרט אויף דער ריכטיקער באַלייכטונג, אויף דעם מאָמענט

ווען זי איז אין איר פולער פראַכט, נעמט פון דעם „אַרום" דאָס, וואָס גיסט זיך האַרמאָניש צונויף מיט איר, לאָזט אַרויס דאָס, וואָס שטערט איר האַרמאָני. מאָלט ער אַ מענטשן, ברענגט ער אַרויס דאָס אינטערעסאַנטסטע און וויכטיקסטע אין אים; ער מאָלט וואָס בולטער די כאַראַקטעריסטישע שטריכן, דאָס, וואָס גיט דעם מענטשן זיין באַזונדערע פּער־זענלאַכקייט, און שטרייכט ווייניקער אונטער דאָס, וואָס קען שטערן די כאַראַקטעריסטישע שטריכן. דאָסזעלבע איז מיטן סקולפּטאָר, און ביז צו אַ געוויסן גראַד איז עס אַזוי מיט יעדער אַרבעט, אין וועלכער דער מענטש טראָגט אַריין אָרדנונג, מאָס, האַרמאָני — צי דאָס איז אַ שיינע געביידע, צי אַן אַנט־ציקנדע בעט בלומען, צי אַ פּראַכטפול קלייד פון אַ פרוי, צי אַ מיטטיילונג פון געדאַנקען, דורך דעם געשפּראָכענעם אָדער געשריבענעם וואָרט — אויב נאָר מען זעט און מען פילט אין איר די פּערזענלאַכקייט פון איר מייסטער, זיין זין פאַר שיינקייט, זיין כח אַרויסצורופן פרייד און אַנטציקונג, איז זי קונסט.

ווען מיר צוגלידערן דעם אידעאַליזירונג־אינסטינקט גע־פינען מיר אַז ער איז אַ פאַראייניגונג פון דריי מענטשלאַכע שטרעבונגען:

1) די שטרעבונג צו טיילן געפילן מיט אַנדערע.

2) די שטרעבונג גובר צו זיין די נאַטור, בייקומען שוועריקייטן און שטערונגען, און

3) די שטרעבונג זיך אויסצוצייכענען, געווינען פאַר־ערונג און ליבע דורך דער אַרויסרופונג פון פרייד און אַנט־ציקונג.

ווען עטלאַכע מענשן זיצן צוזאַמען, וויל יעדער איינער עפּעס דערציילן, מיטטיילן אַן איבערלעבונג, אַן איינדרוק, אַ

גערדאַנק. אַזוי שטאַרק איז דער דאָזיקער באַגער, אַז אָפט פאַלט איינער אַריין דעם אַנדערן אין די רייד, און דער וואָס קען זיך באַהערשן זיצט אַן אומגעדולדיקער ביז דער אַנדע־רער ענדיקט.

ווען דער מענטש הויבט אָן צו טאָן אַן אַרבעט, מעג די אַרבעט זיין די אומוויכטיקסטע, קוים באַגעגנט ער אין איר שטערונגען, ווערט אין אים דערוועקט אַן אַמביציע, אַ שטאַר־קער איינגעשפּאַרטער ווילן די שטערונגען בייצוקומען און דורכפירן זיין אונטערנעמונג. נעמט אַזאַ נאַרישקייט: איר ווילט אָנרייבן אַ שוועבעלע און עס לאָזט זיך נישט. איר האָט הונדערט אַנדערע שוועבעלאַך, אָבער עס ווערט פאַר אייך אַ וויכטיקער ענין, אַ צולהכעיס, דוקא דאָס איינגעשפּאַרטע שוועבעלע אָנצוצינדען. און ווען איר האָט אויסגעפירט, פילט איר אַ באַפרידיגונג. איר האָט באַוויזן אַ גבורה!

און איטלאַכער ווייסט ווי יעדער מענטש, איינשליסנדיק דאָס קינד, זוכט אַרויסצעוויזן אַלץ, מיט וואָס די נאַטור האָט אים באַשאָנקען מער ווי אַנדערע, כדי צו געווינען אַכטונג און ליבע. עס איז נישט נאָר דער חזן וואָס שטופּט זיך צום עמוד. יעדער מענטש וואָס צייכנט זיך אויס מיט עפּעס, אָדער דענקט אַז ער צייכנט זיך אויס, איז אויף זיין פעלד פון טעטיקייט אַ חזן, וואָס וויל שטענדיק ווייזן ווי קונציק ער דאַוונט.

געטריבן פון די דריי איינגעבאָרענע שטרעבונגען, זוכט דער מענטש, וואָס באַזיצט די שעפערישע קראַפט, אַריינצו־טראָגן אין זיין אַרבעט די פיינסטע רעגונגען פון זיין נשמה, וואָס קענען זיך האַרמאָניש צונויפגיסן מיט דער אַרבעט, און ער לייגט אַוועק אַלע כחות בייצוקומען די שטערונגען פאַר דער האַרמאָנישער צונויפגיסונג. און ווען דאָס געלינגט אים

לעבט ער איבער די העכסטע פרייד, דערפרייט די הערצער פון אַנדערע און געווינט זייער פאַרערונג און ליבע. ער האָט געשאַפן אַ קונסטווערק און האָט דעם קינסטלערס באַלוינונג.

זעען מיר, אַז דער צווייטער קונסט־אינסטינקט, אידעאַליזירונג, פונקט ווי דער ערשטער, נאָכמאַכונג, איז אויך איינס וואָס איז דריי.

און מיר זעען אויך, אַז אידעאַליזירונג שטייט פיל העכער, האָט אַ פיל גרעסערן כח, ווי נאָכמאַכונג. אין דער צייט וואָס אויף נאָכמאַכונג הויבט ערשט דעמאָלט אָן רוען די שכינה פון קונסט, ווען זי באַהעפט זיך מיט אידעאַליזירונג, איז אידעאַליזירונג, אויך אָפגעטיילט פון נאָכמאַכונג, אַליין קונסט אין אַ גאַנץ הויכן גראַד.

אָבער די העכסטע מדרגה פון קונסט ווערט דערגרייכט ווען נאָכמאַכונג ווערט צונויפגעגאָסן מיט אידעאַליזירונג, און צווישן אַלע קונסטן פון דער דאָזיקער העכסטער מדרגה פאַרנעמט דעם אויבן־אָן די קונסט פון דיכטונג.

וואָרים דיכטונג שליסט איין אין זיך אַלע שטומע קונסטן. דער דיכטער שאַפט ריטם און מעלאָדיע ווי אין מוזיק, רעגט אונזער נשמה און באַוועגט אַלע אונזערע אברים צום טאַנץ, מאָלט אונז בילדער און קנעט פאַר אונז אויס סטאַטועז. און דאָס אַלעס טוט ער מיטן שם המפורש פונם וואָרט, מיט דער שפראַך — די העכסטע, די וואונדערלאכסטע, דערגרייכונג פונם מענטשן, וועלכע שטעלט אים העכער פון אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן און גיט אים די מיטלען מיטצוטיילן זיינע מיטמענטשן די פיינסטע רעגונגען און טיפסטע סודות פון זיין נשמה, דעם געוואַגטסטן שוואונג און די העכסטע דערגרייכונגען פון זיין געדאַנק. און צו דעם געטלאכן אינסטרומענט

האָט ער פאַר זיין שטאָף דאָס גאַנצע לעבן אין אַלע זיינע אומצייליקע און פאַרשיידנאַרטיקסטע צוזאַמענשטויסונגען און קאָמבינאַציעס.

.2

די דריי פאָרמען פון דיכטונג.

די שעפערישע קראַפט פונם דיכטער, ווי פון יעדן קינסטלער, איז זיין רייכע פאָרשטעלונגס־קראַפט און זיין אומאויסשעפּלאַכער קוואַל פון געפילן, וועלכע ער קען אַרויס־געבן פון זיך אויף אַזאַ כשופדיקן אופן, אַז ער שטעקט אונז אָן מיט זיי.

מיר זעען זיינע וויזיאָנען, מיר פליען צוזאַמען מיט אים אויף זיין פעגאַזוס. אונזערע נשמות ווערן אָנגעפילט מיט זיין פרייד און מיט זיין צאָרן. אָבער ווייל דעם דיכטערס שטאָף איז דאָס גאַנצע אומבאַגרעניצטע לעבן, אַלץ וואָס עס איז אין דעם אַנטפלעקט און וואָס דער מענטשלאַכער גייסט רייסט זיך צו אַנטפלעקן, הויבט זיך זיין פאַנטאַזיע אויף איבער די העכסטע הויכקייטן און נידערט אַראָפּ אין די טיפסטע טיפ־קייטן, און זיין נשמה איז אַן אייביקער שטורמדיקער ים. ער לעבט מיטן לעבן פון דער גאַנצער מענטשהייט. אַלעס אינטערעסירט אים. יעדע פּראָבלעם גיט אים קיין רו ניט. יעדע זינלאָזע געזעלשאַפטלאַכע לאַגע רופט אין אים אַרויס צאָרן און גיפטיק געלעכטער. ער איז אַ נביא און אַ דענקער. נאָר זיינע געדאַנקען און געפילן ווערן אין זיין פאַנטאַזיע פאַרקערפּערט אין בילדער. ער איז אַ ז ע ה ע ר, און דאָס וואָס ער זעט מוז ער איבערגעבן. דאָס איז גאָטס באַ־פעל צום נביא: „מענטשן־זון! וואָס דו זעסט — זאָג!“

און ער זאָגט אין דריי הויפּט-פאָרמען:

1) די דערציילנדע.

2) די לירישע.

3) די דראַמאַטישע.

מיט דער אָרדנונג, אין וועלכער איך האָב אַוועקגעשטעלט די דריי פאָרמען, באַצוועק איך ניט אויסצודריקן גראַדן פון גרויסקייט, העכערע און נידעריקערע קונסט-שטופן. כמעט אַלע טעאָרעטיקער טיילן אוים עליות, שטעלן די דערציילונג איבער דער ליריק, אָדער די ליריק איבער דער דערציילונג, און די דראַמע איבער ביידע. אין די לעצטע יאָרן, ווען עס איז געוואָרן „מאָדערן" און וואויל-יונגעריש אָפּצולייקענען אַלץ וואָס איז אַלט, צו זאָגען פאַרקערט, אפילו ווען דאָס איז אַ דראַפּען זיך אויף די גלייכע ווענט, הערט מען שוין אָפּט אַ מיינונג, אַז די דראַמע איז פיל נידעריקער ווי די ערשטע צוויי פאָרמען, און זי דאַרף גאָר אינגאַנצן פאַרטריבן ווערן פונם טעמפּל פון דער שיינער ליטעראַטור. און די מיינונג ווערט מיט גרוים באַגייסטערונג אונטערשטיצט פון די פּאָ-עטן און בעלעטריסטן, וואָס האָבן געפּרואווט זייערע כחות אויפן פעלד פון דער דאַזיקער „נידעריקער" קונסט אָן דער-פאָלג. ביידע גרופּן עליות-אויסטיילער מאַכן זיך לעכערלאך. אין יעדער פון די דריי פאָרמען דערגרייכט דער אמתער מייסטער די העכסטע און אַנטציקנדסטע קונסט-שטופע. די אָרדנונג אין וועלכער די דריי פאָרמען זיינען אַוועקגעשטעלט באַציט זיך נאָר אויף דער כראָנאָלאָגיע פון זייער אַנט-שטייאונג.

די דערציילונג-פאָרם קומט צום ערשטן, ווייל קינדער טראַכטן שוין אוים פאַנטאַסטישע מעשהלאך און דערציילן

זיי. און ווילדע פעלקער, ביי וועלכע עס האָט זיך נאָך ניט אַנטוויקלט דער זין פאַר ריטם און האַרמאָני, האָבן שוין מעשהלאַך און לעגענדעס. און אַז די ליריק קומט פאַר דער דראַמע איז ערשטנס אַ היסטאָרישער פאַקט. די פעלקער וואָס האָבן אַ דראַמאַטישע ליטעראַטור האָבן לאַנג פריער געהאַט לידער, וועלכע האָבן אויסגעדריקט די נשמה-רעגונגען און דעם געדאַנקען-שוואונג פון באַגייסטערטע פּאָעטן. און צווייטנס באַווייזן דאָס אונז די פעלקער, וואָס האָבן ניט קיין דראַמע — דערמיט וואָס זיי האָבן אַלע אַ לירישע ליטעראַטור.

די דראַמאַטישע פאָרם האָט זיך אַנטוויקלט צום לעצטן, ווייל:

1) זי איז מער קאָמפּליצירט ווי די ערשטע צוויי פאָר-מען און האָט דעריבער מער שוועריקייטן בייצוקומען פונם שטאַנדפּונקט פון טעכניק.

2) די ערשטע צוויי און אַלע אנדערע קונסטן אַרבעטן נאָר פאַר איין חוש, אָדער פאַרן אויער, אָדער פאַרן אויג. די דראַמע אַרבעט פאַרביידע חושים.

3) די ערשטע צוויי פאָרמען זיינען סוביעקטיווע, פּערזענלאַכע. דער דיכטער רעדט צו אונז דירעקט, דער-קלערט, צאָרנט, שפּעט. די דראַמע איז אָביעקטיוו, אומפּער-זענלאַך. דעם דיכטערס אייגענע נשמה און די נשמות פון זיינע כאַראַקטערן ווערען פאַר אונז אַנטפּלעקט דורך די גע-שפּרעכן און האַנדלונגען פון די כאַראַקטערן. און

4) צוליב דער דריטער אורזאַכע קען דורך דער דראַ-מאַטישער פאָרם דערגרייכט ווערן אַ פּיל העכערע קינסט-לערישע גאַנצקייט, ווי אין די ערשטע צוויי פאָרמען.

.3

די פאָרם און דער מאַטעריאַל פון אַ דראַמאַטישן ווערק.

ניט יעדער מאַטעריאַל איז ווערט מען זאָל אַרבעטן אי־בער אים און אים געבן אַ קינסטלערישע פאָרם. און ניט יעדער מאַטעריאַל לאָזט זיך אַריינפּאַסן אין אַ דראַמאַטישער פאָרם. כדי דאָס קלאָר צו מאַכן, מוזן מיר פריער אויספיר־לאַכער דערקלערן דעם אונטערשייד צווישן אַ דראַמאַטישן ווערק און אַ דיכטונג פון די ערשטע צוויי פאָרמען.

דער טייטש פונם וואָרט ד ר אַ מ ע איז האַנדלונג. אין דער דראַמע ווערן די פּאַסירונגען ניט ד ע ר צ י י ל ט, נאָר זיי טוען זיך אָפּ פאַר אונזערע אויגן. און אפילו די קלייניקייטן וואָס ווערן דערציילט, ווערן ניט דערציילט פונם דיכטער, נאָר פון די האַנדלענדע פּערזאָנען. דער פאַרפאַסער שטייט אינגאַנצען אויף אַ זייט. ער עקזיסטירט ניט פאַר אונז.

אין אַ דערציילונג, אָדער אַן עפּישן געדיכט, איז אויך דאָ האַנדלונג, און אַ סך ווערט דערציילט דורך די העלדן, אָבער דער פאַרפאַסער נעמט אַלע מאָל אַליין דאָס וואָרט. ער דערקלערט די נאַטורן פון די העלדן, די מאָטיוון פון זייערע האַנדלונגען, זאָגט אַרויס פאַר אונז אַ פילאָזאָפישן גע־דאַנק. אין אַ דראַמע ווערן די נאַטורן, מאָטיוון, פילאָזאָפישע אָנשויאונגען פון די העלדן פאַר אונז קלאָר ד ו ר ך ז י י ־ ע ר ע ה אַ נ ד ל ו נ ג ע ן א ו ן ג ע ש פּ ר ע כ ן.

„דו האָסט דאָ גאָר ניט וואָס צו טאָן". „דאָנ'ט באָט אין!"— זאָגט די דראַמע צום פאַרפאַסער. און דאָס איז זייער אַ שווערע זאַך. ערשטנס איז שוין די נאַטור פון אַ דיכטער צו וועלן אַ ר י י נ ר י י ד ן, אַרויסזאָגן אַ פילאָזאָפישן געדאַנק, אַ חכמה, און דאָס צוריקהאַלטן זיך פון דעם איז פאַר אים אַ גרויסער נסיון, אַזוי ווי אַ איד, וואָס איז געצוואונגען צו ריידן און ניט מאַכן מיט די הענט. און, צווייטנס, פאָדערט זיך אַ זייער פיינער דיכטערישער אינסטינקט צו פילן ביי יעדער פראַזע און ווערטל: צי איז עס אין פולשטענדיקן איינקלאַנג מיטן כאַראַקטער פון דער פערזאָן, וועלכע זאָגט זיי, און מיט דער ראָלע, וואָס די פערזאָן האָט אין דער האַנדלונג.

דעריבער ווערן אַזוי פיעל דראַמאַטורגן געשטרויכלט אויף דעם פונקט, און דוקא באַגאַבטע און באַרימטע דראַמאַטורגן. אָבער אַן עברה ווערט ניט אויס עברה, אפילו ווען דער רב אַליין טוט זי. קוים רעדט צו אונז אַ פאַרפאַסער פון אַ דראַמע דורכן מויל פון אַ האַנדלענדע פערזאָן, איז זיין ווערק שוין ניט קיין קונסט אין פולן זינען פון דעם וואָרט. עס האָט שוין פגינות, מעג עס אין יעדער אַנדערער הינזיכט זיין ווי גרויס. ביים באַגאַבטן דראַמאַטורג ווערען די דאָזיקע פגימות טיילווייז פאַרדעקט פון דער שטאַרקער און אינטערעסאַנטער האַנדלונג און פון אַ סך אַנדערע מעלות. זיין ווערק איז ווי גאָלד, אין וועלכן עס ווערט אַריינגעמישט אַ גאַנץ קליינינקער טייל פון אַ בילינגערן מאַטעריאַל, עס זעט זיך ניט שטאַרק אָן. אָבער קיין ריין גאָלד איז עס שוין ניט.

ד ר אַ מ ע מיינט ה אַ נ ד ל ו נ ג. דער עיקר המעשה מוז זיך אָפּשפּילן פאַר אונזערע אויגן און וואָס עס מוז דער-

ציילט ווערן מוז דערציילט ווערן פון די האַנדלענדע פּער־זאָנען, ניט ווי אַ שטיק אינפאָרמאַציע וואָס דער פאַרפאַ־סער גיט אונז דורך זייערע מיילער. נאָר עס מוז געשאַפן ווערן אַזאַ סיטואַציע, אַז עס זאָל זיין נאַטירלאַך פאַר זיי אונטער די אומשטענדן און אין דעם באַשטימטן מאָמענט צו פירן אַזאַ געשפּרעך, וואָס זאָל אונז באַקענען מיט די פּאַסירונגען, וואָס קענען ניט און דאַרפן ניט געוויזן ווערן.

„אַ פולקאָמע האַנדלונג" — זאָגט אַריסטאָטל — דער גרויסער גייסט וואָס איז, ניט קוקנדיק אויף אַלע נייע שולן און „נייע וועגן", נאָך עד היום דער גרעסטער אויטאָריטעט אין פראַגן פון עסטעטיק און דראַמאַטישער טעכניק — „איז אַ האַנדלונג, וועלכע האָט אַן אָנהויב, אַ מיט און אַן ענד".

דערפון קען מען גלייך זען, אַז ניט יעדער מאַטע־ריאַל קען דינען פאַר אַ טעמע פון אַ דראַמע.

אין דער צייט וואָס פאַר אַ געדיכט, אָדער אַ סקיצע, איז גענוג אַן איינדרוק, אַן אויסגוס פון געפילן, אַ שילדערונג פון אַ כאַראַקטער, אַ מאָמענט, אָדער אַ פראַגמענט, פון אַ מענטשנס לעבן, איז דאָס פאַר אַ דראַמע ניט גענוג.

פאָרשטעלן אַ כאַראַקטער, אָדער עטלאַכע כאַראַקטערן, איז ניט קיין דראַמע. שילדערן אַן אָפּגעריסענעם מאָמענט פונם לעבן פון אַ מענטשן, אָדער פון עטלאַכע מענטשן, מעג דער מאָמענט זיין ווי וויכטיק, און מעג ער זיך ציען ווי לאַנג, און מעג די שילדערונג זיין ווי קינסטלעריש, איז ניט קיין דראַמע. עס מוז זיין אַ גאַנצע האַנדלונג, וועלכע האָט אַן אָנהויב, אַ מיט און אַ שלוס.

דער אָנהויב איז אַ געוויסער פאַקט, אָדער צושטאַנד. די מיט איז וואָס עס האָט זיך אַנטוויקלט פון דעם פאַקט

אָדער צושטאַנד, און דער שלום — דער ענדלאַכער רעזולטאַט פון דער אנטוויקלונג.

צום ביישפיל: אין „ראָמעאָ און דזשוליעט" איז דער אָנהויב די טויט-פיינדשאַפט צווישן די פאַמיליעס מאָנטאַגיו און קאַפּולעט. דאָס איז אַ פאַקט, אַ צושטאַנד. מען קען ניט און מען דאַרף ניט פרעגן און געבן דערקלערונגען: וואָרום הערשט אַזאַ שרעקלאַכע פיינדשאַפט צווישן די פאַמיליען? דאָס איז אַ פאַקט און דער דאָזיקער פאַקט דינט פאַר אַן אָנהויב פאַר דער דראַמע. די מיט איז דאָס, וואָס פון דער פיינדשאַפט צווישן די צוויי פאַמיליען האָט זיך אַנטוויקלט: זייערע קינדער האָבן זיך פאַרליבט און זיינען געשטערט געוואָרן פון די עלטערן. די טראַגעדיע וואָס איז אַרויסגעקומען פון דער געשטערטער ליבע איז דער שלום.

דאָס ערשטע וואָס אַ שרייבער, וועלכער וויל זיך נעמען פאַרפאַסן אַ דראַמע, דאַרף זיך פרעגן, איז: צי אַנטהאַלט דער מאַטעריאַל, וועלכן ער וויל געבן אַ דראַמאַטישע פאָרם, אַ פול-שטענדיקע האַנדלונג, אַן אָנהויב, אַ מיט און אַ שלום, דאָס הייסט: אַ פאַקט, אַן אַנטוויקלונג פונם פאַקט, און אַ פאַסירונג, וואָס איז דער ענדלאַכער רעזולטאַט פון דעם וואָס עס האָט זיך אַנטוויקלט פונם פאַקט.

אָבער דאָס אַליין איז נאָך ניט גענוג.

דער מאַטעריאַל מוז ווערט זיין די אַרבעט. פון פויל אָדער ביליק האָלץ מאַכט מען ניט קיין אַרטיסטיש-אויסגעאַרבעט מעבל. מען פאַסט ניט איין קיין ביליקן אָפּ-געקראַכענעם פאַרטרעט אין אַ טייערן ראַם.

דער מאַטעריאַל פאַר אַ דראַמע, ווי בכלל פאַר אַ קונסט-ווערק, דאַרף זיין אַ וויכטיקע און אינטערעסאַנטע שטיק לעבן, אַ טעמע וואָס זאָל באַוועגן די געמיטער, מאַכן שטאַרקער

קלאַפּן די הערצער און געבן דעם מח שטאָף צום דענקען. קונסט, די קונסט וואָס לעבט און פאַרבלייבט, באַשטייט אין אָנכאַפּן דאָס סאַמע וויכטיקע, דאָס סאַמע קאָכעדיקע און אויפרעגנדע און געוויס מוז דאָס זיין אַ הויפּט־באַדינגונג פון דער דראַמאַטישער קונסט, וועלכע איז אַ סך ווירקזאַמער ווי אַלע אַנדערע קונסטן. די דראַמאַטישע קונסט רעדט צום אויג, צום אויער און צו די געפילן. די מענטשן וואָס האָבן געזען אַ גוטע דראַמע, געדענקען זי זייער גאַנצען לעבן, וואָרים זיי האָבן געזען טאַטן פון מענטשן, ניט אַ שטיינערנע סטאַטוע אָדער אַ בילד פון פאַרב. זי רעדט צו מענטשן, וועלכע קענען ניט לעזן קיין בוך און צו די, וועלכע זיינען צו מיד צו לעזן ביכער. איר פובליקום איז די גאַנצע מענטשהייט, און זי קען מער באַאיינפלוסן די מענטשן, ווי אַלע אַנדערע קונסטן צוזאַמענגענומען.

און צוזאַמען מיט יעדן קונסטווערק האָט דער מאַטעריאל פון דער דראַמע אַ דריטע הויפּט־באַדינגונג: די האַנדלונג מוז טראָגן אַן אוניווערסאַלן כאַראַקטער. דאָס הייסט: זי מוז האָבן אין זיך דעם עלעמענט פון אַלמענטשלאַכקייט; פון דעם קאַמף און די שטרעבונגען און די ליידנשאַפטן, פון די האַנדלענדע פּערזאָנען, מוז זיך פילן דער קאַמף און די שטרעבונגען און די ליידנשאַפטן פון דער גאַנצער מענטשהייט; דאָס געוויזענע בילד מוז זיין אַן אָפּשפּיגלונג פון טויזנטער און טויזנטער ענלאַכע בילדער אין לעבן.

דער רוסישער קריטיקער און עסטעטיקער ביעלינסקי דריקט אוים די דאָזיקע הויפּט־באַדינגונג אויף דעם פאָלגנדן אופן:

„די פאַסירונג פונם קונסטווערק טאָר ניט זיין ענלאך ווי צוויי טראָפּן וואסער צו א געוויסער פאַסירונג אין לעבן. אָבער טויזנטער און טויזנטער פאַסירונגען אין לעבן דאַרפן זיין ענלאך צו איר".

דאָס מיינט, אַז די פאַסירונג אין דער דראַמע טאָר ניט זיין קאָפּירט פון א געוויסער פאַסירונג אין לעבן, וועלכע קען זיין א פאַראיינצלטער, משונהדיקער פאַל, וואָס קען טרעפן איין מאָל אין טויזנט יאָר. אַזאַ פאַסירונג קען האָבן א היסטאָרישן ווערט, א וויסנשאַפטלאכן ווערט. זי האָט אָבער ניט קיין קונסט־ווערט. די פאַסירונג פון דער דראַמע דאַרף געבאָרן ווערן אין דעם דיכטערס פאָרשטעלונג און מוז זיין לעבן, ווירקלאכקייט, אַזוי איבערגעשאַפן, אַז זי זאָל טראָגן אַן אַלמענטשלאכן, אַן אוניווערסאַלן כאַראַקטער.

מיט דער האַנדלונג איז דיזעלבע זאַך ווי מיט די פערזאָנען פון דער האַנדלונג.

יעדער ווייסט, אַז א פערזאָן פון א קונסטווערק איז אי א כאַראַקטער, אי א טיפּ. דאָס הייסט, דער מענטש וואָס ווערט פאָרגעשטעלט איז א שאַרפע אינדיווידואַליטעט, מיט באַזונדערע בולטע כאַראַקטער־שטריכן און אין דערזעלבער צייט איז ער א טיפּ — א סימבאָל, א ביישפיל פון טויזנטער און טויזנטער מענטשן פון זיין קלאַס, נאַציאָן, אָדער ראַסע. אַזוי דאַרף אויך זיין די האַנדלונג.

אַן איינצלנע, שאַרף־פאָרגעשטעלטע פאַסירונג, וועלכע איז אין דערזעלבער צייט אַן אָפּשפּיגלונג, א ביישפיל פון טויזנטער און טויזנטער פאַפירונגען אין לעבן, וואָס זיינען ענלאך צו איר.

4.

איין אייִנהייט אָדער דריי אייִנהייטן?

פון יעדן קונסטווערק ווערט געפאָדערט, עס זאָל האָבן אָרגאַנישע אייִנהייט. דאָס איז אַ פונדאַמענטאַל געזעץ, אַ שטרייִנגער עיקר, וועלכער איז באַגרינדעט — ווי מיר וועלן שפּעטער ווייזן — אויף די הויפּט־באַדינגונגען פון שיינקייט און האַרמאָני.

אָרגאַנישע אייִנהייט מיינט, אַז אַלע טיילן פון דער האַנדלונג מוזן זיין פאַרבונדן דורך איין לעבנסקראַפט וואָס פליסט דורך זיי, און יעדער טייל מוז זיין אַ נויטיקער און לעבעדיקער גליד פונם גאַנצן, אַזוי ווי אַלעס וואָס לעבט און וואַקסט.

יעדער באַזונדער אבר פונם מענטשן איז אַ נויטיקער און לעבעדיקער טייל פון גאַנצן קערפּער. ווען מען גיט אַ שניט איין אבר טוט וויי אַלע איבעריקע אברים. ווען עס פעלט איין אבר קען זיך דער גאַנצער קערפּער אָן אים ניט באַגיין. אָדער עס איז אים ווייניקסטנס שווער אָן אים אויסצוקומען — אויף אַזאַ אַרט, לויט דעם פּרינציפּ, דאַרף געשאַפן ווערן די האַנדלונג פון אַ דראַמע.

יעדע פּערזאָן אין דער האַנדלונג דאַרף זיין אַ נויטיקער טייל פונם גאַנצן. עס טאָר ניט אַרייַנגעשטעלט ווערן אַ פּערזאָן בלויז צו אַמוזירן דעם עולם, צו זאָגן וויצן, מאַכן קאָמישע שטיק, אָדער האַלטן דרשות. עס טאָר ניט אַרייַנגעשטעלט ווערן אַ פּערזאָן בלויז אום עס זאָלן זיין מער מענטשן אויף דער בינע. עס טאָר ניט אַרייַנקומען אַ סצענע מיט דעם

איינעם צוועק צו מאַכן דאָס פּובליקום וויינען אָדער לאַכן. אַלעס אין דער האַנדלונג מוז זיין אַזוי צענויפגעוואַקסן, אַז ווען מען שנייט אָפּ איין גליד — אַ פּערזאָן, אַ סצענע — זאָל די גאַנצע האַנדלונג ליידן. דאָס בלוט פונם הארץ פון דער האַנדלונג מוז פליסן אין אַלע אירע טיילן.

אַ חוץ דער אָרגאַנישער איינהייט פון דער האַנדלונג זיי־נען דאָ נאָך צוויי איינהייטן, וואָס וועגן זייער נויטווענדיקייט זיינען פאַראַנען אַ סך פּלוגתא׳ס און חלוקי דעות:

1) איינהייט פון צייט.

2) איינהייט פון פּלאַץ.

איינהייט פון צייט הייסט, אַז אַלעס מוז פּאַסירן אין אַ צייט פון העכסטנס 24 שטונדן.

איינהייט פון פּלאַץ הייסט, אַז אַלעס זאָל פאָרקומען אין איין פּלאַץ, אין איין שטוב, אָדער העכסטנס אין איין שטאָט.

אָבער אין דער צייט וואָס אָרגאַנישע איינ־הייט פון דער האַנדלונג איז אַן אומבאַ־שטרייטבאַרע באַדינגונג פון יעדן קונסטווערק, אַ באַדינגונג וואָס איז באַגרינדעט אי אויף די געזעצן פון לאָגיק, אי אויף די געזעצן פון שיינקייט און האַרמאָני, אי אויף די געזעצן פון שאַפונג אין דער נאַטור, זיינען די אַנדערע צוויי איינ־הייטן ניט מער ווי דאָגמען און אומנויטיקע פּענטעס פאַרן דיכטער

אפילו אין אַ וויסנשאַפטלאַכן אָדער פּובליציסטישן אַר־טיקל, פאָדערט די לאָגיק, אַז דער שרייבער זאָל ניט פאַר־קריכן קיין בויבעריק, ניט אַריינברענגען אַזעלכע עלעמענטן וואָס זיינען ניט נויטיק פאַר דער דערקלערונג און באַלייכטונג פון דער טעמע. נאַטירלאַך פאָדערט דיזעלבע לאָגיק נאָך מיט מער שטרענגקייט, אַז אין אַ קונסט-ווערק זאָלן ניט

אריינגעשלעפּט ווערן קיין איבעריקע, אומנויטיקע פּערזאָנען און סצענען. קונסט מיינט שיינקייט, האַרמאָני, און די איבעריקע פּערזאָן אָדער סצענע איז אַ נאָכשלעפּעניש, אַן אבר המדולדל, וואָס מאַכט קאַליע די שיינקייט און האַרמאָני פונם ווערק. קונסט איז איבערגעשאַפן לעבן, און יעדע לעבעדיקע און וואַקסנדיקע זאַך אין דער נאַטור, אויב עס איז נאָר ניט פאַרקריפּלט, האָט אָרגאַנישע אייניהייט.

אָבער אייניהייט פון צייט און אייניהייט פון פּלאַץ זייגען ניט באַגרינדעט אויף קיין אייניציקע פון די דריי געזעצן.

אין לעבן שפּילט זיך ניט אָפּ קיין טראַגעדיע אויף איין פּלאַץ און אין דער קורצער צייט פון איין מעת-לעת, פּונקט ווי אַ פיין-אַנטוויקלטער אָרגאַניזם — אַ מענטש, אַ בוים — וואַקסט ניט אויס אין איין מעת-לעת. אַ טראַגעדיע פון אַ מענטשן קען זיך אָנהויבן אין רוסלאַנד, זיך אַנטוויקלען אין ענגלאַנד און זיך ענדיקן אין אַמעריקע. און עס גייט, געווײנלאַך, אַוועק אַ היפּשע צייט, גאַנץ אָפט אַ סך יאָרן, צווישן דעם אָנהויב און דער ענדע. ווי נאָר מיר קומען צו צום ווירקלאַכן לעבן ווייזן זיך די לעצטע צוויי אייניהייטן אַרויס פאַר דאָגמען אָן אַ שום זין און פאַר שטריק וואָס בינדען דעם דיכטער די הענט. צוליב די לעצטע צוויי אייניהייטן איז דער אויטאָר געצוואונגען צו געברויכן אַ טעכניק וואָס איז ניט טעאַטראַליש — צו מאַכן ר ע ד ן די האַנדלענדע פּערזאָנען וועגן וויכטיקע פּאַסירונגען, וואָס האָבן געפירט צו דער דראַמע, אָנשטאָט צו ו ו י י ז ן די פּאַסירונגען, און דאָס נעמט אַוועק זייער פיל פונם אינטערעס פון די צושויער און מאַכט אָפט אַ פּלאָנטער אין זייערע מחות.

די הויפּט-טענה פון די קעמפער פאַר דער דרייאייניקייט-דאָגמע איז, אַז אַ דראַמע דאַרף זיין אַזוי ווי אַ בילד, אָדער

אַ סטאַטוע, וועלכע האָבן, אַ חוץ אָרגאַנישע איינהייט, אויך איינהייט פון צייט און אָרט. פאַרשטייען זיי אָבער ניט אַז אין בילד, אָדער אין דער סטאַטוע, זיינען די לעצטע צוויי איינהייטן אומפאַרמיידלאך, ווייל אין זיי ווערט פאַרגעשטעלט איין איינציקער מאָמענט פון אַ לעבן, איין פּינטעלע פון דער נאַטור, אין אַ פאַרגליווערטער פאָרם. אין דער דראַמע זיינען אָבער די לעצטע צוויי איינהייטן אומנאַטירלאך, ווייל אין דער דראַמע וואַקסט פאַר אונזערע אויגן אוים אַ פּילפּאַכיק לעבן פון מענטשן מיט שטורמדיקע ליידנשאַפטן, וועלכע קעמפן קעגן זיך אַליין און איינע קעגן די אַנדערע. ווי קען מען פאַרקרעמפּעווען דאָס וואָס וואַקסט און אַנטוויקלט זיך פאַר אונזערע אויגן מיט צייט און אָרט?

עס ווייזט אוים, אַז דער דריי-איינהייטן פּרינציפּ האָט אַזוי שטאַרק אַפּעלירט צו די פראַנצויזישע קלאַסיקער ווייל ער האָט געגעבן דער קונסט אַ גרונט-פּרינציפּ פון דער קריסטלאַכער רעליגיע. אָבער פאַר דער דראַמע האָבן זיך די דריי איינהייטן אַרויסגעשטעלט פאַר פּונקט אַזאַ אומנאַטירלאַכקייט, ווי די דרייאייניקייט פון דער קריסטלאַכער רעליגיע. און געבליבן הערשן אין דער דראַמע איז דער אידישער רעליגיאָנס-פּרינציפּ פון איין איינהייט.

דער דאָזיקער מערקווירדיקער דערשיינונג, ווי דער אידישער מאָנאָטעאיזם אַנטפּלעקט זיך אין דער דראַמע, וועלן מיר ווידמען אַ באַזונדער קאַפּיטל.

.5

דער סילאָגיזם פונם סוזשעט.

מיר האָבן באַוויזן מיטן שכל די אַבסאָלוטע נויטוועגדי־קייט פון אָרגאַנישער איינהייט אין קונסט און די דאָגמאַטיש־קייט פון די אַנדערע צוויי איינהייטן. דאָס איז פאַר אונז געווען אַ לייכטע אַרבעט, ווייל עס איז בכלל ניטאָ קיין גע־זעץ אין קונסט, וואָס האָט ניט קיין לאָגישע באַגרינדונג. אַריסטאָטלס געזעץ, אַז אַ דראַמע מוז האָבן אַ האַנדלונג, וועל־כע האָט אַן אָנהויב, אַ מיט און אַן ענד, איז אויך ניט קיין דאָגמע, אָדער באַפעל, אַן אַ טעם.

אַ האַנדלונג פון אַ דראַמע איז אַן אַרגומענטאַציע אין לעבעדיקע בילדער. דורך די מענטשלאַכע האַנדלונגען אונ־טער געוויסע אומשטענדן, וואָס דער באַגאַבטער פאַרפאַסער ווייזט אונז, ווערט אַרויסגעבראַכט אַ געדאַנק, אַ וואַרהייט, אַ וויכטיקער אַרגומענט.

אין „קעניג ליר“ — די אומדאַנקבאַרקייט פון קינדער. אין „אָטעלאָ“ — די שוידערלאַכע רעזולטאַטן פון אייפערזוכט. אין „די וועבער“ — די טרויעריקע עקאָנאָמישע איינריכטונגען, אונטער וועלכע מיר לעבן און צו וואָס זיי וועלן ענדלאַך פירן. און יעדע לאָגישע אַרגומענטאַציע דאַרף אויפגעשטעלט ווערן, אָדער קענען צעטיילט ווערן, אויף דריי טיילן, וועלכע בילדן, וואָס מען רופט אין דער לאָגיק — אַ סילאָגיזם.

אַ סילאָגיזם הייסט אַן אַרגומענט אין דער פאָלגנדער פאָרם:

אַ גרעסערע צאָל מענטשן איז אַ שטאַרקערע מאַכט, ווי אַ קלענערע צאָל.

די אַרבעטער זיינען גרעסער אין צאָל ווי די קאַפּיטאַל־ליסטן —

דעריבער זיינען די אַרבעטער אַ שטאַרקערע מאַכט ווי די קאַפּיטאַליסטן.

דאָ האָבן מיר אַ פאַקט, אָדער אַ באַהויפּטונג, וועלכע מיר גיבן אָן פאַר אַ פאַקט. דער פאַקט ווערט אַנטוויקלט, ער נעמט אָן אַ באַשטימטן כאַראַקטער. דאַן קומט דער שלוס, אָדער רעזולטאַט.

דער ש כ ל איז דעריבער מחייב, אַז די האַנדלונג פון אַ דראַמע, וועלכע איז אַן אַרגומענטאַציע אין בילדער, דאַרף האָבן די פאָרם פון אַ לאָגישן אַרגומענט.

אין די אַלטע דראַמען ווערט דער סוזשעט אָפט אָנגערופן „דער אַרגומענט". און ווי גרויס עס זאָל ניט זיין די צאָל און די וויכטיקייט פון די קינסטלער און קריטיקער, וואָס לאַכן אָפּ פון געזעץ און לאָגיק און טענדענץ אין קונסט, האָט דאָך די קונסט פעסטע פּרינציפּן, וואָס זיינען באַגרינדעט אויף אייזערנער לאָגיק און יעדעס קונסטווערק האָט אַן אַרגומענט, אַ דרשה, אַ חקירה, צי זי איז אַריינגעבראַכט געוואָרן מיטן קינסטלערס באַוואוסטזיין, צי אָן זיין באַוואוסטזיין.

.6

די פונדאַמענטאַלע אידייע און איר ראָלע אין דער שאַפונג און אין דער קריטיק פון אַ קונסט־ווערק.

ווי אַזוי ווערט די אָרגאַנישע איינהייט פון אַ דראַמאַ־טישן קונסטווערק דערגרייכט? וואָס איז די לעבנס־קראַפט וואָס פליסט דורך אַלע טיילן פון דער האַנדלונג?

פון אַלע גרויסע אויסטייטשער פון אַריסטאָטלס לערע וועגן דראַמע, איינשליסנדיק אפילו לעסינגן, גיט דער רוסי־שער קריטיקער ביעלינסקי דעם קלאָרסטן ענטפער אויף דער פראַגע.

ריידנדיק וועגן גאָגאָלס „רעוויזאָר“ זאָגט ביעלינסקי:

„אַ טראַגעדיע אָדער אַ קאָמעדיע, ווי יעדעם אַנדער קונסטווערק, דאַרף פאָרשטעלן מיט זיך אַן אָפּגעזונדערטע, אין זיך אַליין איינגעשלאָסענע וועלט. די גאַנצע האַנדלונג מוז האָבן אָרגאַנישע איינהייט. זי דאַרף אַרויסקומען ניט פון איר אויסערלאַכער פאָרם נאָר פ ו ן ד ע ר א י ד י י ע וו אָ ס ל י ג ט א י ן א י ר פ ו נ ד אַ מ ע נ ט. זי טאָר ניט האָבן אין זיך אַזעלכע עלעמענטן, וואָס זיינען פרעמד צו דער אידייע. זי טאָר ניט ווערן אונטערגעשטופּט פון דרויסן. זי דאַרף זיך אַנטוויקלען אויף אַן אימאַנענטן אופן, פון איר אייגענער אינעווייניקייט, אַזוי ווי דער בוים וואַקסט אויס פונעם קערנדל“.

די א י ד י י ע וו אָ ס ל י ג ט א י ן פ ו נ ד אַ־מ ע נ ט פ ו ן ד ע ר ה אַ נ ד ל ו נ ג מ ײ נ ט: דער

געדאַנק וואָס האָט אַרויסגערופן די האַנדלונג און וועלכן זי דריקט אויס. מעג דער געדאַנק זיין אַ פשוטער, ווי די קללה פון איפּערזוכט („אָטעלאָ"), אומטרייהייט פון קינדער („ליר"), אָדער אַ סאַטירע איבער אַ געזעלשאַפטלאַכן צושטאַנד („רע־וויזאָר"), איבער אַ פּאַרהייליקטער פאַלשקייט („נאָראַ") — וואָס דער געדאַנק זאָל ניט זיין, דאַרף ער זיין די לעבנסקראַפט וואָס פליסט דורך אַלע טיילן פון דער האַנדלונג און מאַכט זיי פאַר איין גאַנצען לעבעדיקן אָר־גאַניזם.

אונז איז נים וויכטיק, צי האָט דער דיכטער גע־שטרעבט צו פאַרקערפּערן אין דער האַנדלונג אַ געוויסע אידייע, צי ניין; צי ווייסט ער וואָס פאַר אַן אידייע זיין ווערק פאַרקערפּערט, צי ניין. אַ פונדאַמענטאַלע אידייע איז דאָ אין יעדן ווערק. וואָרים אין אַלץ וואָס דער מענטש שאַפט, פון דער איינפאַכסטער אַרבעט ביז דעם העכסטן קונסטווערק, איז דאָ אַ געדאַנק, אַ צוועק, וואָס האָט די אַרבעט אַרויסגערופן. דאָס ביליגסטע קינד־ביינקל פאַרקערפּערט דעם געדאַנק, עס זאָל זיין אויף וואָס צו זיצן.

און דאָס איז דער צייכן און דאָס איז דער פּרואוו פון דער קינסטלערישער פולקאָמענהייט פון דער האַנדלונג: אַז די פונדאַמענטאַלע אידייע איז די לעבנסקראַפט וואָס לויפט דורך אַלע אירע טיילן און פאַראייניקט זיי אין איין גאַנצען לעבעדיקן אָרגאַניזם אויב זי האָט טיילן — פּערזאָנען, סיטואַציעס — וואָס ציען ניט זייער חיות פון דער פונדאַמענטאַלער אידייע, זיינען זיי

איבעריקע, פרעמדע גלידער אין איר קערפער און פאַרקריפּלען אים, מעגן די דאָזיקע גלידער פ א ר ז י ך א ל י י ן זיין ווי שיין. אויב דער פאָדעם פון דער פונדאַמענטאַלער אידייע איז שוין אויסגעשפונען און די האַנדלונג ציט זיך נאָך ווייטער, איז אַלץ וואָס בלייבט פון יענעם מאָמענט אָן פרעמדער שטאָף, וועלכער האָט קיין אָרט ניט אין דעם אָפּגעזונדערטן וועלטל פון דער האַנדלונג.

מיר ווילן דעם פונקט מאַכן אַזוי קלאָר, ווי עס איז נאָר מעגלאך.

יעדע באַוואוסטזיניקע מענטשלאַכע טאַט, אָדער האַנדלונג, האָט אַן אידייע, וואָס האָט זי אַרויסגערופן.

ווען איר זאָגט:

„איך וויל גיין אין טעאַטער".

האָט איר עס פריער געטראַכט.

ווען איר גייט ערגעץ, טוט עפּעס, האָט איר אַ צוועק דערביי.

דאָס ריידן, דער גאַנג, די אַרבעט, זיינען אַרויסגערופן געוואָרן דורך אַן אידייע, וועלכע האָט געלעבט איידער איר האָט זי אָנגעהויבן אויסדריקן דורך רייד, אָדער טאַט.

די אידייע, וואָס רופט אַרויס אַ האַנדלונג, ל י ג ט אין פ ו נ ד א מ ע נ ט פון דער האַנדלונג. זי איז דער יסוד, אויף וועלכן די האַנדלונג איז געבויט.

ווען איר ווילט זאָגן, אַז איר ווילט גיין אין טעאַטער און זאָגט: „איך וויל גיין אין טעאַטער וויל איך", זיינען די לעצטע צוויי ווערטער איבעריק, און זיי מאַכן דעם גאַנצן זאַץ אי לייַנגער ווי ער דאַרף זיין, אי ניט שיין. פאַרוואָס? ווייל די אידייע וואָס דאַרף דורך דעם אויסגעדריקט ווערן דאַרף ניט די לעצטע צוויי ווערטער.

זיי זיינען פרעמד דער אידייע, וואָס ליגט אין פונדאַמענט פון דעם זאַץ.

ווען איר דאַרפט גיין אין אַ געוויסער ריכטונג און הויבט אָן גיין אין אַן אַנדער ריכטונג און קערט זיך אום צוריק, און ערשט ווען איר קומט צו צום אָרט וואו איר זיינט פריהער גע־ווען, הויבט איר אָן גיין אַהין וואו איר דאַרפט, איז אַ טייל פון אייער גאַנג איבעריק און צוועקלאָז. **ער איז פרעמד דער אידייע וואָס ליגט אין פונדאַ־מענט פון אייער גאַנג.**

די איינפאַכע לאָגיק, וואָס רעגולירט יעדן אויסדרוק פונם פשוטסטן געדאַנק, יעדע פשוטע באַוואוסטזיניקע טאַט, רעגולירט מיט פיל מער שטרענגקייט די האַנדלונג פון אַ דראַ־מאַטישן ווערק.

אַלע פערזאָנען און סיטואַציעס פון דער האַנדלונג מוזן קומען פון דער אידייע, וואָס ליגט אין פונדאַמענט פון דער האַנדלונג. זיי מוזן זיין נויטווענדיק, כדי אַרויסצוברייננגען לעבעדיק און קלאָר די אידייע, צוליב וועלכער די דראַמע איז געשאַפן געוואָרן. ווען זיי דערפילן ניט די דאָזיקע שליחות, ווען זיי טראָגן ניט ביי צו דעם דאָזיקן צוועק, האָבן זיי קיין אָרט ניט אין דער „אָפּגעזונדערטער, אין זיך אַליין איינגע־שלאָסענער וועלט“ פון דער האַנדלונג.

ווען מען גיט אַ שניט אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם אין איין אָרט, דערפילט דער גאַנצער קערפּער דעם ווייטיק — דאָס זעלבע דאַרף זיין מיט אַ קונסטווערק. און אין אַ דראַמע קען דאָס דערגרייכט ווערן אין אַ פיל העכערער מאָס ווי אין אַ דערציילונג, אָדער אַ ליריש ליד, ווייל דער דיכטער שטייט אויף אַ זייט און מישט זיך ניט אַריין און רייסט ניט איבער

די האַנדלונג מיט זיינע אייגענע באַמערקונגען און באַלייכ־טונגען. יעדעס טייל־כל פון דער דראַמע מוז זיין אַן אבר, אין וועלכן עס פליסט דאָס בלוט פון דעם גאַנצן קערפּער. דאָס בלוט איז די נשמה, און די נשמה פון אַ קונסטווערק איז די פונדאַמענטאַלע אידייע.

אָבער אין אַ קונסטווערק דאַרף ניט נאָר אַ ר ו י ס ג ע־ב ר אַ כ ט ווערן אַן אידייע. די אידייע דאַרף אויך אַ ר י י נ ג ע ב ר אַ כ ט ווערן אין די הערצער און מחות פון די לעזער און צושויער. „קונסט איז איבערטראַנספּאָר־טירונג פון געפילן“, זאָגט טאָלסטאָי אין „וואָס איז קונסט?“ דורך די פאַרשיידענע איינדרוקן און געפילן וואָס ווערן אי־בערגעטראָגן פונם דיכטער צום לעזער און צושויער דאַרפן זיי באַגרייפן און איינזאַפּן די אידייע. דעריבער טאָרן זייערע נערוון ניט ווערן פאַרמאַטערט און זייערע געדאַנקען טאָרן זיך ניט צו שטאַרק אָנשטרייינגען. עס טאָר ניט פאַרגעסן ווערן אויף איין מאָמענט, אַז דאָס איז שפּיל, אונטערהאַלטונג, אַן אילוזיע מיט׳ן צוועק צו געבן פרייד, ניט אַ שטיק גמרא, אָדער אַ רעטעניש. שווערקייט, לאַנגווייליקייט, אומקלאָרקייט, זיינען די אומפאַרצייללאַכסטע זינד אין אַ דיכטער, ווייל זיי פאַרניכטן דעם הויפּט־צוועק פון דער דיכטונג — די איבער־טראָגונג פון דעם דיכטערס געפילן. און די זינד טראָגן אין זיך זייער שטראָף — די מאַכטלאָזיקייט פון דער דיכטונג צו פאַראינטערעסירן. לייכטקייט, אינטערעסאַנטקייט, אָנגענע־מע שפּאַנונג זיינען נויטיקע באַדינגונגען אין יעדן דיכטערישן ווערק. דער קינסטלער דאַרף אונז פירן איבער אַ גלאַטן וועג, דורך שיינע לאַנדשאַפטן, וואָס זאָלן אַרויסרופן אונזער באַ־וואונדערונג און אונז מאַכן אויסרופן אַלע מאָל: „ווי שיין איז דער בוים! ווי שיין איז דער אַקער!“ שלעפּט ער זיך איבער

שטיינער און רודעס דורך וויסטע געגנטן, האָט קיינער ניט קיין חשק זיך מיטצושלעפּן מיט אים. און פירט ער אונז דורך פינסטערנישן, מוז פון ווייטן לייכטן אַן עמוד אש, וואָס זאָל אונז רופן און ציען און געבן דאָס געפיל, אַז באַלד, באַלד קומען מיר אַריין אין דעם געגאַרטן פאַרשפּראָכענעם לאַנד. קוים ד ר י ק ט אונז די פינסטערניש און רינגלט אונז אַרום פון אַלע זייטן, לאָזן מיר איבער דעם דיכטער און קערן זיך אום צוריק צו דער וואָכעדיקער ווירקלאַכקייט.

כדי ניט אָפּצומאַטערן די נערוון און ניט אַרויפלייגן קיין שווערע אַרבעט אויפן מח, טאָר די אויפמערקזאַמקייט ניט צו לאַנג געהאַלטן ווערן צוגעשמידט צו איין פּונקט. עס איז דעריבער נויטיג, אַז די וויכטיקע פּאַסירונגען זאָלן ניט לויפן איינס נאָכן אַנדערן אָן אַן אָפּשטעל, ווי געיאָגט פון אַ בייזער קראַפט. מיט זיכערער, שטאָלצער רואיקייט דאַרפן זיי גיין, און פון צייט צו צייט אָפּטרעטן אויף אַ זייט און מאַכן אָרט פאַר עפּיזאָדן, דאָס הייסט, פאַר פּאַסירונגען, וועלכע זיינען ניט אַ ב ס אָ ל ו ט נ ו י ט וו ע נ ד י ק צום ענין, אָבער זיינען נאַטירלאַכע אינצידענטן, נעבן־געשעענישן אין דער האַנדלונג, און רייסן אַוועק דעם צושויערס געדאַנקען אויף עטלאַכע מינוט פון דעם הויפּט־ענין. די עפּיזאָדן פרישן אָפּ די נערוון און מאַכן די האַנדלונג לעבעדיקער און אינטערע־סאַנטער. אָבער אויך די עפּיזאָדן דאַרפן אויסוואַקסן פון דער אינערלאַכקייט פון דער האַנדלונג. זיי מוזן פאַרקומען אויף אַ נאַטירלאַכן אופן און זיך צוזאַמענגיסן האַרמאָניש מיט די אַבסאָלוט־נויטיקע טיילן פון דער האַנדלונג. ווען עס איז נויטיק, צום ביישפּיל, עס זאָל פאָרקומען אַ פאַרזאַמלונג, קען אויף דער פאַרזאַמלונג אויך פאַרקומען אַ קאָמישע דעבאַטע, אָדער סצענע, וועלכע האָבן גאָר ניט צו טאָן מיט דעם עיקר

פון דער האַנדלונג. ווען עס איז נויטיק עס זאָל פאַרגעשטעלט ווערן אַ שענק, קענען אין שענק געזונגען ווערן לידער און עס קענען פאַרקומען פאַרשיידענע סצענעס וואָס קומען גע־וויינלאַך פאָר אין אַ שענק. אָבער די פאַרזאַמלונג אָדער דער שענק טאָרן ניט אַריינגעשלעפּט ווערן מיט גע־וואַלד צוליב די לעבהאַפטע סצענען.

די פונדאַמענטאַלע אידייע פון אַ קונסט־ווערק טאָר ניט פאַרביטן ווערן מיט טענדענץ, וועלכעס מען רופט אויך אידייע. טענדענץ מיינט אַ מוסר־השכל, אָדער אַ נייע, נאָך ניט אָנערקענטע וואַרהייט, וואָס דער פאַרפאַסער וויל פּרעדיגן. מיט דער פונדאַמענטאַלער אידייע ווערט געמיינט בלויז דער גרונט־געדאַנק פון דער דראַמע, אָן אונטערשייד צי דאָס איז אַן אַלטע וואַרהייט, וועלכע אַ קינד ווייסט, ווי אין „ליר", „אָטעלא", אָדער דער נייסטער, געוואַגטסטער גע־דאַנק, ווי אין „נאָרא", „די פרוי פונם ים".

די טענדענץ, דער צוועק פונם פאַרפאַסער, צו פּרעדיקן אַ געדאַנק, אַ פילאָזאָפיע, קען זיין די פונדאַ־מענטאַלע אידייע פון אַ קונסטווערק, אָבער די פונדאַמענ־טאַלע אידייע מוז ניט זיין קיין טענדענץ. אַ שטול ווערט געמאַכט מען זאָל זיצן אויף אים. דאָס איז דער צוועק פונם שטול. דאָס איז דער געדאַנק, וואָס דער סטאָליער האָט גע־האַט, ווען ער האָט אים אָנגעהויבן מאַכן. דערביי איז ניטאָ קיין פּראָפּאַגאַנדע. עס איז אָבער דאָ אַ געדאַנק און אַ צוועק. אַזאַ מין געדאַנק און צוועק דאַרף מען פאַרשטיין, ווען מען רעדט פון דער פונדאַמענטאַלער אידייע.

אָבער די פראַגן פון טענדענץ און פּראָפּאַגאַנדע אין אַ קונסטווערק וועלן באַהאַנדלט ווערן אויספירלאַך אין אַ ווייַ־טערדיקן קאַפּיטל.

עס מאָר אויך ניט פאַרשטאַנען ווערן, אַז דער דיכטער האָט פאַר אַלעס אין קאָפּ אַ געוויסע אידייע און דאַן נעמט ער זיך צוזאַמענשטעלן אַ האַנדלונג, וועלכע זאָל פאַרקערפּערן די אידייע. דאָס הייסט, אַז די אידייע איז ביים דיכטער אַ נאַקעטע נשמה, פאַר וועלכע ער באַשאַפט אַ גוף. דאָס קען פאָרקומען מיט געוויסע דראַמאַטורגן, מייסטנס מיט די וואָס שרייבן פּראָבלעמאַטישע אָדער טענדענציעזע דראַמען, אָבער ביי די מיינסטע דיכטער איז דאָס ניט דער פאַל.

דער דראַמאַטורג איז פאַר אַלעס אַ דיכטער און דער דיכטער אונטערשיידט זיך פונם פילאָזאָף מיט דעם, וואָס „ער טראַכט אין בילדער".

אַן אמת'ע דיכטונג איז אַ שטיק פילאָזאָפי. אָבער בעת פילאָזאָפי האָט צו טאָן מיט אַבסטראַקטע אידייען, מיט נאַקעטע געדאַנקען, איז אַ דיכטונג, אַ פאַרקערפּערטע אידייע, אַ בילד, וועלכעס אַנטהאַלט אַ געדאַנק.

דער פילאָזאָף שאַפט מיטן מח; דער דיכטער — מיט דער פאָרשטעלונגס-קראַפט. ביים פילאָזאָף ווערן געבאָרן געדאַנקען, ביים דיכטער — בילדער, וועלכע פאַרקערפּערן אין זיך געדאַנקען. ביים פילאָזאָף איז דער עיקר דער געדאַנק, ביים דיכטער איז דער עיקר דאָס בילד.

אָמאָל ווייסט גאָר דער דיכטער אַליין ניט די פונדאַמענטאַלע אידייע פון זיין ווערק. אָבער צי דער דיכטער ווייסט עס צי ניין; צי ער האָט געשטרעבט צו פאַרקערפּערן אַן אידייע, צי ניין — דאָס בילד מוז זיין אַ פאַרקערפּערונג פון אַן אידייע. ווען דער קריטיקער נעמט זיך אַנאַליזירן דאָס ווערק מוז ער קענען געפינען אַ געדאַנק, וועלכער איז דער קוואַל און די אבזיכט פון דער האַנדלונג, איר ערשטע אורזאַך און איר ענדציל. אין דער „אַפּגעזונדערטער אין זיך אַליין איינגע-

שלאָסענער וועלט" פונם קונסטווערק, מוזן מיר וויסן דעם גאַנצן סוד הבריאת. מיר טאָרן ניט שטיין ווי פאוסט און שרייען אין פאַרצווייפלונג:

„וואו איז דיין מקור, דו אומבאַגרייפלאַכע נאַטור?
איר בריסטן, איר פאַנטאַנען פונם לעבן — — —
וואו זיינט איר, וואו?"

אַלע סודות מוזן פאַר אונז אַנטפּלעקט זיין. מיר דאַרפן זען די ערשטע אורזאַך: „די בריסטן, די פאַנטאַנען פונם לעבן", און אויך דעם תכלית, דעם צוועק, צוליב וועלכן די וועלט פון דער האַנדלונג איז באַשאַפן געוואָרן.

קונסט איז העכער ווי דאָס לעבן. זי איז דאָס לעבן אידעאַליזירט און פאַרפולקאָמט. אַלעס, צו וואָס די נאַטור שטרעבט איז אין דער קונסט פאַרווירקלאַכט. די קונסט איז פריי פון די אַלע עלעמענטן, וועלכע זיינען אין לעבן אַ שטערונג צו שיינקייט און צו גענוס און צום מענטשנס כח צו באַגרייפן.

7.

קונסט און דעם מענטשנס רעבעלירונגען קעגן לעבן.

וואָרים קונסט איז איינער פונם מענטשנס מיטל צו אַנטלויפן פונם לעבן, פון דער וואָכעדיקער, קאַלטער, ניט באַפרידיגנדער ווירקלאַכקייט. דער מענטש איז מיד פון דער ווירקלאַכקייט. ער פילט זיך אין איר קליין און שוואַך און אומבאַהאָלפן. סאַי מאַטעריעל, סאַי גייסטיק. זיין שטאָלץ קען דאָס ניט איבערטראָגן און זיין נשמה הויבט אָן רעבעלירן קעגן לעבן, אַמאָל באַוואוסט און

אָפּטער אומבאַוואוסט. דאָס רעוואָלטירנדע געפיל נעמט אָן פאַרשיידענע פאָרמען. איינער לייקנט אָפּ די ווערט פונם לעבן, גיט אַ שפּיי אויף דעם און באַגייט זעלבסטמאָרד. אַן אַנדערער האָט ניט קיין כח אַוועקצוגיין פונם לעבן, טרייסט ער זיך מיט אַן אילוזיע וועגן אַ שיינעם, רייכן, פולקאָמענעם לעבן נאָכן טויט. אָבער די גרעסטע צאָל מענטשן קענען פון דער אילוזיע ניט פאַרכאַפּט ווערן, און אפילו פאַר די וואָס ווערן פון איר פאַרכאַפּט, איז זי ניט גענוג. זי איז צו ווייט. זיי ווילן אַ שענער, העכער, פולקאָמענער לעבן אויפן אָרט, אין לעבן. קומען זיי צו דער קונסט און געפינען אין איר שוים רו און באַפרידיגונג. די קונסט גיט זיי דאָס ווירקלאַכע לעבן אידעאַליזירט. זי פאַרווירקלאַכט פאַר זיי אַלע זייערע שטרעבונגען. זי ראַמט אָפּ פון זייער וועג אַלע שטערונגען. זי הויבט אויף פאַר זיי דעם שלייער פון אַלע סודות. זי פראַלט אויף פאַר זיי די שווערע טויערן, וועלכע דער שליסל פונם באַגרעניצטן שכל קען ניט אויפשליסן.

דער מענטש זעט פאַר זיך אַ וועלט פון שטומע חיות און בהמות. „וואָס טוט זיך אין זייערע נשמות“, פרעגט ער זיך. „דענקען זיי? פירן זיי צווישן זיך אויף זייער שטום-לשון געשפּרעכן? ווי באַטראַכטן זיי דעם מענטשן?“ דאָס לעבן גיט אים ניט קיין ענטפער אויף די פראַגן. קומט די קונסט און שאַפט פאַבלען און מאַכט פאַרן מענטשן רעדעוודיק און מענטשלאַך די שטומע באַשעפענישן.

אַ וועלט מיט מענטשן אַרבעט איבער די כחות און גע־פינט זיך אין נויט. יעדער גאַרט נאָך אַ ביסל גליק, קוקט אוים אויף דעם די אויגן און עס קומט ניט. ער וואַרט אויף אַ נס, און קיין נס געשעט ניט. אין דער קונסט געשעט דער נס. דאָס אָרימע יתומהלע ווערט אַ פּרינצעסן. דער אָרימער

אַרבעטער געפינט אַן אוצר, אָדער ער ווערט אויף אַן אַנדער אופן באַגליקט.

אונזער דענקער און מיסטיקער ש. צ. זעצער ברייגגט אין זיין „אַנטשטייאונג פון קריסטנטום" די מיינונג, אַז די מיס־טישע לערן זיינען געשאַפן געוואָרן פונם מענטשן, דורך דער קינסטלערישער קראַפט פון זיין פאַנטאַזיע, נאָכדעם ווי ער האָט זיך הונדערטער און הונדערטער דורות אומזיסט געמאַ־טערט אַריינצודרינגען אין דעם סוד פון דער שאַפונג, צו גע־פינען אַן ענטפער אויף דער אייביקער פראַגע: „ווער און וואו איז עס דער קוואַל, פון וועלכן דאָס אייביקע לעבן שטראָמט אַרוים?"

דער שכל און די וויסנשאַפט האָבן אים ניט געקענט געבן קיין ענטפער. האָט ער רעבעלירט קעגן דעם שכל און דער וויסנשאַפט, קעגן דער אומפאַרשטענדלאַכער, ניט־פול־קאָמענער ווירקלאַכקייט, האָט זיך אומגעקערט צו איר מיטן רוקן, פאַרלייקנט איר ווערט, און געגאַנגען זוכן באַרואיקונג און טרייסט און אַנטציקונג אין דער קונסט, אין דעם מענטשנס שעפערישער קראַפט, אין די צויבער־וועלטן פון זיין פאַנטאַזיע. ער האָט זיך באַשאַפן אַן אילוזיע פון אַ מעשה־בראשית, וואו אַלע סודות פון דער שאַפונג, איר גאַנצער פראָצעס, איר אָנהויב און איר סוף, איר ערשטע אורזאַך און איר ענדציל, און די גאַנצע סיסטעם פון דעם אוניווערזום זיינען פאַר אים אַנטפּלעקט. און אַזוי האָט ער גובר געווען די אומדער־טרעגלאַכע ווירקלאַכקייט, די אומבאַהאָלפנקייט און אומ־מעכטיקייט פונם שכל און דער וויסנשאַפט.

און ווען דאָס אידישע פאָלק איז באַרויבט געוואָרן פון זיין היים און, צובראָכען און צוברעקלט, איז עס צעשפּרייט

געוואָרן אין אַלע עקן וועלט. און אומעטום האָט עס געליטן רדיפות און אונטערדריקונגען. אומעטום האָבן זיך זיינע שונאים פון אים אויסגעלאַכט און אים דערנידעריקט און גע־מאַכט פאַר אַ ציל־ברעט פון וואולגאַרן געשפעט. און אום־דערטרעגלאַך זיינען געוואָרן פאַרן אידישן שטאָלץ, פאַרן גרויסן אידישן גייסט, די אונטערדריקונגען און דער שפּאָט פון דער בייזער ווירקלאַכקייט. איז געקומען דער שעפערישער גייסט פון די אידישע מיסטיקער און האָט צענויפגעגאָסן אין אַ וואונדערלאַכער האַרמאָני דאָס קונסטווערק וועגן דער באַ־שאַפונג (קבלה), מיט צויבערלאַכע בילדער וועגן דער גראַנ־דיעזער ראָלע וואָס דאָס אידישע פאָלק שפּילט אין דער שאַ־פונג און מיט נשמה־פאַרכאַפנדע פאַנטאַזיעס וועגן דעם זי־בערן ענדלאַכן זיג פונם אידישן פאָלק איבער אַלע פעלקער.

און דאָס אידישע פאָלק איז געקומען צו דער קונסט וואָס זיינע מיסטיקער־קינסטלער האָבן פאַר אים געשאַפן, און גע־פונען אין איר שוים ניט נאָר טרייסט און פרייד און אַנטצי־קונג, נאָר אויך העלדנמוט און באַנייטן נאַציאָנאַלן שטאָלץ און באַנייטע יוגנט.

אַ גאַנץ פאָלק האָט גובר געוועזן דורך דער קונסט די שוידערלאַכע ווירקלאַכקייט!

אָבער די בייזע איינגעשפּאַרטע ווירקלאַכקייט גיט קיינ־מאָל ניט אויף דעם קאַמף. זי איז קיינמאָל ניט פולשטענדיק באַזיגט. ווי ביי דער הידראַ, וואַקסן ביי איר אוים צוויי קעפּ פאַר יעדן אָפּגעהאַקטן קאָפּ. זי זוכט שטענדיק צו צעשטערן דעם מענטשנס גליק, צו פאַרניכטן זיין קינסטלערישע אי־לוזיע. און איר געווער איז תמיד ניי—דאָס לעצטע וואָרט פון דער ברוטאַלער וויסנשאַפט, די שווערסטע קאַנאָנען און די גיפטיקסטע גאַזן. און זי אַטאַקירט דעם מענטשן אין זיין

שוואַכסטן פּונקט — אין זיין אומגעדולדיקייט, אין זיין באַשריינקטער אויסדויערונגס־קראַפט צו דערוואַרטן זיך אויף דער פאַרווירקלאַכונג פון זיינע האָפענונגען. די אילוזיע קען הערשן הונדערטער יאָרן, אָבער זי ווערט ענדלאַך אונטערגעגראָבן און מוז צעשוואומען ווערן.

אָבער נאָך איידער איין אילוזיע ווערט אינגאַנצן פאַרניכטעט, האָט שוין די קינסטלערישע פאַנטאַזיע פונם מענטשן געשאַפן אַן אַנדער אילוזיע, צו וועלכער ער קען אַנטלויפן פון דער בייזער ווירקלאַכקייט; וועלכע קען אויפלעבן אין זיין נשמה גרויסע האָפנונגען, אויפוועקן אין אים זיין מענטשלאַכן שטאָלץ, זיין גלויבן אין זיין אייגענער קראַפט.

אַז גאָט האָט זיך ניט אָפּגערופן אויף דעם אידנס טויזנטיאָריקן געוויין און געבעט, און משיח איז ניט געקומען און די שונאים זיינען ניט באַזיגט געוואָרן, איז געשאַפן געוואָרן דאָס *חסידות*. דער גלויבן, אַז דער מענטש איז שטאַרקער ווי גאָט און קען אים *צווינגען* צו טאָן דעם מענטשנס ווילן. דער צדיק, דער גוטער איד, באַזיצט אַן *איבערגעטלאַכן* כח. דער גלויבן אין דעם צדיק אין דעם ערשטן אויפבלי פונם חסידיזם איז געווען אַן אומבאַוואוסט רעבעלירן קעגן גאָט, אַן אַרויסרוף, אַ פאַרמעסטן זיך מיט כח. „דו ביזט ניט אומבאַזיגבאַר. דער מענטש איז שטאַרקער פון דיר! מיר וועלן פירן די וועלט ווי *מיר* ווילן!“ די גאַנצע באַציאונג פון די גרויסע גייסטער פונם חסידיזם צו גאָט, ווייזט אָן אויף דעם אומבאַוואוסטזיניקן אַרויסרוף, אויף דער באַהאַלטענער זיכערקייט אין דעם מענטשנס איבערגעטלאַכקייט.

אַ סוף צו סגופים און תעניתים! דער מענטש, דער גאַנצער מענטש, גוף און גייסט, איז צו גרויס, צו מעכטיק, ער

זאָל שטענדיק נאָר וויינען צו גאָט, אים בעטן מיט הכנעה, מיט אַ געפיל פון אומבאַהאָלפנקייט און נישטיקייט. און אַז דער גוף זינדיקט איז וואָס? אין זינד זיינען אויך דאָ פונקן פון געטלאַכקייט. אפילו די קליפות, אפילו דער יצר־הרע אַליין, זיינען ניט דורכאַוים שלעכטע און אומריינע כחות. אויך אין זיי איז גאָט פאַרבאָרגן. אַ סוף צו פאַרצווייפלונג און געפאַלנקייט און נידערגעשלאָגנקייט! פריילאַך זאָל זיין דער מענטש! אַ קלייניקייט מ ע נ ט ש ?... מענטש איז גאָט. „ויראַ אלהים" מיינט מען דעם צדיק, וועלכער ווערט אָנגערופן מיט גאָטס געליבטן נאָמען — אלהים (תולדות יעקב יוסף, בראשית). און אָפט איז דער צדיק גרעסער און שטאַרקער ווי גאָט: „גאָט איז גוזר און דער צדיק איז מבטל". דערפון קומט דער גוטברודערלאַכער טאָן, דער גייסטרייכער וויץ און דעליקאַטער „קיבעץ", וואָס די ערשטע גוטע אידן האָבן זיך דערלויבט אין זייער באַציאונג צו גאָט. „וואָס פאַר אַ טענות האָסטו צו אידן וואָס זיי זינדיקן?" האָט דער שפּאָלער זיידע געזאָגט צו גאָט, „ס'איז דיין אייגענע שולד. דער יצר־הרע גייט אום צווישן די מענטשן, ער איז שטענדיק פאַר אונזערע אויגן, און דעם גיהנם האָסטו באַהאַלטן אין „שבט מוסר". ווען ס'זאָל זיין פאַרקערט, וואָלט געוויס קיין איד ניט געזינדיקט". דער בערדיטשעווער רב האָט געפרעגט ביי גאָט מיט וואָס ער נעמט זיך איבער אָקעגן די אידן. „דאָס אידישע פאָלק איז דער גרעסטער יחסן אין דער וועלט. אייניקלאַך פון אַברהם, יצחק ויעקב. וואָס איז ד י י ן יחוס? דו האָסט דאָך אפילו קיין טאַטן ניט!"

ווי אומבאַדייטנד און אומגעוואַגט איז ניטשעס איבער־מענטש אָקעגן דעם א י ב ע ר ג אָ ט פונם חסידיזם!

און הונדערטער טויזנטער אידישע הערצער זיינען פאַר־כאַפּט געוואָרן פון דער אַנטציקנדער אילוזיע. צעבראָכענע געמיטער זיינען געשטאַרקט געוואָרן. פאַרצווייפלטע הער־צער זיינען אָנגעפילט געוואָרן מיט פרייד און שטאָלץ. אין פינסטערע, פאַרטרויערטע הייזער איז אַריינגעבראַכט געוואָרן ליכט און פריילאַכקייט.

און איז די אילוזיע ענדלאָך צעשוואומען געוואָרן, זיינען געשאַפן געוואָרן אַנדערע אילוזיעס — השכלה, סאָציאַ־ליזם, ציוניזם.

די אַלע און ענלאַכע אילוזיעס זיינען קיינמאָל ניט אַזוי שטאַרק, אַזוי פולקאָמען, אַזוי אַרומגעצאַמט פון אַלע זייטן, אַז ס׳זאָל זיך ניט קענען אַריינרייסן אין זיי אַ שיין פון דער ווירקלאַכקייט און אַרויסרופן אין די פאַרכשופטע אַ באַוואוסט־זיין, אָדער אַ שטום געפיל, אַז דאָס איז ניט מער ווי אַן אילוזיע. פונקט ווי די אָפענע פערטע וואַנט פון דער בינע דערמאָנט אַלע מאָל די צושויער, אַז די האַנד־לונג וואָס זיי זעען, ווי פאַרכאַפּנד און רעאַליסטיש זי זאָל ניט זיין, איז ניט מער ווי אַ שפּיל, אַן אילוזיע, אַזוי איז אויך מיט די אילוזיעס אויף דער לעבנס־בינע. אַלע האָבן אַן אָפענע פערטע וואַנט. אָבער אַזוי שטאַרק איז דער באַגער פונם מענטשן צו אַנטלויפן פון דער ווירק־לאַכקייט, צו באַטייליקן זיך אין אַ שפּיל, צו ווערן פאַר־כאַפּט פון אַן אילוזיע, אַז אַבי נאָר דער קינסטלער האָט דעם כוח ביז אַ געווויסן גראַד אַרויסצורופן אין אים זיינע זעאונגען און געפילן, העלפט ער אים שוין צו, שאַפט מיט אים מיט, ווערט אַליין קינסטלער און פאַרכשופט זיך ביז צו אַזאַ גראַד, אַז ער זעט ניט די שיין פון דער ווירקלאַכקייט, כאָטש אָפט רייסט זי די אויגן. ער וויל זי ניט זען, ער וויל נאָר לעבן אין דער אילוזיע.

יעדער מענטש איז אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס ווי דער משוגענער העלד פון פּיראַנדעלאָס דראַמע, וועלכער האָט ניט געוואָלט ארויסקומען פון זיין משוגעת, אויך נאָכדעם ווי ער איז שוין געווען קלאָר.

דאָס דערקלערט, פאַרוואָס שלעכטע קונסט, ביליגער שונד, אַן אילוזיע, לעבן וועלכער עס שטייט די ווירקלאַכקייט און שטעלט איר אַרויס אַ צונג, פאַרכאַפּט פונדעסטוועגן די פּשוטע מאַסן. און פאַרוואָס די שלעכטע קונסט אויף דער בינע פונם לעבן, די פון גראָבן שטאָף און מיט אַ זאַקנאָדל צונויפגעטשאָבעטע גלויבנס און אידעאַלן, האָבן פונדעסטוועגן מיליאָנען אָנהייננגער. דער מענטש וויל גלויבן, וויל האָבן אַן אילוזיע, ווייל ער וויל אַנטלויפן פון דער אומדערטרעגלאַכער ווירקלאַכקייט.

ווי לעכערלאַך עס קלינגט דעריבער די טענה צו דער קונסט פון מענטשן מיט שמאָלע באַגריפן און האָריזאָנטן:

„מיט וואָס נעמט זיך עס די קונסט איבער? אמת, זי גיט אַן אילוזיע, אָבער ניט מער ווי אַן אילוזיע.

ניט מער ווי אילוזיע!...

ניט מער ווי די העכסטע פרייד, דאָס העכסטע גליק, די גליענדסטע האָפנונגען, שטאָלץ, גבורה, באַגייסטערונג צו קאַמף, כח גובר צו זיין די בייזע ווירקלאַכקייט און כח צו שאַפן אַ נייע, בעסערע ווירקלאַכקייט, ניט נאָר אין דער פאַנטאַזיע, נאָר טאַקע אין לעבן.

וואָרים די גרויסע אילוזיעס ווערן לעבן.

8.

דער דיכטער אַלס איבערשאַפער און באַשאַפער פון לעבן.

דעם קינסטלערס שעפערישע קראַפט דריקט זיך אויס אין איבערשאַפן לעבן, עס אידעאַליזירן. ער נעמט אַ שטיק רויע ווירקלאַכקייט און בלאָזט אין איר אַריין אַ נשמה און גיט איהר אַ שענערע פאָרם, אַ קונסט-פאָרם. מעגלאַך, אַז ער האָט מער ווי דאָס ניט באַצוועקט. ער האָט געוואָלט שאַפן קונסט צוליב קונסט. אויב ער איז אָבער דער אמתער קינסטלער, אויב זיינע וויזיאָנען און געפילן טראָגן זיך איבער אין די פאַנטאַזיעס און הערצער פון אַ גרויסער צאָל מענטשן און זיי ווערן אָנגעגליט מיט זיין פייער, ווערט דאָס איבער-געשאַפענע, אידעאַליזירטע לעבן ממשותדיק לעבן, די דיכטונג ווערט ווירקלאַכקייט. די קונסט לשם קונסט ווערט קונסט צוליב לעבן.

דורך דעם קינסטלער גייט דאָס לעבן דורך צוויי גלגולים און קריגט צוויי מאָל אַ תקון. דאָס רויע לעבן ווערט אידע-אַליזירט לעבן אין קונסט. דאָס אידעאַליזירטע קונסט-לעבן ווערט רעאַל, ממשותדיק לעבן.

דורך דער שעפערישער אַרבעט פונם קינסטלער מאַכט דאָס לעבן דורך אַ פּראָצעס פון דריי שטייגנדע פאָרמען — אַ פּראָגרעסיווע טריאַדע:

1) רוי לעבן.
2) אידעאַליזירט לעבן אין קונסטווערק.
3) אידעאַליזירט לעבן אין דער ו י ר ק ל א כ ק י י ט.

אַזוי ווערט דער גרויסער קינסטלער אין בוכשטעבלאכן זין אַ שותף צו מעשה בראשית.

אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט פונם אידישן פאָלק, האָבן די אידישע וואַנדערנדיקע שבטים געלעבט אַ שטיקל צייט אין עגיפּטן. זיי זיינען געווען באַרבאַרן, עגיפּטן איז געווען אַ ציוויליזירט לאַנד — האָט מען געקוקט אויף זיי מיט פאַראַכטונג און זיי געצוואונגען צו טאָן נידעריקע שווע־רע אַרבעט. אָבער דאָס זיינען געווען שטאָלצע באַרבאַרן, וועלכע האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ לעגענדע, אַז זייער גאָט האָט זיי צוגעזאָגט דאָס לאַנד כנען. זיי האָבן זיך אַרויסגעריסן פון דעם לאַנד פון זייערע פייניקער און האָבן צום עסק ניט צוגעלעגט, ניט מאַטעריעל און ניט גייסטיק.

פון דעם דאָזיקן רויען שטיק לעבן האָט אַ געניאַלער דיכטער געשאַפן אַ וואונדערלאַך קונסטווערק, וועלכעס הויבט זיך אָן מיט דער מעשה פון יוסף מיט זיינע ברידער, אַנטוויקלט זיך אין אַ שטענדיק שטייגנדיקער טעמפּאָ, ביז מיר דערזעען אויף דער בינע דעם העלדישן פרייהייטס־קעמפער משה, פון גאָט באַגייסטערט, פון אַ פלאַמענדיקן נאַצ׳אָנאַלן געפיל באַוועגט, און ענדיקט זיך מיט דער גראַנדיעזער פּראָ־צעסיע דורכן צעשפּאָלטענעם ים סוף און מיט דער טעאַטראַ־לישער טריאומף־פייערונג דורך טענץ און מוזיק און דעם גע־זאַנג פון דעם אנטציקנדן „אָז ישיר“.

טאָלסטאָי זאָגט אין זיין „וואָס איז קונסט?“ אַז די מעשה פון יוסף מיט זיינע ברידער איז דאָס צויבערלאַכסטע קונסטווערק וואָס אַ דיכטער האָט געשאַפן, אָבער אַזוי זיינען אויך די אַנדערע צוויי טיילן. די גאַנצע דראַמע, דער אָנהויב, די מיט און די ענד, איז איין צויבערלאַך קונסטווערק. דאָס אידישע פאָלק דאַרף ביי קיינעם ניט זוכן קיין מאָדעלן פאַר

קונסט. די „יציאת מצרים“ דראַמע איז דער העכסטער קונסט-מאָדעל וואָס דעם מענטשנס שעפערישער גייסט האָט געגעבן דער וועלט.

און דאָס דאַזיקע צויבערלאַכע קונסטווערק, דאָס דאָזיקע אידעאַליזירטע שטיק רוי לעבן, איז שוין דריי טויזנט יאָר ווירקלאַכקייט.

וויפיל די ווימנשאַפט זאָל זיך ניט מאַטערן צו באַווייזן, אַז די אַלע פּאַסירונגען זיינען היסטאָריש ניט אמת, וועט עס גאָר ניט העלפן, ווייל דאָס קונסט-ווערק איז געוואָרן אמתער ווי היסטאָריע. עס איז געוואָרן לעבן. רעאַלע, טאָג-טעגלאַכע ווירקלאַכקייט. אַלע פּערזאָנען, אַלע סיטואַציעס, די גאַנצע האַנדלונג פון דעם קונסטווערק לעבט אין די געדאַנקען און אין די הערצער פון דער גאַנצער ציוויליזירטער מענטשהייט און באַאיינפלוסט זייער טאָג-טעגלאַך לעבן מער ווי די אמתע געשעענישן פון היינט.

די קינסטלערישע אילוזיע איז שטאַרקער און אמתער ווי דער פאַקט, ווייל די קונסט האָט ארויסגענומען דעם פאַקט פון זיינע אַפגערעניצטע פיר איילן, האָט אים געגעבן אַן אוניווערסאַלן כאַראַקטער און דעם כשוף אָנצושטעקן די מענטשלאַכע פאַנטאַזיעס, אָנצוצינדן זייערע הערצער, און האָט אים צוריק אריינגעטראָגן אין לעבן אריין, וואו ער איז געוואָרן אַ שענערע, גראַנדיעזערע, איינפלוסרייכערע ווירקלאַכקייט, ווי ער איז געווען פריער.

עס איז אַזוי מיט אַלע גרויסע קינסטלערישע אילוזיעס. יעזוס וועט בלייבן אַ לעבעדיקע ווירקנדע פּערזענלאַכקייט, כאָטש עס וועט באַווייזן ווערן אַ מיליאָן מאָל, אַז ער האָט קיינמאָל ניט געלעבט. טורגעניעווס באַזאַראָוו האָט באַשאַפן טויזנדער באַזאַראָווס אין לעבן. איבסנס „נאָרא“ האָט באַ-

שאַפן מיליאָנען נאַראַם אין לעבן. רעוואָלוציעס, משיחים, אַלערליי באַוועגונגען פאַר באַפרייאונג און דערלייזונג, וועל־כע ווערן געקרוינט מיט דערפאָלג, אָדער מיט טיילווייזן דער־פאָלג, זיינען פריער אויסגעבריט געוואָרן אין דער פאַרשטע־לונג פון טרוימער און ז ע ה ע ר. וועלכע האָבן זיי אויס־געדריקט אין גליענדיקע, כשופדיקע, אָנשטעקנדיקע אילוזיעס, נביאיש־אָראַטאָריש, אָדער אין אַנדערע קונסט־פאָרמען.

פונקט ווי דאָס קונסטווערק אַנטוויקלט זיך פון דער פונ־דאַמענטאַלער אידייע, ווי דער בוים וואַקסט אויס פונם קערנדל, אַזוי וואַקסט אַרוים יעדע גרויסע באַוועגונג, יעדער גראַנדיעזער אויפטו אין לעבן פון אַ פונדאַמענטאַלער אידייע. ניט פון אַן אידייע, וואָס איז אַן אַבסטראַקטער געדאַנק, נאָר פון אַן אידייע, וואָס איז אַ זעאונג, אַ וויזיאָן, אַ בילד, אַ קינסטלערישע אילוזיע.

עס איז ניט „אין אָנהויב איז געווען דאָס וואָרט“ און ניט ווי פאַוסט האָט קאָרעגירט „אין אָנהויב איז געווען די טאַט“, נאָר:

אין אָנהויב איז געווען די אידייע, די אידייע, וועלכע איז אַ וויזיאָן, אַ קינסטלערישע אילוזיע, די פונדאַמענטאַלע אידייע פאַרקערפּערט אין אַ בילד.

.9

דער לעבערלאַכער קאַמף פון די „מאָדער־ניסטן“ קעגן דעם רעאַליזם.

און דעריבער זיינען לעכערלאַך אַלע געמאַטערטע קונ־צען פון די כלומרשדיקע מאָדערניסטן, די געגנער פונם רע־אַליזם, וועלכע ווילן אַרויסטרייבן פונם טעאַטער די אילוזיע.

זיי ריידן מיט משוגענע טענער, מאַכן משוגענע האַוואַיעס, שטעלן אַרויס אַלע מאָל דעם פּובליקום אַ צונג, כּדי צו ווייזן, אַז דאָס וואָס ווערט פאָרגעשטעלט איז ניט דאָס אמתע לעבן, נאָר אַ שפּיל.

אַזוי ווי אָן די משוגענע קונצן ווייסט ניט דאָס פּובליקום, אַז עס איז נאָר אַ שפּיל.

דאָס פּובליקום וואָלט ניט געזעסן קיין פינף מינוט אין טעאַטער, ווען עס וואָלט ניט געוואוסט, אַז עס איז נאָר אַ שפּיל. קיינער דאַרף עס אים ניט זאָגן. עס איז געקומען אין טעאַטער אַריין צו אַנטלויפן פון דער ווירקלאַכקייט. אָבער דורך דעם וואָס מען שטעלט אים אַלע מאָל אַרויס אַ צונג און מען דערמאָנט אים, אַז דאָס פאָרגעשטעלטע איז ניט קיין ווירקלאַכקייט, פאַרלירט עס דעם כאַראַקטער פון שפּיל און עס ווערט ווירקלאַכקייט — אַ ניכטער, אומ-קינסטלעריש-משוגע-מאַכן-זיך און פּאַיאַצעווען.

דער צוועק איז אַוועקצוהרגענען דעם רעאַליזם, דערמאָ-נען דאָס פּובליקום, אַז וואָס עס זעט איז ניט דאָס אמתע לעבן, נאָר אַ שפּיל, און דערגרייכט ווערט דער פאַרקער-טער צוועק: די פאָרשטעלונג ווערט אויס שפּיל.

וואָרים אָן איינריידעניש, אָן אילוזיע איז ניט מעגלאַך קיין שפּיל.

ווען קינדער שפּילן זיך אין סאָלדאַטן, ריידן זיי זיך איין אַז זיי זיינען סאָלדאַטן. ווען איינער שטייט און זאָגט זיי אַלע מאָל: „אָ, איר זיינט ניט קיין סאָלדאַטן“, הרגעט ער אַוועק פאַר זיי די שפּיל. ער לאָזט זיי ניט אַנטלויפן פון דער ווירקלאַכקייט.

די דאָזיקע כלומרשדיקע מאָדערניסטן, וועלכע ווילן אַוועקהרגענען דעם רעאַליזם, זיינען פאַנאַטישערע רעאַליסטן

זוי די באַגייסטערטע אָנהייגגער פונם רעאַליזם. וואָרים פאַר־טרייבנדיק דעם *אידעאַליזירטן* רעאַליזם פונם טעאַטער, די *אילוזיע*, ברייגגען זיי אַריין אין איהם די *רויע, וואָכעדיקע ווירקלאכקייט*.

טעאַטער־שפּיל מיינט: אַן אילוזיע וואָס לאָזט זיך אָננעמען, און *ווערט אָנגענומען*, פאַר ווירקלאכקייט. קוים שטעלן די אַקטיאָרן אַרוים דעם פּובליקום אַ צונג, בדי קאַליע צו מאַכן די אילוזיע, איז ניטאָ קיין שפּיל, נאָר רויע, ממשותדיקע ווירקלאכקייט.

רעאַליזם מיינט ניט דאָס רויע, וואָכעדיקע, ממשותדיקע לעבן. רעאַליזם מיינט: *אַן אילוזיע*, וואָס לאָזט זיך אָננעמען און *ווערט אָנגענומען* פאַרן ממשותדיקן לעבן. דאָס פּובליקום קומט אין טעאַטער אַריין, כדי *אַוועקצוגיין* פון דער ווירקלאכקייט און זיך אַריינלעבן אין אַן *אילוזיע* פון דער ווירקלאכקייט. עס ווייסט די גאַנצע צייט, אַז עס זעט אַן אילוזיע, עס העלפט מיטשאַפן און פאַרשטאַרקן די אילוזיע. יעדער פונם פּובליקום איז אַ דאָפּלטע פּערזענלאכקייט. איין פּערזענלאכקייט לעבט זיך אַריין אין דער אילוזיע, שאַפט מיט און העלפט זי פאַרשטאַרקן, און די אַנדערע פּערזענלאכקייט ווייסט די גאַנצע צייט, אַז עס איז נאָר אַן אילוזיע. אָבער די אַנדערע פּערזענלאכקייט שטייט אין הינטערגרונט און לאָזט די ערשטע פּערזענלאכקייט זיך איינריידן, אַז די אילוזיע איז די ווירקלאכקייט. דאָס איז די שפּיל, דאָס איז דער קינסטלערישער פאַרגעניגן פון דער שפּיל. קוים טרעט די צווייטע פּערזענלאכקייט אַרויס אין פאָדערגרונט און לאָזט ניט די ערשטע פּערזענלאכקייט זיך איינריידן, אַז די אילוזיע איז ווירקלאכקייט, לאָזט זי זיך ניט אַריינלעבן אין איר, מיטשאַפן און זי

פאַרשטאַרקן, איז מער ניטאָ קיין שפּיל און קיין קינסטלערישער פאַרגעניגן.

די רעוואָלוציאָנערן פון די נייע וועגן, גייען, ווי עס ווייזט אויס, אַרויס פונם שטאַנדפּונקט, אַז אַ רעאַליסטישע פאַרשטעלונג ווירקט ניט ווי אַן א י ל ו ז י ע פון דער ווירקלאַכקייט, נאָר טאַקע ווי רויע ווירקלאַכקייט. ניט ווי אַ ש פּ י ל אין לעבן, נאָר טאַקע ווי לעבן. דאָס הייסט, אַז דאָס פּובליקום איז אַזוי אידיאָטיש, אַז עס ווייסט לחלוטין ניט, אַז דאָס איז אַ שפּיל. דעריבער ווילן זיי אָוועקהרגענען דעם רעאַליזם. כדי דאָס צו דערגרייכן, האַלטן זיי אין איין שרייען צום פּובליקום דורך זייערע האַוואַיעס: „דאָס פאַרגעשטעלטע איז ניט ווירקלאַכקייט, נאָר ש פּ י ל“. און, ווי געזאָגט, זיי דערגרייכן פּונקט דעם קעגנזאַץ: די פאַרשטעלונג ווערט א ו י ס ש פּ י ל.

עס איז מיט זיי, ווי מיט דעם מוסר־זאָגער, וועמען עס גייט ממש אין לעבן צו פאַרהיטן זיינע צוהערער פון זינדיקע געדאַנקען וועגן פרויען. און ער האַלט אין איין דונערן: „קוקט ניט אויף די חצופות! זיי ווילן אייך אַריינציען אין דער נעץ פונם גיהנם מיט זייערע שיינע פּיסלאַך, מיט זייערע נאַקעטע אָרימס, מיט זייערע חצופהדיקע אויסגעשניטענע בלוזקעלאַך“, און דער רעזולטאַט איז, אַז וואָרנענדיק קעגן זינדיקע מחשבות, ר ו פ ט ע ר א ר ו י ס זינדיקע מחשבות.

אַן אויפגאַבע וואָס מענטשן האָבן זיך געשטעלט — צו פאַרטרייבן אילוזיעס!

דאָס שענסטע און אַנטציקנדסטע אין דער שאַפונג איז די אילוזיע. זיין גאַנץ לעבן קוקט דער מענטש דערשטוינט און פאַרגאַפט אויף דעם וואונדערלאַכן בלויען הימל־געוועלב, אויסגעזעצט מיט בלישטשנדיקע דימענטן, דאָס צויבערלאַכע

בילד פּאַרכאַפּט זיין נשמה, דערהויבט זי צום העכסטן עקס־טאַז, פילט זי אָן מיט פרייד, מיט געזאַנג, וועלכעס רייסט זיך אַרויס אין אַ „ברכי נפשי״, וואָס באַגייסטערט הונדערטער דורות. ווען דער מענטש וואָלט דאָס אַלעס געזען ווי עס איז, גרויסע, שרעקלאַך גרויסע קערפּער אין אַ ליידיקייט, וואָסער אַ רוי און וואָכעדיק בילד דאָס וואָלט פאַרגעשטעלט! וויפיל פּאָעזי און פרייד דעם מענטשן וואָלט געפעלט!

דער מענטש קען ניט איבערטראָגן די רויע, גרויע, שווע־רע ווירקלאַכקייט און וויל אנטלויפן צו דער אילוזיע. מיט טויזנטער יאָרן צוריק האָבן דאָס פאַרשטאַנען אַלע קולטורעלע פעלקער. אין אַלע הייליקע שריפטן זיינען אַריינגעגאַנגען אַ חוץ דינים וואָס האָבן צו טאָן מיטן טאָג־טעגלאַכן לעבן, שיינע לעגענדעס און אָטעם־פּאַרכאַפּנדע מעשהלאַך. אין די אַלטע אידישע הייליקע שריפטן האָבן מיר די וואונדערבאַרע מעשהלאַך פון אָדם און חוה, קין און הבל, יהודה און תמר, יוסף מיט די ברידער, אמנון און תמר, אסתר, רות. אין דעם תלמוד אפילו, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט אויסטייטשן די דינים פון דער תורה אויף אַזאַ אופן, אַז זיי זאָלן זיך פּאַסן פאַר די באַדעפענישן פון דער צייט, און דאָס אַלץ מיט אַ מעטאָדע פון חריפותדיקער האַרשפּאַלטונג. אפילו אין דעם דאָזיקן ברויזנדיקן ים פון רויער ווירקלאַכקייט זיינען אויך אַריינגעגאַנגען לעגענדעס און אַלערליי קינסטלערישע אילו־זיעס פון יענער פּעריאָדע. און דאָ קומען מענטשן און ווילן פונם טעאַטער, פון דעם אָרט וואוהין מענטשן גייען מיט דעם איינציקן צוועק צו געפינען אַן אילוזיע, אַרויס־טרייבן די אילוזיע!

אויב זיי האַלטן, אַז איבערקרימען דאָס לעבן און איבער־קרימען די קונסט, דאָס הייסט, סתם ווילדע שטיפעריי און

שטורמדיקער לייכטזין, איז ווי־כטיקער ווי קונסט. וואָס־זשע האָבן זיי דאָ מחדש געווען? וואָס פאַר „נייע וועגן" האָבן זיי געפונען? דאָס איז דאָך אַלט ווי די בערג. דער „פול", דער אידישער בדחן, די אידישע זינגער און שפּרינגער פון די וויינקעלער, איידער עס איז געווען אידיש טעאַטער, די עקסטראַוואַגאַנזאַס און גראָטעסקן פון די בורלעסק און וואָ־דעוויל הייזער, פאַרנעמען זיך שוין לאַנג מיט די דאַזיקע אונ־טערהאַלטונג־ליפערונגען. אויב די „רעוואָלוציאָנערן" שטייען אויף דעם דערמאָנטן שטאַנדפונקט, קען מען צו זיי גאָר נית האָבן. איבערקרימעניש און ווילדע שטיפעריי איז אָפט גוטע און געזונטע אונטערהאַלטונג, פונקט ווי טרינקען וויין און עסן קאַרנאַצלאַך און גראַשעצעס. ביידע פאַרטרייבן די גרויע ווירקלאַכקייט. אָבער ביידע האָבן גאָר נית צו טאָן מיט קונסט, און זייערע וועגן זיינען שוין געווען אַנטדעקט אין מתושלח׳ס צייטן.

.10

רעליגיע און טעאַטער.

אין ליכט פון אַלץ וואָס איז געזאָגט געוואָרן אין דעם לעצטן קאַפּיטל, ווערט די אַלגעמיין באַקאַנטע, און כמעט אַלגעמיין אָנגענומענע מיינונג, אַז טעאַטער האָט זיך אַנט־וויקלט פון רעליגיע, פון די ספּעקטאַקולערע צערעמאָניעס אין די טעמפּלען, אַ פּשוטער אומזין. וואָרים רעליגיע אַליין איז דיכטונג, געשאַפן פון דער מענטשלאַכער פאַנטאַזיע. און דורך די צערעמאָניעס, וואָס באַגלייטן די גאָטעסדינסטן, ווערט דאָס טעמפּל אַ טעאַטער. די ספּעקטאַקולערע צערע־מאָניען זיינען אַן אויפירונג פון אַ פּיעסע.

מען קען פונקט אַזוי זאָגן, אַז רעליגיע האָט זיך אַנט־וויקלט פון טעאַטער, פונם טעאַטראַלישן אינסטינקט אין מענטשן, ווי אַז טעאַטער האָט זיך אַנטוויקלט פון רעליגיע. עס איז אַ פראַגע פון דער הון מיטן איי: מען ווייסט ניט און מען קען ניט באַשטימען, צי איז די הון די מוטער פונם איי, צי פאַרקערט.

איין זאַך איז זיכער — זיי זיינען ביידע געקומען פון דעמזעלבן קוואַל:

פון דער אוממעכטיקייט פונם מענטשן איבערצוטראָגן די גרויע ווירקלאַכקייט און זיין באַגער צו אַנטלויפן פון איר און געפינען שוץ און טרייסט אין דעם צויבערלאַנד פון זיין פאַנ־טאַזיע.

און ביידע זאָגן גלייך עדות אויפן גראַד פונם מענטשנס אַנטוויקלונגס-שטופע. דורך דער רעליגיע פונקט ווי דורכן טעאַטער ווערט פאַר אונז אַנטדעקט דער שטאַפל פון איינ־טעלעקטואַליטעט, אויף וועלכן אַ פאָלק געפינט זיך. פאַרן באַרבאַר איז אַ געטשקע פון שטיין און פון האָלץ גאַנץ גענוג צו באַפרידיגן זיין באַדערפעניש פון אַ געטלאַכער קראַפט. ווען ער וואַקסט אַרויס פון זיין באַרבארישן צושטאַנד מוז ער שוין האָבן אַ מער וואַרשיינלאַכע, מער לאָגישע אילוזיע פון אַ גאָטהייט. ער פאַרוואַרפט דאַן די געטשקע און נעמט אָן פאַר אַ גאָט אַ מעכטיקע נאַטור-קראַפט: די זון, דעם ים, פייער. ווען ער שטייגט העכער אויפן לייטער פון אַנטוויק־לונג, דערזעט ער, אַז די אַלע נאַטור-קרעפטן זיינען ניט קיין זעלבסטשטענדיקע און אַלמעכטיקע כחות. זיי ווערן רעגו־לירט און קאָנטראָלירט און באַהערשט פון אַ העכערער, ניט געזעענער, מיסטעריעזער קראַפט — פאַרוואַרפט ער דעם גלויבן אין די נאַטור-כחות און זיין גאָט ווערט אַ ניט-געזע־

ענער מיסטעריעזער כח, וועלכן דער מענטש קען ניט באַ־גרייפן מיט זיין שכל, אָבער וועמעס עקזיסטענץ דער שכל צווינגט אים צו אָנערקענען.

אַ קערנדל פון אַ געצנדינערשער לעגענדע איז פאַרטראָגן געוואָרן אויף אידישער ערד און עס איז אויסגעוואַקסן פון דעם דער בוים פון קריסטנטום. יעדער איינער וואָס איז אַ ביסל באַקאַנט מיט דער גריכישער מיטאָלאָגיע זעט אין דער לעגענדע וועגן יעזוסן, וועמעס מוטער, מרים, איז טראָגנ־דיק געוואָרן פון גאָטס גייסט. כמעט אַ בוכשטאַבלאַכע קאָפּיע פון דער לעגענדע וועגן דעם וויין־גאָט דיאָניזאָס, וועלכער איז די פרוכט פון דער אינטימער פאַרבינדונג פון זיין מוטער, סעמעלע, מיט דעם גריכישן גאָט צעאוס. די אידן האָבן זיך ניט געוואָלט צוהערן צו דער אומגלויבלאַ־כער, אומוואַרשיינלאַכער לעגענדע. זי האָט נאָר געקענט אפּע־לירן צו אַ גאַנץ קליינעם טייל פון די נידעריקע שיכטן פון אידישן פאָלק, אָבער האָט בשום אופן ניט געקענט גענומען וואָרן ערנסט פון דער גרויסער מאַיאָריטעט פון דעם פאָלק, וואָס איז שוין געשטאַנען אויף דער הויך פונם מאָנאָטעאיזם. איז געקומען פּאָול און האָט דערזען אין דער נייער רעליגיע אַ גוטע סחורה פאַר די גויים, וועלכע האָבן אריינגעזויגן דעם גלויבן אין אינטימע באַציהונגען צווישן געטער און מענטשן־טעכטער מיט זייער מוטערס מילך. ער האָט גענומען די נייע רעליגיע און אָנגעהויבן פעדלען מיט איר צווישן די גויים, און ער האָט די סחורה פאַרצוקערט.

זי איז געקומען פון זיי און איז געגאַנגען צו זיי.

דאָס זעלבע זעען מיר אין טעאַטער. יעדע זינלאָזע און אומעגלאַכע פּיעסע איז אַ גוטע סחורה פאַר אַן אומוויסנדן פּובליקום.

.11

ווענדע און פאַרשלעפּערנדע אילוזיעס.

דער ראַדיקאַלער לייענער וועט זיכער ניט זיין צופרידן מיט אונזער באַגייסטערונג פאַר אילוזיעס וואָס די רעליגיע און די מיסטישע שאַפונגען, וואָס זיינען פון איר אַרויסגע־וואַקסן גיבן דעם מענטשן. ער וועט פרעגן אַ געזונטע פראַ־גע: ווירקן ניט אַזעלכע אילוזיעס איינצואוויגן דעם מענטשן אין אַ זיסן שלאָף און אים צו באַפרידיגן מיט פאַנטאַסטישע חלומות, וועלכע קענען קיין מאָל ניט פאַרווירקלאכט ווערן? און ווירקן ניט די דאָזיקע פאַנטאַסטישע חלומות אָפּצעווענדען זיין בליק פון דער ווירקלאכקייט מיט איר רויבערישער גע־זעלשאַפטלאַכער סיסטעם און צו פאַרשטיקן זיין רעבעלירנדיק געפיל קעגן איר?

ווי געזאָגט: דאָס איז אַ געזונטע פראַגע און מיר שטי־מען פולשטענדיק איין מיט דעם פרעגער. אָבער ווען איז דאָס אַלץ געדעדט געוואָרן? אין דער מאָדערנער צייט, ווען די אידייע וועגן אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט וואָס וועט אָפּשאַפן די נויט און די פאַרקנעכטשאַפט פון די אַרבעטנדע מאַסן איז געוואָרן די נשמה פון אָרגאַניזירטע באַוועגונגען אין יעדן לאַנד און איז שוין אין רוסלאַנד טיילווייז פאַר־ווירקלאַכט געוואָרן. ה י י נ ט זיינען די אַלע אילוזיעס, וואָס די רעליגיע און די מיסטישע לערן גיבן דעם מענטשן פאַרפירערישע געזעלשאַפטלאַך־שעדלאַכע אילוזיעס. ווייל זיי פילן אָן די מחות פון די מאַסן מיט פאַנטאַסטישע חלומות און רייסן זיי אַוועק פון דער איינציקער באַוועגונג וואָס איז

באַשטימט פון דער היסטאָריע זיי צו ברענגען די אמתע דער־לייזונג.

אָבער אין דער צייט ווען די רעליגיעס און מיסטישע לערן זיינען אַנטשטאַנען האָט דער מענטש גאָר ניט געקענט האָפן פון דער בייזער ווירקלאכקייט און האָט ניט געקענט גלויבן, אַז ער קען מיט זיינע אייגענע כחות זיך באַפרייען פון איר קלעם. דעמאָלט, אין יענע צייטן, אונטער יענע לעבנסבאַדינגונגען, זיינען די אַלע פאַנטאַסטישע אילוזיער געווען פאַר אים דאָס העכסטע גליק. זיי האָבן אַריינגע־בראַכט ליכטיקייט און פרייד אין זיין נשמה. זיי האָבן באַ־פרייט און געשטאַרקט זיין גייסט. זיי האָבן אים געגעבן כח צו לעבן און האָבן אָנגעפילט זיין ברוסט מיט מענטשלאכן און נאַציאָנאַלן שטאָלץ. ווען ניט זיי וואָלט דער מענטש, און איבערהויפּט דער איד, ניט געקענט איבערטראָגן דעם שרעקלאכן דרוק פון דער אומדערטרעגלאכער ווירקלאכקייט. די אַרבעטנדיקע מאַסן וואָלטן דעגענירירט צו דער מדרגה פון בהמות און דאָס אידישע פאָלק וואָלט אונטערגעגאַנגען ווי די אַלע אַנדערע פעלקער, וואָס זיינען באַרויבט געוואָרן פון זייערע לענדער און האָבן ניט געהאַט קיין קרעפטיקע אי־לוזיעס צו שטאַרקן זייער גייסט. די אַלע פאַנטאַסטישע אילוזיעס האָבן געדינט אַ גרויסן היסטאָרישן צוועק, און זייער ווערט טאָר ניט אונטערגעשאַצט ווערן.

אין אונזער צייט דאַרף אויך דער מענטש האָבן אי־לוזיעס, אָבער די ווירקלאכקייט אַליין האָט איצט גענוג רויען מאַטעריאַל פון וועלכן דער דיכטער קען זיי שאַפן פאַר אים. די ווירקלאכקייט קען באַקעמפט ווערן מיט דער ווירקלאכקייט. די ב י י ז ע, ר ו י ע ווירקלאכקייט קען באַקעמפט ווערן מיט דער ק י נ ס ט ל ע ר י ש ע ר, א י ד ע אַ ל י ז י ר־

טער ווירקלאַכקייט. און דאָס איז וואָס דער רעאַליזם האָט געטאָן און טוט. אַנשטאָט די פאַנטאַסטישע, פאַר־שלעפרנדע אילוזיעס פון דער רעליגיע און דעם ראָמאַנ־טיזם, די ווירקלאַכע, צום לעבן און קאַמף וועקנדע אילוזיעס פונם קינסטלערישן רעאַליזם.

דער דאָזיקער פונקט וועט אויספירלאַכער באַהאַנדלט ווערן אין אונזער קאַפּיטל איבער מעלאָדראַמע.

12.

אָרגאַנישע איינהייט.

אמתע און פאַלשע.

עס איז קיינמאָל, ביי קיין דראַמאַטורג וואָס איז ווערט געווען דעם נאָמען, ניט געווען קיין שום ספק, אַז אַ דראַמע, מער ווי אַ דיכטונג פון די אַנדערע צוויי הויפּט־פאָרמען, מוז האָבן און קען האָבן די פולשטענדיגסטע אָרגאַנישע איינ־הייט. אָבער ניט אַלע האָבן געוואוסט ווי אַזוי די אָרגאַנישע איינהייט ווערט דערגרייכט, וואָס איז די לעבנס־קראַפט וואָס פליסט דורך אַלע טיילן פון דער האַנדלונג און מאַכט זי פאַר איין גאַנצען לעבעדיקן אָרגאַניזם. און צווישן די וואָס האָבן דאָס ניט געוואוסט, זיינען געווען אַ סך גאַנץ וויכטיקע דראַמאַטורגן. און עד היום זיינען דאָ אַ סך וויכטיקע דראַמאַטורגן און וויכטיקע קריטיקער וואָס ווייסן ניט אָט די „קלייניקייט".

די מייסטע פון זיי גלויבן, אַז די צענטראַלע פיגור, דער הויפּט־העלד, אָדער די הויפּט־העלדן, גיט דער האַנדלונג די

אָרגאַנישע איינהייט. אַזוי ווי אַלץ אין דער האַנדלונג באַוועגט זיך אַרום דער צענטראַלער פיגור, איז זי דער מקור, פון וועלכער אַלע טיילן פון דער האַנדלונג ציען זייער יניקה. „דער פאַנטאַזן פון לעבן“ פון דער האַנדלונג.

ווי ווייט דאָס איז פאַלש וועלן מיר באַווייזן מיט אַ ביישפּיל פון צוויי פּיעסן, וועלכע זיינען גוט באַקאַנט יעדן איינעם פון אונזערע לעזער.

אין „קעניג ליר“ איז ליר די צענטראַלע פיגור, אָבער נאָר אַ היבשער טייל פון דער האַנדלונג באַוועגט זיך ניט אַרום אים. די טראַגעדיע פון גלאָסטערן דרייט זיך ווי אַ ראָד אין אַ ראָד אין לירס טראַגעדיע, און אין אַ סך ערטער איז גלאָסטער די צענטראַלע פיגור. וואָלט דאָך די האַנדלונג געדאַרפט פאַרלירן צוליב דעם איר אָרגאַנישע איינהייט. די צוויי צענטראַלע פיגורן וואָלטן זי געדאַרפט צושפּאַלטן. אָבער ניט נאָר איז אין דער האַנדלונג ניטאָ קיין צושפּאָלטנקייט, נאָר זי איז ווי פון איין שטיק אויסגעגאָסן — ווייל זי קריגט איר אָרגאַנישע איינהייט דורך איר פונדאַמענטאַלער אידייע. גלאָסטערס טראַגעדיע, וועלכע קומט פון דעמזעלבן קוואַל, ווי לירס, העלפט נאָר פאַרשטאַרקן און שאַרפער אַרויסברענגען די פונדאַמענטאַלע אידייע, און דורך דעם ווערט פאַרשטאַרקט די אָרגאַנישע איינהייט פון דער גאַנצער האַנדלונג.

די גאַנצע האַנדלונג שפּראָצט אַרויס און אַנטוויקלט זיך פון דעם געדאַנק, אַז ווען אַ טאַטע דאַרף אָנקומען צו קינדער איז ער אַן אומגליקלאַכער מענטש, און אויב ער אַליין האָט געבראַכט אויף זיך די אומגליקלאַכע לאַגע, איז זיין ווייטיק און פאַרדרוס אַזוי גרויס, אַז עס איז ניט פאַר קיין מענטשלאַכן כח דאָס איבערצוטראָגן. צוליב דעם געדאַנק קומען

פאַר אַלע גרעסערע און קלענערע געשעענישן אין דער האַנד־לונג. ליר גיט אַוועק די מלוכה זיינע טעכטער, די טעכטער באַהאַנדלען אים מיט אוממענטשלאַכער גרויזאַמקייט, און דער סוף איז, אַז ער ווערט משוגע און שטאַרבט. לירס כאַ־ראַקטער און די כאַראַקטערן פון זיינע טעכטער זיינען אַזוי געשאַפן, אַז זייערע האַנדלונגען ווערן פאַר אונז נאַטירליך, און די טראַגעדיע וואָס אַנטוויקלט זיך פון די האַנדלונגען — אומפאַרמיידלאַך. גלאָסטערס טראַגעדיע איז מיט וואונדער־לאַכער טעכנישער געשיקטקייט צענויפגעגאָסן מיט לירס טראַגעדיע, דריקט אויס דעמזעלבן געדאַנק און אַנטוויקלט זיך מיט דער זעלבער נאַטירלאַכקייט און אומפאַרמייד־לאַכקייט.

„מירעלע אפרת“, יעקב גאָרדינס „קעניגן ליר“, האָט נאָר איין צענטראַלע פיגור. די גאַנצע האַנדלונג באַוועגט זיך אַרום מירעלען. קיין אַנדער פּערזאָן רויבט פון איר ניט אַוועק אויף איין מינוט דעם צענטער פון דער בינע. אַלץ וואָס געשעעט אויף דער בינע זינגט שירה מירעלען, ברייננגט אַרויס איר גרויסקייט, איר קלוגשאַפט, די נאָבלקייט פון איר כאַ־ראַקטער. אַלע פּערזאָנען, אַלע געשעענישן זיינען באַשאַפן גע־וואָרן איר צו דינען — איר אַליין. וואָלט דאָך די האַנדלונג געדאַרפט האָבן די פולקאָממסטע אָרגאַנישע איינהייט. אָבער יעדער קריטיקער וואָס איז ווערט צו טראָגן דעם נאָמען קען זען, אַז מיר האָבן אין דער דראַמע אַ שטיק האַנדלונג, וואָס איז ווי אַ פינפטע ראָד צום וואָגן פון דער הויפּט־דראַמע. אַלץ וואָס עס געשעעט נאָך דעם מאָמענט, ווען מירעלע ווערט געצוואונגען צו פאַרלאָזן איר הויז איז צו־געטשעפּעט, פרעמד, איבעריק, צוגעקלעפּט מיט ניכטערן שפּייעכץ צו דער האַנדלונג. און דאָס איז ניט, ווייל דאָס צו־

געטשעפּעטע האָט ניט צו טאָן מיט מירעלן און דאָס איז ניט ווייל דאָס צוגעטשעפּעטע האָט ניט געקענט געשען מיט מירעלן, ווייל עס איז אַ פאַלש בילד פונם לעבן. דאָס צו־געטשעפּעטע באַוועגט זיך אַלץ אַרום מירעלן, און עס האָט מיט איר געקענט געשען, און עס איז גאַנץ אינטערעסאַנט. עס איז איבעריק און צוגעטשעפּעט און פרעמד—ווייל עס איז פרעמד דער אידייע וואָס ליגט אין פונדאַמענט פון דער האַנדלונג.

די פונדאַמענטאַלע אידייע פון „מירעלע אפרת" איז די־זעלבע ווי אין „קעניג ליר", אויסגעדריקט מיט געשיקטער טעכניק און מיט קרעפטיגן און זיכערן דראַמאַטישן טאַלאַנט אין אַ קינסטלעריש בילד פונם אידישן לעבן אין רוסלאַנד, אין דער צייט, ווען די השכלה האָט שוין געהאַט איינגעבראָכן די פעסטונגען פון דעם שיינעם טראַדיציאָנעלן אידישן לעבן, און האָט זיך אַריינגעסירן אין אַט דעם לעבן, ווי אַ קאַריקאַטור פון דער השכלה.

יעקב גאָרדין האָט גאָר ניט גענומען פון שעקספּירן. דער טרוקענער, אַבסטראַקטער געדאַנק, פון וועלכן אַ קונסט־ווערק שפּראָצט אַרויס, באַלאַנגט צו דער וועלט. עס איז דער אַרומנעם און דער שוואונג פון דעם געדאַנק און די פאָרם, אין וועלכער ער ווערט אויסגעדריקט, וואָס ליגט אויף אים דעם שטעמפּל פונם קינסטלער. ביי גאָרדינען איז דער גע־דאַנק אַריינגעדרונגען אין אַ גאַנץ אַנדער לעבן און האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ גאַנץ אַנדער פאָרם, ווי ביי שעקספּירן. קיין איין שורה, קיין איין וואָרט איז ניטאָ אין „מירעלע אפרת", וועלכע טראָגט ניט דעם שעפּערישן שטעמפּל, די קינסטלערישע פּערזענלאכקייט פון יעקב גאָרדין.

אָבער דער געדאַנק, דאָס טרוקענע קערנדל פון דער האַנדלונג, איז דער זעלבער ווי אין „קעניג ליר“.ביידע דראַמען שפּראָצן אַרויס און אַנטוויקלען זיך פון איין פונדאַמענטאַלער אידייע. אָבער אין דער צייט וואָס אין „קעניג ליר“ איז די פונדאַמענטאַלע אידייע די לעבנסקראַפט פון דער גאַנצער האַנדלונג, ביז צו איר אומפאַרמיידלאַכן סוף, איז זי אין „מירעלע אפרת“ נאָר די לעבנסקראַפט ביז דעם טראַגישן מאָמענט, ווען מירעלע ווערט געצוואונגען צו פאַרלאָזן איר הויז. אַלעס וואָס עס טוט זיך אָפּ אויף דער בינע נאָך דעם מאָמענט, איז שוין צוגעטשעפּעטער און פרעמדער שטאָף — ווי מען וואָלט גענומען אַן אָפּגעבראָכענע צווייג פון אַן עפּלבוים און זי צוגעשלאָגן מיט צוועקעס צום שטאַם פון אַ קאַרשנבוים.

ווען מען פאַרזעצט אַ קערנדל וואַקסט אַרויס אַ שטאַם. דער שטאַם גיט פון זיך אַרויס צווייגן. די צווייגן גיבן פון זיך אַרויס פּירות. דער שטאַם, די צווייגן, די פּירות זיינען אַרויסגעוואַקסן דורך דער צוזאַמענפירונג פונם קערנדל מיט דער ערד. דער גאַנצער בוים, יעדער טייל פון אים, האָט זיך אַנטוויקלט פון זיין אייגענער אינעווייניקייט. וואָס מיטן בוים פּאַסירט נאָכדעם ווי ער איז שוין אינגאַנצן אויסגעוואַקסן, האָט שוין גאָרניט קיין שייכות מיטן קערנדל. אויף זיינע צווייגן קענען אַרומשפּרינגען פויגעלאַך, אונטער זיין שאָטן קען זיך עמיצער זעצן אָפּרוען, פון זיינע צווייגן קען מען פלעכטן קאָרזינקעס, צי מאַכן פייער, צי אַ דרענגל צו הרגענען הינט. פון זיינער אַ פּרי קען מען אַרויסנעמען אַ קערנדל און פלאַנצען אַ נייעם בוים. טויזנטער זאַכן קענען פּאַסירן מיט זיין יעדן צווייג, יעדן בלעטעלע און יעדער פּרי, אָבער די אַלע טויזנטער פּאַסירונגען קומען פון טויזנטער

פאַרשײדענע אורזאַכן און האָבן אַבסאָלוט גאָר ניט צו טאָן מיט דער אורזאַכע, װאָס האָט אַרױסגעבראַכט דעם גאַנצען בױם — די צוזאַמענפירונג פונם קערנדל מיט דער ערד.

מירעלע גיט אַװעק איר פאַרמעגן אירע קינדער — דער־מיט איז פאַרזעצט דאָס קערנדל פון דער דו אַמע. דורך דעם קומען אַרױס אירע צרות. די צרות טרײבן זי אַרױס פון דער שטוב. װען מירעלע זאָל שטאַרבן פון װײטיק און גרי־זאַטע, װאָלט עס געװען אַן אומפאַרמײדלאַכער רעזולטאַט פון אירע שװידערלאַכע איבערלעבונגען. דער פאַרפאַסער װיל זי ניט טױטן — מוז זיך די האַנדלונג ענדיקן אין דעם מאָ־מענט, װען זי װערט אַרױסגעפירט פון שלמונען און מחלהן פון איר אײגן הױז. דער פראָצעס פונם װאַקסן פונם בױם ענדיקט זיך דאָ. דאָס װאָס עס קומט פאָר אין דעם לעצטן אַקט, קומט ניט פון דער אינעװײניקײט פון דער האַנדלונג. די האַנדלונג װ י ל נ י ט אַ ל י י ן גײן װײטער. זי װערט אונטערגעשטופּט פון דרױסן. אַ פּערזאָן, װעמען די פונדאַמענטאַלע אידײע פון דער פּיעסע און די אַנטװיקלונג פון די גאַנצע דרײ אַקטן האָט אַבסאָלוט ניט געדאַרפט — װערט דאָ די הױפּט־טרײבקראַפט.

װען י אָ ס ע נ י ו זאָל חס ושלום זײן אַן עקר, צי ש י י נ ד ע ל ע אַן עקרה, צי װען זײער אײנגעלע זאָל זײן געראָטן אין נ ח ו מ צ י ן און ניט אין מירעלעס מאַן, װאָלטן די ערשטע דרײ אַקטן ניט געליטן דערפון אַ האָר. דער לעצ־טער אַקט װאָלט אָבער דאַן אױף דער װעלט ניט געװען.

מירעלעס ראָלע איז דאָ אַ גאַנץ נײע: זי איז שױן ניט מער קײן קעניגן ליר. אַ מאַמע װאָס איז זיך מקריב פאַר אירע קינדער, און די קינדער באַצאָלן איר מיט שרעקלאַכער אומ־דאַנקבאַרקײט. זי איז אַ מאַמע װאָס װיל ניט קענען אירע

קינדער, און די קינדער לויפן איר נאָך און חלשן פאַר איר זי זאָל מיט זיי ווערן גוטע פריינט.

אין די ערשטע דריי אַקטן איז מירעלע אַ ביישפיל פון מאַמעס. אַלע מאַמעס זיינען זיך מקריב פאַר זייערע קינ־דער און געפינען דערנאָך אוים, אַז עס איז ניט געווען כדאי. אין דעם לעצטן אַקט איז זי שוין גאָר אַ ביישפיל פון באָ־בעס. אין דעם אַקט ווערט געוויזן, אַז אַ קינדס־קינד איז ליבער און האָט אַ גרעסערן כח ווי אַ קינד. דאָס איז אַ גאַנץ באַזונדערע האַנדלונג מיט אַ גאַנץ באַזונדערער אידייע, וועל־כע האָט אַבסאָלוט קיין שייכות ניט מיט דער פונדאַמענטאַלער אידייע פון די פריערדיקע אַקטן.

דער לעצטער אַקט האָט געקענט פאַסירן. עס האָט אָבער געקענט פאַסירן מיט מירעלן נאָך הונדערט אַקטן. זי האָט געקענט דאַרפן האָבן אַן אָפּעראַציע אויף אַפּענדיסיטיס. עס וואָלט געווען זייער אינטערעסאַנט צו זען, ווי אַזאַ פרוי וואָלט זיך אין אַזאַ פאַל געהאַלטן. עס וואָלט געווען כדאי צו הערן די קלוגע ווערטער און פילאָזאָפישע אַפאָריזמען, וואָס זי וואָלט דערביי אַרויסגעזאָגט. שיינדעלע וואָלט זיך ווידער געקענט צוקריגן מיט איר. עס וואָלט כדאי געווען צו זען, וואָס אַזאַ פרוי וואָלט דאַן געטאָן. אויף אַזאַ אָרט קען אין אַ פּיעסע זיין צעהן טויזנט אַקטן. עס מוז דאָך אָבער זיין אַ גרענעץ, וואו די האַנדלונג מוז זיך אָפּשטעלן.

די פונדאַמענטאַלע אידייע רופט אַרוים די האַנדלונג, רעגולירט איר גאַנג און שטעלט אָפּ איר גאַנג. זי איז איר לעבנסקראַפט, איר נשמה. די מינוט וואָס זי בלייבט שטיין, דאַרף אַלעס בלייבן שטיל. זי איז די מאָס פון איר לייגנ און דער זייגער פון איר צייט.

װען מירעלע גײט אַװעק צו שלמונען שלאָגט דער זײגער אױס די לעצטע סעקונדע פֿון דער האַנדלונג. בלױז מירעלעס טױט װאָלט געװען דער אומפֿאַרמײדלאַכער אָפּקלאַנג פֿון דעם קלאַנג.

די פֿונדאַמענטאַלע אידײע פֿון „מירעלע אפרת" איז אַ טרױעריקער אמת, און נאָר טראַגיש קען זיך ענדיקן די האַנד־לונג. קײן דראַמע מיט אַ גוטן סוף קען זיך פֿון איר ניט אַנטװיקלען. פֿון אַ קאָלינעקערנדל קען ניט אױסװאַקסן קײן טײטלבױם.

דעריבער האָבן אַזױ פֿיל דראַמען און קאָמעדיען געמאַ־טערטע פֿערטע, און אָפֿט אױך דריטע אַקטן. דער דיכטער דײנקט, אַז װײַבאַלד אַלעס באַװעגט זיך נאָך אַלץ אַרום דער צענטראַלער פֿיגור, באַלאַנגען די פּאַסירונגען נאָך אַלץ צו דער האַנדלונג און זי האָט די נױטיקע אָרגאַנישע אײנהײט. ער פֿילט, אַז עפּעס גײט עס ניט גלאַט. ער מוז צוטראַכטן ניט נױטיקע פּאַסירונגען, אַרײַנפֿירן ניט נױטיקע פּערזאָנען, און די אַרבעט ציט זיך װי פֿון פּעך. ער מײנט, אַז זײַן שע־פֿערישער טאַלאַנט איז אים פֿאַלש געװאָרן. אָבער װען זײַן טאַלאַנט װאָלט געקענט רײדן, װאָלט ער געזאָגט צו אים: „װאָס מוטשעסטו מיך און װאָס מוטשעסטו דײַן מח? די לעבנסקראַפֿט פֿון דער האַנדלונג לױפֿט שױן ניט דורך די איצ־טיקע פּאַסירונגען. דער פֿאָדעם פֿון דער פֿונדאַמענטאַלער אידײע איז שױן לאַנג אױסגעשפּונען. די האַנדלונג װיל שױן ניט גײן װײַטער, װײַל זי דאַרף שױן ניט גײן װײַטער. זי האָט דערפֿילט איר שליחות. די פֿריערדיקע אַקטן האָבן שױן אױסגעדריקט אינ־גאַנצן דעם געדאַנק, װאָס האָט אַרױסגערופֿן די האַנדלונג".

און דער דיכטער וואָלט איינגעזען, אַז זיין דראַמע קען מער ניט האָבן ווי דריי, אָדער צוויי, אַקטן.

און דעריבער זעען מיר, אַז פּיעסן, וואָס האָבן גאָר ניט קיין צענטראַלע פיגורן, די אַזוי אָנגערופענע אַנסאַמבל־פּיעסן, באַוועגן זיך זייער אָפט גלאַט און לייכט, און אַנטוויקלען זיך אויף אַ נאַטירלאַכן אופן ביז צו אַן אומפאַרמיידלאַכן סוף — ווייל די פונדאַמענטאַלע אידייע פליסט דורך אַלע טיילן פון דער האַנדלונג און מאַכט זי פאַר איין גאַנצען לע־בעדיקן אָרגאַניזם.

13.

די פּערזאָנען פון דער דראַמע.

די פּערזאָנען פון אַ דראַמע ווערן געשאַפן צוליב דער האַנדלונג. דער באַגאַבטער פאַרפאַסער ברייננגט נאָר אַריין אַזעלכע פּערזאָנען, וואָס זיינען נויטיק דורכצופירן די שליחות פון דער האַנדלונג — אַרויסצוברייננגען וואָס שאַרפער און איינדרוקספולער איר פונדאַמענטאַלע אידייע.

יעדע פּערזאָן דאַרף זיין אַ מענטש מיט אַ שאַרפער אינ־דיווידואַליטעט, אָבער ער מוז האָבן אַ הויפּט־כאַראַקטער־שטריך, וועלכער איז נויטיק פאַר דער דערפילונג פון זיין שליחות אין דער האַנדלונג: איידלהאַרציקייט, קלוגשאַפט, נאַרישקייט, האַרטהאַרציקייט, רכילות־טרייבעריי, אינטרי־גאַנטישקייט, העלדנמוט, פייגהייט — אַלץ לויט דער מיסיע, וואָס ער דאַרף דורכפירן אין דער האַנדלונג.

און פּונקט ווי אין דער האַנדלונג הערשט דאָס געזעץ פון וואַרשיינלאַכקייט, דאָס הייסט, אַז אַלץ וואָס עס פּאַסירט זאָל קענען מאַכן דעם איינדרוק פון אמת און דער שלום זאָל קומען ווי אַן אומפּאַרמיידלאַכער רעזולטאַט פון די פריערדיקע פּאַסירונגען, אַזוי איז עס אויך מיט די כאַראַקטערן. זיי מוזן האַנדלען לאָגיש, אויסגעהאַלטן, אין איינקלאַנג מיט די הויפּט־שטריכן פון זייערע נאַטורן.

אַ כאַראַקטער קען אויך האַנדלען נ י ט לאָגיש, נ י ט קאָנסעקווענט, אָבער דאַן דאַרף ניט־לאָגישקייט, ניט־קאָנסעקווענטקייט זיין דער הויפּט כאַראַקטער־שטריך. די קאָנסעקווענץ באַשטעהט דאַן אין דער ניט־קאָנסעקווענטקייט.

פּונקט ווי די האַנדלונג מוז זיין אַן איינצלנער פאַל, דורך וועלכן עס ווערט אויסגעדריקט „דאָס אוניווערסאַלע", דאָס אַלוועלטלאַכע, אַזוי מוז דער כאַראַקטער זיין אַן איינצעלנער מענטש, דורך וועלכן עס ווערט אויסגעדריקט דאָס אַלמענטשלאַכע. דער כאַראַקטער ווי די האַנדלונג דאַרף זיין אַ פּרט, אין וועלכן מיר זאָלן זען דעם כלל. ער דאַרף פאַר אונז זיין קלאָר און לעבעדיק אַלס איינצלנער מענטש, און האַנדלען און ריידן ווי אַלע מענטשן פון אַזאַ כאַראַקטער, און אַזאַ געזעלשאַפטלאַכע שטעלונג, וואָלטן געהאַנדלט און גערעדט אונטער אַזעלכע אומשטענדן.

אָבער ווי גרויס עס איז די וויכטיקייט פון כאַראַקטער־מאַלעריי אין אַ דראַמע, פאַרנעמט אימער דאָס ערשטע און וויכטיקסטע אָרט די האַנדלונג. פון כאַראַקטערע אַליין, אָן אַ שטאַרקער, גוט־אויסגעבויטער האַנדלונג, קען קיינמאָל ניט זיין קיין דראַמע, אָבער עס זיינען דאָ אויסגעצייכנטע דראַמען מיט שוואַך־געמאָלענע כאַראַקטערע.

אין אַריסטאָטלס צייטן זיינען שוין אַפּנים געווען אַזעל־כע „דראַמאַטורגן“, ווי עס זיינען די לעצטע צייט ביי אונז אויסגעוואַקסן, וועלכע מיינען, אַז מיט פאָרשטעלן עטלאַכע כאַראַקטערע דורך געשפּרעכן, האָבן זיי פאַרפאַסט אַ דראַמע. וואָרים אַריסטאָטל געפינט פאַר נויטיק צו ריידן זייער קלאָר און דייטלאַך וועגן דעם פונקט, אַקוראַט ווי ער וואָלט געלעבט אין אונזער צייט.

„אָבער דאָס וויכטיקסטע פון אַלעם איז די קאָנסטרוקציע פון די פּאַסירונגען. וואָרים טראַגעדיע איז אַ נאָכמאַכונג ניט פון מענטשן, נאָר פון האַנדלונג און לעבן. כאַראַקטער באַשטימט דעם מענטשנס אייגנשאַפטן, אָבער נאָר דורך זייערע האַנדלונגען זיינען מענטשן גליקלאַך אָדער אומגליקלאַך. דראַמאַטישע האַנדלונג האָט דעריבער ניט דעם צוועק צו שילדערן כאַראַקטער. כאַראַקטער קומט אַריין ווי אַ נעבנ־זאַך צו דער האַנדלונג. דעריבער זיינען די אינצידענטן און דער סוזשעט — דער ענד־ציל פון אַ טראַגעדיע. און דער ענד־ציל איז די הויפּט־זאַך. אַז איר שנורעוועט צוזאַמען עט־לאַכע געשפּרעכן, וועלכע דריקן אויס כאַראַקטער, אָבער אַ שוואַכע האַנדלונג, וועט איר ווייט ניט אַרויסברייענגען אַזאַ טראַגישע ווירקונג ווי מיט אַ שטיק, וועלכע האָט שוואַך־געמאָלענע כאַראַקטערע, אָבער אַ שטאַרקע און גוט־צוזאַמענ־געשטעלטע האַנדלונג.

„די האַנדלונג איז דער ערשטער פּרינציפּ און דער ענד־ציל פון דער טראַגעדיע. כאַראַקטער האַלט דאָס צווייטע פּלאַץ. אַן ענלאַכען פאַקט זעען מיר אין מאַלעריי. די שענסטע קאָלירן אָנגעלייגט אָן אַ טאָלק וועלן ניט געבן אַזוי פיל פאַרגעניגן, ווי אַ נ אַ נ צ ע ר פּאָרטרעט אָנגעצייכנט

מיט קרייד" (פּאָעטיק, קאַפּ. 6; בוטשערס ענגלישע איבער־זעצונג).

אָבער זאָלן זיך ניט דערפרייען יענע קאַליקעס, וואָס זייער גאַנצער דראַמאַטישער „טאַלאַנט" באַשטייט אין צע־נויפטשאָבן אַ האַנדלונג, וועלכע האָט עטלאַכע משונהדיקע שטאַרקע סצענעס, און די פּערזאָנען פון דער האַנדלונג האָבן ניט קיין קלאָרע באַשטימטע כאַראַקטערן און באַוועגן זיך ווי אויטאָמאַטן, טוען אַלץ וואָס דער פאַרפאַסער ד אַ ר ף זיי זאָלן טאָן, כאָטש זיי זיינען גאָר ניט צוגעפּאַסט מיט זייערע נאַטורן און כאַראַקטערן דורכצופירן די שליחות אין דער האַנדלונג, וואָס זיי פירן דורך. זאָלן די דאָזיקע דראַמאַטישע לאַטוטניקעס ניט מיינען, אַז אַריסטאָטל גיט אַרויס אַ הכשר אויף אַזאַ מין משונהדיקן שונד. אַריסטאָטל זאָגט, אַז כאַ־ראַקטער־מאַלעריי פאַרנעמט דאָס צווייטע פּלאַץ, דער עיקר איז די האַנדלונג, ווייל די כאַראַקטערן ווערן געשאַפן צוליב דער האַנדלונג. זיי זיינען ניט קיין ענדציל. דער ענדציל איז די האַנדלונג. יעדער פון די כאַראַקטערע ווערט געשאַפן דורכצופירן אַ באַשטימטע שליחות אין דער האַנדלונג. אָבער אַזוי ווי די האַנדלונג מוז זיך אַנטוויקלען לויט די געזעצן פון וואַרשיינלאַכקייט און לאָגישער נויטווענדיקייט, פאַרשטייט זיך פון זיך אַליין, אַז יעדע פּערזאָן אין איר מוז ה אַ נ ד־ל ע ן לויט די געזעצן פון וואַרשיינלאַכקייט און לאָגישער נויטוועגדיקייט. דאָס הייסט, אַז אַלץ וואָס אַ מענטש, וועל־כער איז באַטייליקט אין דער האַנדלונג טוט, מוז זיין אין פולן איינקלאַנג מיט זיין נאַטור און זיין כאַראַקטער, ווי עס איז נ אַ ט י ר ל י ך פאַר אים אין דעם מאָמענט, אונטער די אומשטענדען, צו האַנדלען. די האַנדלונג איז, וואָס די האַנד־לענדע פּערזאָנען מאַכן זי. אויב זיי האַנדלען ניט נאַטירליך,

וואַרשיינליך, לויט לאָגישער נויטווענדיקייט, קען ניט זיין קיין נאַטירליכע, וואַרשיינלאכע, אויסגעהאלטענע האַנדלונג.

און אַריסטאָטל זאָגט דאָס טאַקע קלאָר און דייטלאך אַרויס.

„דיכטונג", זאָגט אַריסטאָטל, „איז העכער ווי פילאָזאָפי און האָט אַ גרעסערן ווערט ווי היסטאָריע. וואָרים דיכטונג שטרעבט אויסצודריקן דאָס אוניווערסאַלע. היסטאָריע— דעם איינצלנעם פאַל. מיט „דאָס אוניווערסאַלע" מיין איך: ווי אַ מענטש מיט אַ געוויסן כאַראַקטער וועט אונטער געווי־סע אומשטענדען ריידן און האַנדלען לויט דעם געזעץ פון וואַרשיינלאַכקייט און נויטווענדיקייט".

און ווייטער:

„דיכטונג דערציילט ניט נאָר בלויז אַ געשיכטע פון אַן איינצלנעם לעבן, וואָס דער אָדער יענער האָט געטאָן. עס דריקט אויס דאָס אַלמענטשלאכע, עס פאַרוואַנדלט פאַקטן אין וואַרהייטן".

דאָס זאָגט אַזוי דייטלאך און קלאָר ווי נאָר מעגלאך אַז פון טעאַטראַלע לאַטוטניקעס רעדט אַריסטאָטל ניט. זיי זיי־נען ניט איינגעשלאָסן אין זיינע באַטראַכטונגען. זיי געפינען זיך מחוץ למחנה פונם קונסט-קעניגרייך, וואָס האָבן קונסט־באַדינגונגען און קונסט-פאָדערונגען צו טאָן מיט מענטשן, וואָס האָבן ניט קיין שעפערישע קראַפט און זעען ניט קיין זעאונגען? וואָס זייערע נשמות פרייען זיך ניט מיט דער פרייד פון דער מענטשהייט און שטורמען ניט מיט כעס און רעוואָלט פון דער מענטשהייטס צער און צושמעטערטע האָפ־נונגען? וואָס האָבן ניט קיין זין פאַר שיינקייט און האַר־מאָני און קיין אינטעליגענץ צו אונטערשיידן צווישן „וואַר־שיינלאכקייט און לאָגישע נויטווענדיקייט" און אַ משונה־

דיקע האַנדלונג וואָס באַליידיקט דעם מענטשנס פאַרשטאַנד? נישט פאַר זיי (און נישט פאַר אַזעלכע וואָס האָבן יאָ געגונג אינטעליגענץ צו זען די זינלאָזיקייט פון זייערע צענויפגע־שטוקעוועטע לאַטעס. נאָר זיינען זיכער, אַז „משה" וועט אַלעס אויפעסן) ווערן געשריבן אָפּהאַנדלונגען איבער דיכטונג. אַריסטאָטל רעדט צו דיכטער און וועגן דיכטער, צו דראַ־מאַטורגן־קינסטלער, וואָס זייערע נשמות ברויזן פון שעפע־רישער קראַפט, וועלכע רייסט זיך אַרויסצוגיין אויף דער ליכטיקער וועלט, ווייל זי האָט אַ נבואה צו זאָגן דער וועלט. צו זיי, צו די דראַמאַטורגען־קינסטלער, צו די נביאים, זאָגט אַריסטאָטל, אַז אין דראַמאַטישער דיכטונג פאַרנעמט די האַנדלונג דאָס ערשטע פּלאַץ, און די כאַראַקטעריזירונג פון די פערזאָנען דאָס צווייטע. אָהן האַנדלונג איז נישטאָ קיין טראַגעדיע, ווייל „נאָר דורך זייערע האַנדלונגען זיינען מענטשן גליקלאַך אָדער אומגליקלאַך".

כאַראַקטעריזירונג קען דערגרייכט ווערן דורך דער סוביעקטיווער מעטאָדע, דורך שילדערונג. דער דיכטער רעדט צו אונז און זאָגט אונז וואָס פאַר אַ נאַטור און וואָס פאַר אַ כאַראַקטער די און יענע פערזאָנען האָבן. איז דאָס גאַנץ גוט פאַר אַ כאַראַקטער־בילד אָדער דערציילונג. אַבער אין דראַמע איז דאָס נישט מעגלאַך, ווייל אין דראַמע גילט נאָר די אָביעקטיווע, אומפּערזענלאַכע, מעטאָדע. קענען אָבער מענטשן אויך כאַראַקטעריזירט ווערן דורך געשפּרעכן וואָס זיי פירן. דאָס איז שוין אַן אָביעקטיווע פאָרם. אָדער דורך האַנדלונגען וואָס זיינען איינגאַנצען אָפּגעריסן איינע פון די אַנדערע, אָדער וואָס זיינען צונויפגעבונדען מיט אַן אי־בערגעבראָכענער שטרוי. דאָס איז שוין אַ דראַמאַטישע פאָרם. זאָגט אונז אַריסטאָטל, אַז כאָטש דאָס איז אַ דראַמאַטישע

פאָרם, זיינען אָבער אַזעלכע האַנדלונגען נ י ט ק י י ן ד ר אַ מ ע. אַ דראַמע איז א י י ן האַנדלונג, אין וועלכער אַלע טיילן זיינען פאַרבונדן דורך א י י ן לעבנסקראַפט, ווי אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם, אַזוי, אַז ווען מען שניידט אָוועק איין טייל ליידט דער גאַנצער קערפּער. דער צוועק פון דער דראַמע איז ניט צו כאַראַקטעריזירן פּערזאָנען, נאָר צו באַשאַפן אַ האַנדלונג, וועלכע האָט אָרגאַנישע איינהייט, און די כ אַ ר אַ ק ט ע ר י ז י ר ו נ ג פ ו ן ד י פּ ע ר ז אָ נ ע ן א י ז נ אָ ר אַ מ י ט ל צ ו ד ע ם ע נ ד צ י ל.

צו דערגרייכן אָט דעם ענדציל — זאָגט אַריסטאָטל — איז אַ פיל שווערערע און העכערע קינסטלערישע אַרבייט ווי כאַראַקטעריזירונג. „אַ באַווייז איז אַז דעם אָנפאַנגער אין דער דראַמאַטישער קונסט געלינגט אימער צו שאַפן גוט כאַראַקטעריזירטע פּערזאָנען, אָבער נאָר זייער זעלטן געלינגט איינעם צו שאַפן אַ גוט אויסגעבויטע האַנדלונג".

אפילו אין דער דערציילונג קען מען אויך אַלע מאָל באַמערקן, אַז ביים באַגאַבטערן און געניטערן קינסטלער ווערט די כאַראַקטעריזירונג אַלע מאָל אַרויסגעבראַכט דורך האַנדלונג. אין טשעכאָווס בריוו צו זיין ברודער, וועלכער האָט זיך גענומען שרייבן דערציילונגען, וואָרנט אים דער גרויסער מייסטער ער זאָל ניט ש י ל ד ע ר ן זיינע כאַראַקטערן, נאָר ער זאָל זיי לאָזן זיך אַנטפּלעקן דורך ה אַ נ ד ל ו נ ג. די אינגערע דערציילער, אפילו די גאַנץ באַגאַבטע, האָבן קיינמאָל ניט גענוג האַנדלונג, און דאָס ביסל וואָס זיי האָבן איז ניט גענוג גאַנץ און אָרגאַניש, אַז זייערע כאַראַקטערן זאָלן קענען קלאָר און בולט אַרויסגעבראַכט ווערן אויפן אָביעקטיוון, אומפּערזענלאַכן, אופן.

.14

אינהאַלט און פאָרם.

י ו נ ג א ו ן אַ ל ט.

צו פאַרדעקן זייער אומעכטיקייט שטעלן זיך אייניקע יונגע אַוועק אין דער לאַגע פונם פוקס, וועלכער האָט ניט געקענט דערגרייכן די וויינטרויבן. זיי קומען אַרויס מיט דערקלערונגען, אַז האַנדלונג איז גאָרניט. וואָס איז אינ־האַלט? מעשה? אַלטע בעטלערס דערציילן מעשיות... וואָס באַדנלאָזער און פוסטער דער רוים, אין וועלכן די פער־זאָנען באַוועגן זיך, וואָס מער זיי שווימען אום אין דער לופטן אָן אַ ציל און אָן אייגענער אינערלאכער טרייבקראַפט, ווי אָנ־געבלאָזענע קינדערשע באַלונדלאַך, אַלץ קינסטלערישער און „מאָדערנער“ איז די שאַפונג. די דאָזיקע דערקלערונגען ווערן אויפגעכאַפּט פון די איבעריקע יונגע ווי אַ נייע תורה, אַ „נייער וועג“, און אַזוי ווערט די אימפּאָטענץ פּראָקלאַמירט פאַר אַ העכערער קונסט. דאָס איז די אילוזיע וואָס ווערט געשאַפן, באַוואוסט און אומבאַוואוסט, כדי ניט צו זען און ניט צו פילן די גרויע, בייזעווירקלאַכקייט. און זיי לעבן זיך אַזוי איין אין דער אילוזיע, אַז זיי הויבן זיך אָן פ י ל ן גרעסער ווי די עלטערע אָנערקענטע קינסטלער, און נעמען זיך שטורמען זייערע פעסטונגען, כדי זיי אַראָפּצוזעצן פון זייערע טראָנען. דער קאַמף איז, אַ חוץ אין זייער זעלטענע פאַלן, אַן אומזיסטיקער און אַ לעכערלאַכער. ווער קען עס נעהמען ערנסט אַן אינגל, וועמעס גאַנצער קונסט־קאַפּיטאַל איז עטלאכע לידלאַך אדער דערציילונגען, ווען ער רעדט מיט

אַן אַלוויסנדן בטול-טאָן וועגן געטען און שעקספּירן און קונסט-קריטיקער, וועמעס ארבעט איז פּונקט אַזוי שעפעריש און איינפלוסרייך ווי די דיכטונגען פון די גרויסע מייסטערס? און דער קאַמף האַלט לאַנג ניט אָן, ווייל די באַגאַבטערע פון די יונגע קריגן די נויטיקע טעכניק און מייסטערשאַפט וואָס האָט זיי געפעלט, און די אומפאַרמיידלאַכע אָנערקענונג וואָס דאָס ברייננגט, און ווערן אַליין אַלטע — געגן וועלכע נייע יונגע הויבן זיך אָן פאַרמעסטן. און אַזוי גייט עס כסדר, פון דור צו דור. די באַגאַבטע יונגע נעמען אָן, מיט אומבאַדייטנדע ענדערונגען, די וועגן פון די אַלטע מייסטערס. דער טאַלאַנטלאָזער ערב-רב וואָס האָט זיך זיי נאָכגעשלעפט, צוקריכט זיך אין פאַרשיידענע נאָרעס און ווערט פאַרגעסן, און די אַלע „נייע וועגן", די אימפּאַטענץ וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן פאַר העכערער קונסט, פאַרשווינדען צוזאַמען מיטן יונגען ערב רב. דאָס איינציקע נייע, וואָס די מייסטערס פון יעדן דור ברייננגען אַריין אין זייערע שאַפונגען, איז דער גייסט פון זייער צייט, נייע אידייען, אַ שפּראַך און אַן אויסדרוקס-פאָרם, וואָס זיינען צוגעפּאַסט צו די נייע אידייען. אָבער די פעסטע, קאַרדינאַלע פּרינציפּן פון דיכטערישער שאַפונג בלייבן אימער דיזעלבע. אַ דור גייט און אַ דור קומט און די אמתע קונסט לעבט אייביק.

וואָרים עס איז ניטאָ קיין נייע און אַלטע קונסט. עס איז נאָר דאָ אמתע און פאַלשע קונסט. די אמתע קונסט איז שטענדיק פריש און יונג און פול מיט דער זאַפט פונם לעבן. זי שעפט איר באַגייסטערונג פון די נייע אידייען, פון די נייע לעבנספאָרמען, פון די ש ט ר ע ב ו נ ג ע ן צו נייע לעבנספאָרמען, וועלכע זי שפּיגלט אָפּ און זאָגט אָן לאַנג איידער די גרויסע מאַסן האָבן זי דערזען און דערפילט, און אין דעם און נ אָ ר אין דעם, באַשטייט איר נייקייט.

קונסט און לעבן זיינען אַ צענויפגעוואַקסענער צווילינג,ביידע בייטן זייערע פאָרמען, אָבער נים זייערע פּרינציפּן. ביידע זיינען שטענדיק אַלט און שטענדיק יונג. זיי באַגייס־טערן און באַאיינפלוסן איינס דאָס אַנדערע, און גיבן איינס דעם אַנדערן זין און צוועקמעסיקייט און אינהאַלט. אַלע רייד פון די אימפּאָטענטע יונגע וועגן אַ קונסט פון לויטער פאָרם אָ ה ן א י נ ה אַ ל ט, זיינען ווי אַ פּלאַפּלעריי וועגן אַ וואַלד אָן בוימער.

אָבער מיט די אַלע פאַרשיידענע פּלאַפּלערייען און מיט דער גאַנצער לעכערלאַכער חוצפּה, וועלכע די ונגע פון יעדן דור געברויכן אין זייער שטורמען די פעסטונגען פון די אַלטע, איז זייער קאַריק אַ באַרעכטיקטער און אָפט אַ גאַנץ נויטיקער און נוצלאַכער.

ער איז באַרעכטיקט, ווייל כאָטש ער זעט אויס ווי אַן אַטאַקע איז ער מייסטנס אַ צוריקשלאָגן און אַ נאַטירלאַכער אַקט פון נקמה.

שאַרפער און ביטערער ווי אויף יעדן אַנדערן געביט פון מענטשלאַכער טעטיקייט איז די אייפערזיכטיקייט און די שרעק פאַר קאָנקורענץ און די אַמביציעס פאַר אויבערהער־שאַפט אויף דעם געביט פון קונסט. וואָרים דער קינסטלער, ווי גרויס און אָנערקענט ער זאָל ניט זיין, איז שטענדיק הונ־געריק נאָך אַפּלאָדיסמענטען און לאָרבער־קראַנצען, און ער קוקט אויף יעדן יונגען קינסטלער ווי אויף אַן אריינדרינגער, וועלכער וויל אָוועקרויבן די אַפּלאָדיסמענטען און לאָרבער־קראַנצען, וואָס באַלאַנגען צו א י ם.

דער קריטיקער און דער פּובליציסט וואַכן פונקט מיט אַזאַ אייפערזיכטיקייט איבער זייערע פּאָזיציעס, ווי דער דיכ־טער. ז י י גייט עס נים אַזוי פיל אין אַפּלאָדיסמענטען און

לאָרבער־קראַנצען (כאָטש זיי האָבן פאַר דעם, קיין עין הרע אויך אַ גאַנץ פיינעם אַפּעטיט), ווי אין דער מאַכט און איינפלוס, וואָס זייער אויטאָריטעט גיט זיי. און, ווי יעדער הערשער זיינען זיי זיכער, אַז זיי זיינען פון גאָט געזאַלבט און קיין קאָנקורענט איז ניט ראוי און האָט ניט דאָס רעכט אַריינצודרינגען אין זייער קעניגרייך. ניט נאָר קענען זיי ניט איבערטראָגן ווען איינער ש ר י י ב ט איבער די פראַגן, אין וועלכע זיי באַטראַכטן זיך פאַר די אורים ותומים, זיי קע־נען אפילו ניט ליידן, ווען איינער רעדט אין זייער געזעלשאַפט וועגן די פראַגן. און אַ סך פון זיי באַזיצן אפילו ניט די זעלבסטבאַהערשונג און די ציוויליזירטע מאַניערן צו באַ־האַלטן זייער איינגעהאַרציקייט און אייפערזיכטיקייט. און אַזוי ווי זיי, צוזאַמען מיט די אַלטע דיכטער, זיינען אימער די וואָרטפירער, אָדער די נאָענטע פאַרבינדעטע פון די וואָרט־פירער, פון די איינפלוסרייכע ציטונגען און זשורנאַלן, זיינען זיי אין דער לאַגע צו פאַריגלען די טיר פאַר די יונגע מיט זיבן ריגלען.

דיזעלבע לאַגע, און אָפט נאָך מיט שאַרפערער ברוטאַ־ליטעט און גרויזאַמקייט, הערשט אין טעאַטער. יונגע באַ־גאַבטע קינסטלער ווערן אַלט איידער זיי קריגן די געלעגנ־הייט אויפצוטרעטן אין אַ ראָלע, אין וועלכער זיי קענען ווייזן זייער טאַלאַנט, און טויזנדער קריגן קיינמאָל ניט די געלעגנ־הייט. די בעסטע פּיעסן וואַלגערן זיך יאָרן לאַנג אויף די פּאָליצעס, וואו די דירעקטאָרן האַלטן זייער פאַרבראַקירטע סחורה, און נאָר אַ צופאַל, אַ קאַפּריז, ברייננט זיי אַמאָל אויף די ברעטער. און טויזנטער גוטע פּיעסן האָבן אפילו ניט דאָס גליק אַרויפצוקומען אויף די פּאָליצעס.

איבסענס מייסטערבילדער, וועלכער ציטערט פאַר „דער יוגנט וואָס קלאַפּט אין טיר“, איז איבסן אַליין, ווי עס פאַר־זיכערן אונז די קריטיקער, וועלכע זיינען געווען זיינע אינ־טימע פריינט. און איבסן איז ניט געווען קיין אויסנאַם אין דער הינזיכט.

די יונגע קלאַפּן אַ לאַנגע צייט אין טיר שרעקעדיק און מיט געבעט, און ווען זייער געדולד ווערט אויסגעשעפּט קומען זיי מיט העק און ברעך־אייזנס און מאַכן אַ פּאָגראָם.

און אָפט, ווי מיר האָבן געזאָגט, איז דער פּאָגראָם אַ גאַנץ נויטיקער און נוצלאַכער, ווייל עס ווערן אין אים גע־הרגעט אייניקע אַלטע איינגעפונדעוועטע רעפּוטאַציעס, וועל־כע דינען שוין מער ניט דעם גאָט פון דער קונסט, נאָר דעם אָפּגאָט פון מאַטעריעלן אינטערעס. אַנשטאַט צו ווערן באַ־גייסטערט פאַר די נייע אידייען און אידעאַלן, זוכן זיי אויפ־צוהאַלטן דאָס אַלטע און אָפּגעלעבטע, און דער קאַמף קעגן זיי איז אַ טייל פונם קאַמף פונם נייעם גייסט קעגן רעאַקציע.

אין אַ בעלעטריסטישן ווערק ווייזט זיך דער גייסט פונם דיכטער בולטער אַרויס דורך די פּערזאָנען פון דער האַנדלונג, ווי דורך דער פונדאַמענטאַלער אידייע. די שענסטע און נאָבלסטע מענטשן אין דער האַנדלונג פון אַ רעאַקציאָנערן קונסטווערק וועלן אימער זיין די וואָס שטייען פאַר די אָפּגעלעבטע אידייען און די אָפּגעלעבטע לעבנספאָר־מען, און אויב עס זיינען דאָ אין דער האַנדלונג טרעגער פון נייע אידעאַלן, וועלן די ברוטאַלע און וואולגאַרע שטריכן פון זייערע כאַראַקטערן אונטערגעשטראָכן ווערן שאַרפער ווי זייערע פיינערע און נאָבעלע שטריכן. און דער רעזולטאַט איז אימער, אַז די פונדאַמענטאַלע אידייע וואָס די האַנדלונג פאַרקערפּערט ווערט אַרויסגעבראַכט אויף אַ געמאַטערטן,

געצוואונגענעם אופן — ווייל א ריכטיקער אנאליז וועט אי־מער באווייזן, אז די פערזאנען האנדלען נים „לויט די געזעצן פון ווארשיינלאכקייט און לאגישער נויטווענדיקייט".

דאסזעלבע, נאטירלאך, וועט אויך זיין דער פאל מיט א פראגרעסיוון קינסטלער, וועלכער איז מער פראפאגאנדיסט ווי דיכטער.

קונסט איז לעבן. און ווען א דיכטער גיט אונז פאלש לעבן, קען ער אונז נים געבן קיין אמתע קונסט.

אן אמת־דראמאטיש קונסטווערק איז א האנדלונג, וואס פארקערפערט א פונדאמענטאלע אידייע אויף אזא אופן, אז די אידייע איז די לעבנסקראפט פון יעדן טייל פון דער האנד־לונג. און דאס קען נאר דערגרייכט ווערן, ווען אלע פערזאנען פון דער האנדלונג וואקסן ארוים פון דער פונדאמענטאלער אי־דייע און רעדן און האנדלען לויט די געזעצן פון ווארשיינלאכקייט און לאגישער נויטווענדיקייט.

15.

דער מאנאטעאיזם פון דער דראמע.

די אידן האבן נים געהאט קיין טעאטער, אבער טע־אטראלישקייט האבן זיי שטענדיק געהאט.

יעדער פאלקס יום־טוב, יעדע גרויסע היסטארישע פא־סירונג, איז געפייערט געווארן מיט געזאנג און מוזיק און טענץ און מיט דעקלאמאציעס פון פאעמען, וואס האבן פאר־אייביקט די גרויסע געשעענישן, ווי „אז ישיר", די שירה פון דבורהן און אנדערע.

האלב־דראמאטישע ווערק, ווערק אין דיאלאָג־פאָרם, מיט טעמען וואָס האָבן באהאנדלט די געזונטע לעבנס־פרייד און די העכסטע פילאזאָפישע פּראָבלעמען, האָבן אידן שטענדיק געהאט. די ערשטע זיינען פארטראָטן דורך „שיר השירים", די לעצטע דורך „איוב". איך רייד וועגן די צוויי ווערק ווי וועגן מוסטערן פון א גרויסער צאָל ענלאכע ווערק, ווייל מיר ווייסן, אז די פרומע און שטריינג־נאציאָנאלע רעדאקטאָרן פון די אלטע העברייאישע שריפטן האָבן א גרויסע צאָל פון זיי אונטערדריקט, צוליב דעם וואָס זיי זיינען געווען אביסל צו־פריי און ניט אינגאנצן אין אידישן גייסט. אזא מין ווערק האט געדארפט האָבן עפּעס א ספּעציעלן זכות עס זאָל ניט אונטערדריקט ווערן, ווי די גמרא דערציילט אונז וועגן „קהלת", אז מען האט דאָך בוך געוואָלט „באהאלטן" („בקשו לגנוז..." געמיינט האט עס אָבער: באגראָבן), נאָר דער לעצטער פרומער פסוק פונם בוך האט עס געראטעוועט.

אָבער דער אידישער גייסט האט א גרויסן חלק אין דער דראמע, ווייל אין יעדן קינסטלערישן דראמאטישן ווערק הערשט דער אידישער באגריף וועגן דער גאָטהייט — דער מאָנאטעאיזם.

אין זייער רעליגיע זיינען די גריכן געווען פּאָליטעאיסטן. צו אַבסטראקט איז פאר זיי געווען דער אידישער פּרינציפּ פון איין־איינציקן לויטער גייסטיקן גאָט. זיי האָבן אים מיטן שכל ניט געקענט משיג זיין. אָבער אין דער קונסט איז ער געקומען צו זיי אומבאוואוסט. דורך זייער געניאלער שעפערישער אינטואיציע. ווען זיי האָבן אליין גענומען באשאפן וועלטן, די וועלטן פון דער דראמע, האָבן זיי אין זיי דורכגעפירט דעם פּרינציפּ פון מאָנטעאיזם, וועלכן דער אידישער געניוס האט אנטדעקט דורך זיין אינטעלעקט.

אַריסטאָטל האָט באַוויזן, אַז אַ דראַמאַטיש ווערק איז אַ קליין, אָפּגעשלאָסן וועלטל, און אַלץ וואָס עס טוט זיך אָפּ אין דעם וועלטל, די גאַנצע האַנדלונג, מוז האָבן אָרגאַנישע איינהייט. און פון די פריערדיקע קאַפּיטלען איז פאַר אונז קלאָר געוואָרן, אַז פולשטענדיקע אָרגאַנישע איינהייט קען נאָר האָבן אַ האַנדלונג, אין וועלכער די פונדאַמענטאַלע אידייע איז די נשמה, די לעבנסקראַפט פון אַלע אירע טיילן. די דאָזיקע ראָלע פון דער פונדאַמענטאַלער אידייע מאַכט זי פאַרן איינציקן גאָט פון דער וועלט פון דער האַנדלונג.

די פונדאַמענטאַלע אידייע באַשאַפט די וועלט און פון איר ציט די וועלט איר חיות. אַלעס אין דער דאָזיקער אָפּגעזונדערטער, אין זיך אַליין איינגעשלאָסענער וועלט ווערט געבאָרן צו דינען דער פונדאַמענטאַלער אידייע. זי איז אין יעדער הינזיכט דער א י ד י ש ע ר גאָט פון איר וועלט, באַשעפער, באַלעבנדע קראַפט, און דער שטענדיק וואַכעדיקער הערשער, וועלכער זעט ביז אין סוף פון די דורות און וועמעס ווילן עס ווערט פּלאַנמעסיק דורכגעפירט אין יעדער געשעעניש.

זי איז „אהיה אשר אהיה“, אין תהו ובהו איז זי שוין געווען. דורך איר ווילן איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן, דורך איר כח ווערט זי אויפגעהאַלטן, און מיט איר חכמה ווערט זי געפירט. אַלץ וואָס עקזיסטירט און לעבט ציט פון איר זיין חיות, און האָט צו דערפילן אַ וויכטיקע שליחות.

אין דער וועלט פון דער דראַמע לעבט קיין מענטש ניט אָן אַ צוועק. יעדער מוז דורכפירן אַ שליחות, און קיין זאַך געשעט ניט אָן אַ צוועק און אַ לאָגישער נויטווענדיקייט.

דער נאַר, דער חכם, דער צדיק, דער רשע, קומען ניט אין דער וועלט פון דער האַנדלונג צוליב זיך אַליין, כדי מען זאָל לאָבן פון זייערע וויצן, באַוואונדערן זייער חכמה, אַפּלאָדירן זייערע גוטע מעשים און אויספייפן זייערע שלעכטע מעשים. יעדע געשעעניש האָט אַ צוועק און יעדע פּערזאָן האָט אַ שליחות: אַלע זיינען גערופן בייצוטראָגן אַ באַשטימטע אַרבעט פאַר דער האַנדלונג, כדי די אידייע וואָס האָט אַרויסגערופן די האַנדלונג זאָל וואָס שענער, קלערער און אויבערצייגנדער אַרויסגעבראַכט ווערן. האָט אַ פּערזאָן בייגעטראָגן איר חלק צו דער אידייע האָט זי מער ניט צוליב וואָס צו לעבן. אָפּגעטאָן דיין שליחות — אַראָפּ פונם מאַרק! כי לכך נוצרת! אַזוי פאַרשווינדט אין „ליר" דער „פּול" ביים סוף פון דריטן אַקט „גייענדיק שלאָפן אין מיטן טאָג". אַזוי פאַרשווינדן אָפט וויכטיקע פּערזאָנען אין יעדן דראַמאַטישן קונסטווערק אין מיטן פון דער האַנדלונג, כאָטש אַקטיאָרן האָבן זייער שטאַרק ניט ליב אַזעלכע ראָלן און באַטראַכטן זיי פאַר אַ באַווייז, אַז דער דיכטער „קען ניט די בינע".

די וועלט פון דראַמאַטישן קונסטווערק איז אַ פאַנטעאיסטישע וועלט. גאָט געפינט זיך אין יעדן טייל פון דער וועלט און איז איר באַלעבנדע קראַפט. די האַנדלונג איז די וועלט, די פונדאַמענטאַלע אידייע — גאָט.

די קלאָרסטע און איינפאַכסטע באַלייכטונג פון שפּינאָזאַס פאַנטעאיזם געפינען מיר אין זיין משל מיט דער בריק:

„די פאַרבינדונג צווישן דער ממשותדיקער וועלט און גאָט איז ווי די פאַרבינדונג פון דער בריק מיט דעם פּלאַן און מיט די מאַטעמאַטישע און מעכאַנישע געזעצן, לויט וועל-

כע זי איז געמאַכט. אָן זיי קען זי ניט האָבן קיין קיום".

דער פּלאַן (און די מאַטעמאַטישע און מעכאַנישע געזעצן וואָס זיינען איינגעשלאָסן אין פּלאַן) איז פאַר דער ממשותדיקער וועלט וואָס די פונדאַמענטאַלע אידייע איז פאַר דער האַנדלונג — גאָט.

אָבער כאָטש די וועלט פון אַ דראַמאַטיש קונסטווערק איז אַ פאַנטעאיסטישע, איז אָבער דער גאָט פונם קונסטווערק ניט ספינאָזאַס גאָט. ביי ספינאָזאַן האָט גאָט ניט קיין עקזיסטענץ אויסער דער וועלט. ער איז אַ געפּענטעטער גאָט (לייען ניט: פּאַן—טעאיזם, נאָר פּענטע—איזם), איינגעשפּאַרט אין דער וועלט ווי אין אַ געפענגניש. דער גאָט פונם קונסטווערק האָט עקזיסטירט פאַר דער וועלט, איז דאָ אין איר און אויך אויסער איר. ער איז איר באַלעבנדע קראַפט און אויך איר באַשאַפער און איר הערשער און פירער. דער גאָט פונם קונסטווערק איז דער אידישער גאָט, און דער פאַנטעאיזם פון דער וועלט פונם קונסטווערק איז דער פאַנטעאיזם פון די גרויסע גייסטער פון דער קבלה און חסידות.

„איידער גאָט האָט באַשאַפן די וועלט איז ער געווען איינער אַליין און זיין ליכט האָט אויסגעפילט דאָס אָרט פון דער וועלט. און איצט איז עס אויך אַזוי און די ענדערונג איז נאָר פאַר די וואָס שעפּן דאָס חיות פון זיין ליכט. צו זיי קומט עס דורך אַ סך קליידער וואָס דעקן צו און פאַרבאָרגן זיין געבענטשט ליכט" (לקוטי אמרים).

אָבער די ממשותדיקע וועלט מיט איר צוגעדעקטן געטלאַכן ליכט (אור המלובש), וואָס דרינגט דורך אַלץ וואָס איז דאָ אין איר „איז אַרומגערינגלט פון גאָטס אַנטפּלעקטן אומענדלאַכן ליכט" (אור המקיף, אור אין סוף).

דאָס „צוגעדעקטע ליכט", די לעבנסקראַפט פון דער ממשותדיקער וועלט, איז אַ טייל פון דעם געהיימניספולן „אומענדלאַכן ליכט" — אַזוי ווי די פונדאַמענטאַלע אידייע פון אַ קונסטווערק איז אַ טייל פון דעם געהיימניספולן קונסט־שעפערישן כח.

16.

אידעאַליזירונג און רעאַליזם.
פרייער אויסוואַל און צוואַנג.

אייניקע לעזער פילן געוויס אַ ווידערשפרוך צווישן די צוויי הויפט־באַדינגונגען פון אַ קונסטווערק: „אידעאַליזירונג" און „לאָגישע נויטווענדיקייט".

אידעאַליזירונג מיינט: לעבן אַזוי איבערגע־שאַפן, אַז עס זאָל אַרויסקומען שענער, גאַנצער, האַרמאָנישער ווי דאָס רויע, ממשותדיקע לעבן. הייסט עס דאָך, אַז דער דיכטער איז אַ פרייער מענטש און דאַרף זיך ניט רעכענען מיט די אמתען און מיט דער קאַלטער לאָגיק פונם רויען לעבן. לאָגישע נויטווענדיקייט בינדט דעם דיכטער די הענט און צווינגט אים ניט אָפּצוטרעטן אויף אַ האָר פון דער שטרייגער לאָגיק און פון דעם נאַטירלאַכן, אומפאַר־מיידלאַכן אויסגאַנג פון די פאַסירונגען. ווייזט זיך אויס, אַז מיר שטייען דאָ פאַר אַ געוואַלדיגן תרתי דסתרי? פון איין זייט אַ פרייער, הפקרדיקער קאַפּריזנער ראָמאַנטיזם און פון דער אַנדערער זייט אַ שטרענגער נאַטוראַליסטישער רעאַ־ליזם?

עס איז אָבער ניטאָ קיין ווידערשפרוך. דער דיכטער האָט אַ פולשטענדיקן פרייען ווילן, וועלכער גיט אים די מעגלאַכקייט צו באַפרידיקן אַלע זיינע קאַפריזן און משונהדי־קע איינפאַלן, און אין דערזעלבער צייט איז ער אונטערגע־וואָרפן אונטער געזעצן, פון וועלכע ער קען ניט אָפּטרעטן אויף אַ האָר רעכטס אָדער לינקס. די פראַגע וועגן פרייען ווילן און צוואַנג, בחירה און הכרח, איז אין דער קונסט שטענדיק געווען פאַרענטפערט אויף אַ פולשטענדיקן באַ־פרידיגנדן אופן.

דער דיכטער האָט אַ פולשטענדיקן פרייען ווילן אין דעם אויסוואַל פון דעם וועלטל, אין וועלכן ער וויל אונז אריינ־פירן, און אין דעם אופן פון דער פאַרבינדונג פון דער האַנד־לונג. בנוגע די דאָזיקע צוויי פונקטן קען ער אָפּלאָזן די לייצעס פון זיין פאַנטאַזיע און זי לאָזן לויפן איבער דער ערד, פליען אין הימל אריין, און זיך אַראָפּלאָזן אין די קע־ניגרייכן פון אונטער דער ערד. ער קען זיך באַנוצן מיט יעדן משונהדיקן איינפאַל, באַפרידיקן זיין יעדן אײנגלשן קאַפּריז. ער קען אונז געבן מענטשן מיט זעקס קעפּ, ער קען געבן די מענטשן וואָסערע נאַטורן און כאַראַקטערן און משונהדיקע אידייען ער וויל. ער קען אונז אריינפירן אין אַ וועלט פון מלאכים, מאָנסטערס, מתים, מכשפות, ער קען אריינגעבן לעבעדיקע נשמות אין ביימער, גראָז, וואַסערן און אַלערליי ניט־לעבעדיקע זאַכן, און זיי לאָזן זיך פריי באַ־וועגן און ריידן מיט אַ מענטשלאַכער שפּראַך. און דיזעלבע פולשטענדיקע פרייהייט האָט ער אויך אין דעם פונקט פון **ד ע ר פ אַ ר ב י נ ד ו נ ג פ ו ן ד ע ר ה אַ נ ד ל ו נ ג.** דער ערשטער צוזאַמענשטויס פון די כאַראַקטערן, די ער־שטע סיטואַציע, קען זיין די וויכטיקסטע פראָבלעם אָדער דער

ווילדסטער, משונהדיקסטער איינפאַל. זיינע כאַראַקטערן קע־נען פאַרפירן אַ קאַמף איבער דער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט, אָדער איבער דער נויטיקייט פון אַ פינפטער ציצית אין אַ טלית־קטן. אָבער אין דעם וועלטל, וואוהין ער האָט אונז אריינגעפירט, מוז אַלעם זיין אונטערגעוואָרפן די געזעצן פון וואַרשיינלאַכקייט און לאָגישער נויטווענדיקייט, וועלכע הערשן אין דעם דאָזיקן וועלטל. און די גאַנצע האַנד־לונג מוז אַרויסוואַקסן פון דער ערשטער פאַרבינדונג אויף אַ נאַטירלאַכן און אומפאַרמיידלאַכן אופן. דאָס הייסט: אויף אַן אופן, וואָס איז נאַטירלאַך און אומפאַרמיידלאַך ל ו י ט ד ע ר ע ר ש ט ע ר פ אַ ר ב י נ ד ו נ ג. מעג די פאַר־בינדונג אַליין זיין אַ שטיק משונהדיקע אומנאַטירלאַכקייט. (זוי: „די טעמפעסט“, שעקספּיר; „דער אויפשטאַנד פון די מלאכים“, אַנאַטאָל פראַנס; „דער דבוק“, אַנסקי).

אַריסטאָטל, וועלכער האָט ניט געוואוסט פון קיין ראָ־מאַנטיזם, רעאַליזם, סימבאָליזם, און אַלע אַנדערע שולן פון אונזערע צייטן און האָט זיך גערעכנט נאָר מיט אמתער און פאַלשער קונסט, זאָגט:

„דער דיכטער, זייענדיק אַ נאָכמאַכער, ווי דער מאַלער און יעדער אַנדער קינסטלער, מוז נאָכמאַכן איינס פון די פיר זאַכן:

„זאַכן ווי זיי זיינען געווען; זאַכן ווי זיי זיינען; זאַכן ווי מען ז אָ ג ט אָ ד ע ר מ ע ן ד ע נ ק ט אַז זיי זיי־נען; זאַכן ווי זיי ד אַ ר פ ן זיין“.

מיט „זאַכן ווי מען זאָגט אָדער מען דיינקט אַז זיי זיינען“ האָט ער געמיינט: שדים, מלאכים און אַלערליי אַנדערע באַ־שעפענישן און וועלטן וואָס עקזיסטירן נאָר אין אונזער פאַר־שטעלונג. מיט „זאַכן ווי זיי דאַרפן זיין“ האָט ער געמיינט

אונזערע פאַנטאַזיעס וועגן דער צוקונפט. וואָרים דאָס וואָס עקזיסטירט נאָר אין אונזער פאָרשטעלונג איז פונקט אַזאַ טייל פון אונזער לעבן ווי דאָס ממשותדיקע טאָג-טעגלאַכע לעבן. עס איז ניטאָ קיין לעבן אָן אַבערגלויבנס און לעגענדעס און פאַנטאַזיעס וועגן דער צוקונפט. די קונסט אַנערקענט אַלע שולן, אַלע פאָרמען, און גיט זיי אַלע פולשטענדיקע גלייכבאַרעכטיקונג. אָבער זי גיט קיינעם ניט די פריווילעגיע אויף הפקרקייט, זינלאָזיקייט, צוועקלאָזיקייט און אומקלאָרקייט. דאָסזעלבע „געזעץ פון וואַרשיינלאַכקייט און לאָגישער נויטווענדיקייט" וואָס הערשט אין אַ קונסט-ווערק פונם ממשותדיקן, טאָג-טעגלאַכן לעבן הערשט מיט דערזעלבער שטרייגקייט אין אַ פאַנטאַסטישן ווערק. ווי משונהדיק די פאַנטאַזיע זאָל ניט זיין. צי דער דיכטער מאַכט נאָך „זאַכן ווי זיי זיינען", צי „זאַכן ווי מען זאָגט אָדער מען דיינקט אַז זיי זיינען", מוז די גאַנצע האַנדלונג זיך אַנטוויקלען אויף אַ נאַטירלאַכן און אומפאַרמיידלאַכן אופן. דאָס הייסט: אויף אַן אופן וואָס איז נאַטירלאַך אין דעם וועלטל, וואו־הין דער דיכטער האָט אונז אריינגעפירט, און אומפאַרמיידלאַך לויט דער פאַרבינדונג פון דער האַנדלונג; לויט דעם ערשטן צוזאַמענשטויס פון די פערזאָנען.

אַ מלאך טאָר ניט זיין געלטגייציק, אָדער גלוסטן אַנדערע זאַכן, צו וועלכע לויט דעם אָנגענומענעם באַגריף אַ מלאך קען ניט גלוסטן. אַ טייוול טאָר ניט טאָן דאָס, וואָס לויט דעם באַקאַנטן אַבערגלויבן האָט ער ניט בכח צו טאָן. טייוואָלים און מלאכים לעבן אין דער וועלט פון אבערגלויבן — מוזן זיי זיך אונטערוואַרפן צו די געזעצן און צו דער „נאַטירלאַכקייט" פון זייער וועלט.

מעפיסטאָפל בעט זיך ביי פאוסטן, ער זאָל אים אַרויס־לאָזן פון זיין קאַבינעט, ווייל אַ געוויסע קמיע ביי דער שוועל, פאַרשפאַרט אים דעם וועג.

פ א ו ס ט: אויב דער שפרוך פאַרשפאַרט דיר דעם וועג אַרויס, ווי אַזוי ביזטו אַריין ?

מ ע פ י ס ט אָ פ ל: קוק דיך צו. איין שטעלע דאָרט איז ניט ריכטיק. דער פונקט וואָס צו דער טיר האָט געלאָזט פאַר מיר אַן עפענונג.

פ אַ ו ס ט: אַזוי ? ביזטו, הייסט עס, מיין געפאַנגע־נער ?

מ ע פ י ס ט אָ פ ל: דער טייוול איז אין שטוב און קען ניט אַרויס.

פ אַ ו ס ט: דו האָסט דאָס פענסטער. שפרינג אַרויס.

מ ע פ י ס ט אָ פ ל: עס איז אַ געזעץ, וועלכעס בינדט טייוואָלים און גייסטער, אַז ווי אַרום זיי קומען אַריין דאָרט אַרום מוזן זיי אויך אַרויסגיין.

נאָך אַ לאַנגען געשפרעך קומען מעפיסטאָפלס טייוואָלים אים צו הילף און זינגען אַ ליד, וועלכעס פאַרשלעפערט פאוסטן. מעפיסטאָפל רופט אַ ראַט, וועלכער צוגריזשעט די שריפט ביי דער שוועל, און ערשט דאַן קען דער טייוול אַרויס פון זיין געפענגניש.

דאָס איז האַנדלונג לויט די געזעצן פון וואַרשיינלאַכקייט און נויטווענדיקייט אין דער וועלט פון אַבערגלויבן. אין דער וועלט איז עס רעאַליסטיש, לעבנס־טריי, נאַטירלאַך

אין „גאָט, מענטש און טייוול" קומט אוריאל מזיק אַריין צו הערשעלע דובראָוונער אין שטוב אַריין, און די מזוזה, די ציצית, דאָס ספר־תורה זיינען אים גאָר ניט קיין שטערונג. עס ווערט אפילו ניט צוגעטראַכט קיין תירוץ פאַר דער דאָ־

זיקער אומנאַטירלאַכקייט אין דער וועלט פון אידישן אַבער־גלויבן. דאָס איז פאַלשע קונסט, דורכגעלעכערטע אילוזיע. דער דיכטער האָט ניט געשאַפן קיין אמתע אַטמאָספערע פון דער וועלט, אין וועלכער ער האָט אַריינגעפירט זיינע צו־שויער.

דאָס מיינט אָבער ניט, אַז דער דיכטער מוז זיך רע־כענען מיט די אָנגענומענע אַבערגלויבנס, ווען ער פירט אונז אַריין אין אַ וועלט פון גייסטער. ער האָט די אַבסאָלוטע פרייהייט צו באַשאַפן זיינע אייגענע גייסטער, מיט אייגנ־שאַפטן און כאַראַקטערשטריכן, וואָס זיינען פונקט דער קעגנ־זאַץ פון די אָנגענומענע אייגנשאַפטן און כאַראַקטערשטריכן. זיין טייוול קען זיין דער כח פון גוטס, זיין לילית קען זיין די בעסטע פריינדין פון די מענטשן. זיינע מלאכים (ווי אַנאַ־טאָל פראַנסעס „אויפשטאַנד פון די מלאכים״) קענען זיין מע־נער מיט בערד און פרויען מיט געשוירענע האָר און באַזיצן אַלע מענטשלאַכע ליידנשאַפטן און זיין אונטערוואָרפן צו מענטשלאַכע ליידן, און אין דערזעלבער צייט זיין באַגאַבט מיט איבערמענטשלאַכע כחות. דער דיכטער איז אַ בעשעפער און ער קען באַשאַפן וואָס פאַר אַ וועלט ער וויל, אָבער וואָס די וועלט זאָל ניט זיין מוז אין איר הערשן זין און צוועקמעסיקייט און האַרמאָני. און אַלץ וואָס עס גע־שעט אין איר מוז זיין אין איינקלאַנג מיט די געזעצן פון וואַר־שיינלאַכקייט און לאָגישער נויטווענדיקייט פון דער וועלט וואו מיר געפינען זיך.

דאָס קונסטווערק איז „אַן אָפּגעזונדערטע, אין זיך אַליין איינגעשלאָסענע וועלט״, און יעדע וועלט האָט איר באַזונדערע וואַרשיינלאַכקייט און לאָגיק — די וואַרשיינלאַכקייט און די לאָגיק וואָס פליסן אַרויס פון די אייגנשאַפטן פון די כאַ־

ראַקטערן און זייער ערשטן צוזאַמענשטויס. און פון ד ע ר וואַרשיינלאַכקייט און ד ע ר לאָגיק קען זיך דער דיכטער ניט באַפרייען אויף איין מאָמענט. ער איז זייער באַשעפער און ער קען זיי ניט פאַרלייקענען. ער איז פריי צו באַשאַפן וואָסער אַ וועלט ער וויל. עס איז גאָר ניטאָ דער משונהדיקער איינפאַל און דער ווילדער קאַפּריז, וועלכע ער קען ניט מאַכן פאַר די יסודות פון זיין וועלט. אָבער אויף ד י ד אַ ז י ג ע י ס ו ד ו ת מוז ער אויסבויען אַ וועלט פון צוועקמעסיקייט און האַרמאָניע, און אַלע געשעענישן דאַרפן זיין אונטערוואָרפן די געזעצן פון וואַרשיינלאַכקייט און לאָגישער נויטווענדיקייט, ו ו ע ל כ ע ל י ג ן א י ן ד י ד אַ ז י ק ע י ס ו ד ו ת.

די קונסט גיט דעם דיכטער די פרייהייט פון אַ גאָט. אָבער זי לייגט אויך אויף אים אַרויף די פאַראַנטוואָרטלאַכ־קייטן און פליכטן פון אַ גאָט. קענסט באַשאַפן וואָסער אַ וועלט דו ווילסט, קיינער וועט דיר ניט זאָגן קיין דעות וועגן דעם פלאַן, וועגן די געזעצן וואָס זאָלן הערשן אין איר, וואָס פאַר אַ מינים באַשעפענישן עס זאָלן לעבן אין איר — אָבער דיין אייגענער פלאַן מוז אין איר דורכגעפירט ווערן. אַלעס דאַרף זיך אַנטוויקלען לויט די געזעצן, וואָס דו האָסט גע־גרונטפעסטיגט. איטלאַכס באַשעפעניש דאַרף זיך פירן לויט דער נאַטור און כאַראַקטער, וואָס דו האָסט דעם געגעבן. אַ גאָט דאַרף באַפעסטיקן זיין וועלט מיט חכמה און טאָר זי ניט לאָזן אויף הפקר. איטלאַכס באַשעפעניש און יעדע געשעהעניש מוז זיך געפינען אונטער זיין השגחה און רע־גולירט ווערן פון די געזעצן וואָס ער האָט אָוועקגעלייגט; און אַלע צוזאַמען מוזן דורכפירן דעם צוועק וואָס איז געווען אין זיין מחשבה אין אָנהויב.

שאַרף און קלאָר איז אין דער קונסט געצויגן די ליניע צווישן אַבסאָלוטער פרייהייט און געזעצמעסיקייט. און יע־דער אמתער דיכטער ווייסט, און אויב ער ווייסט ניט פילט ער, ווען ער איז צוגעקומען צו דער גרענעץ, וואו עס האָט זיך געענדיגט זיין פרייהייט און עס הויבט זיך אָן זיין פאַר־אַנטוואָרטלאַכקייט און זיינע פליכטן. הפקרקייט און זינ־לאָזיקייט און צוועקלאָזיקייט האָבן קיין אָרט ניט אין קעניג־רייך פון קונסט.

ווען מען פרעגט אַ מאָדערנעם פּאָעט, אין וועמעס ליד מען קען ניט געפינען קיין זין, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן, ענטפערט ער מיט אַ מיסטעריעזער מינע: „אַ שטימונג“. און אין דעם ענטפער ליגט אַ באַהאַלטענע שטאָלצע זיכער־קייט, אַז זיינע אַ שטימונג איז רוח הקודש, און וויבאַלד רוח הקודש איז ער ניט מחויב צו ערקלערן, און אפילו צו וויסן, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן, און עס גייט אים כלל ניט אָן, צי מען פאַרשטייט אים צי ניט. אָבער דער ערשטער סימן פון קינסטלערישן רוח הקודש איז דער כח פונם דיכטער צו באַכשופן און באַצווינגען זיינע צוהערער און זיי אָנשטעקן מיט זיינע געפילן. און דאָס קען נאָר דערגרייכט ווערן, ווען זיינע געפילן און שטימונגען קומען צו אונז אין אַ פאָרם, וועלכע פאַרקערפּערט אַ קלאָרע און קרעפטיק אויסגעדריקטע אידייע. אָן אַ קלאָרע אידייע קען ניט זיין קיין קלאָרע פאָרם. דאַן קען קיין רייד ניט זיין פון האַרמאָני צווישן אידייע און פאָרם, פון גאַנצקייט און אָרגאַנישער איינהייט. מיר האָבן מער ניט צו טאָן מיט קיין קונסט־ווערק, נאָר מיט תהו ובהו. שטימונגען האָבן משוגעים און אידיאָטן אויך. די שטימונג אויף וועלכער עס רוט די שכינה פון קונסט האָט קלאָרקייט און זין און פּלאַנמעסיקייט און צוועקמעסיקייט.

„אַ קונסטווערק", זאָגט אַריסטאָטעל, „טאָר ניט זיין צו קליין, אָדער צו גרוים. ווייל ווען עס איז צו קליין זעען מיר ניט די באַזונדערע טיילן. ווען עס איז צו גרוים זעען מיר ניט דאָס גאַנצע. דאַן קענען מיר ניט האָבן דעם גענוס פון דער אָרגאַנישער איינהייט פונם ווערק און מיר קענען ניט אורטיילן איבער דער אָרגאַנישער איינהייט".

ווען די אידייע פון אַ קונסטווערק איז פאַר אונז ניט קלאָר, ווען מיר זעען אין דעם ניט קיין זין און קיין צוועק, איז עס דיזעלבע זאַך ווי ווען עס איז צו קליין אָדער צו גרוים. עס קען אונז ניט געבן קיין קינסטלערישן געניס — און דער הויפּט-צוועק פון אַ קונסטווערק איז אַרויסצורופן פרייד און אַנטציקונג.

עס קען זיין, אַז אין גאָטס וועלט האָט יעדע גרויסע און קליינע געשעעניש אַ זין און אַ צוועק און יעדער צופאַל איז גאָר קיין צופאַל ניט, נאָר אַ טייל פון אַ פּלאַן. אָבער צוליב איר גרויסקייט און אומענדלאַכקייט קענען מיר ניט זען דאָס גאַנצע ווערק, נאָר באַזונדערע טיילן, שטיקלאַך און ברעקלאַך. דעריבער קענען מיר ניט באַגרייפן דעם פּלאַן און דעם זין און דעם תכלית פונם לעבן. די דאָזיקע אומענדלאַכקייט און אומבאַהאָלפנקייט טרייבט אונז צו דער קונסט. דעריבער מוזן מיר אין דעם אָפּגעזונדערטן וועלטל פונם קונסטווערק זען אַלע באַזונדערע טיילן און דאָס גאַנצע, און אַלע געשעענישן פון דעם וועלטל מוזן פאַר אונז זיין קלאָר און באַגרייפלאַך. דאָס איז די אמתע באַדייטונג פון „אידעאַליזירונג". אונזער אידעאַל איז צו פאַרשטיין דעם זין און דעם צוועק פונם לעבן, צו זען אַ לאָגישן מאָטיוו אין יעדער געשעעניש. דורך דער קונסט ווערט דער דאָזיקער אידעאַל דערגרייכט.

די אַלע סימבאָליסטישע פּיעסן, אין וועלכע געדאַנקען ווערן אויסגעדריקט אויף אַ פאַרשטעלטן אופן, סודותדיק, רמזימדיק, און די פּערזאָנען זיינען געהעגדיקע רעטענישן, מען דאַרף טרעפן וואָס יעדע פּערזאָן שטעלט מיט זיך פאָר, זיינען ניט און קענען ניט זיין קיין קונסטווערק אין פולן זין פונם וואָרט.

עס זיינען דאָ קלאָרע, דייטלאַכע סימבאָליסטישע פּיעסן. אַזעלכע קענען זיין קונסטווערק, פּונקט ווי אַ רעאַליסטישע פּיעסע.

אַ סימבאָל איז אַן אַלגעמיין בילד פונם לעבן. ניט אינ־דיווידואַליזירט. למשל: אַ פּערזאָן שטעלט פאָר אָ ר י מ־ ק י י ט, ר י י כ ק י י ט, ג ע ר ע כ ט י ק י י ט, פ אַ ל ש־ ק י י ט. דער רעאַליסטישער אופן איז: אַן אָרימאַן, אַ רייכער און אַזוי ווייטער, מיט אַלע כאַראַקטער־שטריכן פון אַ ג ע ו ו י ס ן אָ ר י מ אַ ן, פון אַ ג ע ו ו י ס ן ר י י כ ן. אין דער רעאַליסטישער פאָרם האָבן מיר אַן אינדיווידועלע פּערזאָן, מיט אַ נשמה און אַ גוף. אין דער סימבאָליסטישער האָבן מיר בלויז דעם צייכן, דעם באַגריף, אַ נשמה אָן אַ גוף. דאָך קען די סימבאָליסטישע פּיעסע זיין אַ קונסטווערק, ווייל דורך די סימבאָליסטישע פּערזאָנען קען פּונקט אַזוי אַרויס־געבראַכט ווערן אַן אידייע און אַ בילד פונם לעבן, ווי דורך דער רעאַליסטישער פאָרם. אָבער דער סימבאָל מוז זיין אַזוי קלאָר, אַז דאָס וואָס ער סימבאָליזירט, דער טיפּ, דער צו־שטאַנד, די אידייע, זאָלן גלייך אויפבליצן ביים צושויער אין מח. פּראָמעטעאוס איז דער סימבאָל פון ליבע צו די מענטשן, פונם רעוואָלוציאָנערן גייסט, פונם אידעאַליסט, וואָס ברייננגט ליכט און אויפקלערונג און איז גרייט איבערצוטראָגן די שווי־דערלאַכסטע מאַטערנישן צוליב זיין אידעאַל. מיר דאַרפן

ניט ט ר ע פ ן, מיר דארפן ניט אָנשטריינגען דעם מח דאָס צו דערגרונטעוון. ביי פראָמעטעאוס,עס ערשטן אויפטריט ווייסן מיר וועמען און וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר. אַ סימבאָל וואָס איז אַזוי טונקל און מען קען ניט באַלד דער־זען זיין באַדייטונג איז אַ רעטעניש, ניט קיין קינסטלערישע שאַפונג.

.17

„אידעאַליזירונג" דער היפוך פון ראָמאַנטיזם.

א י ד ע אַ ל י ז י ר ו נ ג מיינט ניט: ראָמאַנטישער אָפּטימיזם, מאָלן דאָס לעבן אין ראָזיקע קאָלירן, זען אַז דער גוטער זאָל אימער ווערן באַלוינט און דער שלעכטער באַ־שטראָפט. און דער סוף זאָל זיין אַ גוטער, כדי צו דערפרייען די הערצער פון די נאַאיווע צושויער און לעזער, כאָטש אַזאַ אַנט־וויקלונג און אַזאַ סוף קומען ניט אויף אַ נאַטירלאַכן און אומ־פאַרמיידלאַכן אופן פון די כאַראַקטערן פון די פערזאָנען און פון זייער ערשטן צוזאַמענשטוים, נאָר פון אויסערלאכע, ביי די האָר אַריינגעשלעפטע צופאַלן. פונקט דער היפוך. א י־ ד ע אַ ל י ז י ר ו נ ג מיינט: דאָס לעבן אַזוי איבערגעשאַפן אַז יעדע געשעעניש זאָל זיין נאַטירלאַך, לאָגיש און דינען אַ געווויסן צוועק. יעדע פערזאָן זאָל האַנדלען אין איינקלאַנג מיט איר נאַטור און איר כאַראַקטער און ניט מאַכן קיין וויכ־טיקן שריט אָן אַ געזונטן לאָגישן מאָטיוו. און דער סוף זאָל קומען ניט דורך אַן אויסערלאַכן צופאַל, נאָר פ ו ן ד ע ר א י נ ע ו ו י נ י ק ק י י ט פ ו ן ד ע ר ה אַ נ ד ל ו נ ג. דאָס הייסט: אויף אַן אופן ווי ער מ ו ז קומען ווי אַ לאָ־גישער און אומפאַרמיידלאַכער רעזולטאַט פון די פאַסירונגען

וואָס זיינען אַרויסגעוואַקסן אויף אַ נאַטירלאַכן אופן פון דער ערשטער פאַרבינדונג.

דאָס מיינט, אַז אין דער קונסט איז דער ריכטיקער טייטש פון „אידעאַליזירונג": ר ע אַ ל י ז ם א י ן ד ע ם פ י י נ ס ט ן א ו ן ה ע כ ס ט ן ג ר אַ ד. ווען מיר זאָגן „דאָס לעבן אידעאַליזירט" מיינען מיר ניט: דאָס לעבן אין גענצנזאַץ צו רעאַליזם — אין געגנזאַץ צ ו ם ל ע ב ן א י ן ד ע ר ק ו נ ס ט, ו ו י ד י ר ע אַ ל י ס ט ן מ אָ ל ן ע ס. „דאָס לעבן אידעאַליזירט" מיינט: דאָס לעבן אין דער קונסט אין געגנזאַץ צ ו ם ר ו י ע ן ל ע ב ן.

וואָרים דאָס רויע,ווירקלאַכע לעבן איז אָן אַ טאָלק, אָן זין און צוועק. מיר זעען פּאַסירונגען, וועלכע האָבן ניט קיין מאָטיוו, קיין צוזאַמענהאַנג. פּאַסירונגען אָן אָן אָנהויב, אַ מיט און אַ סוף. דאָס ווירקלאַכע לעבן איז אַזוי ברייט, אַזוי צעוואָרפן, אַז מיר קענען ניט זען דאָס גאַנצע, נאָר אָפּגע־ריסענע שטיקלאַך. עס קען זיין, אַז אין לעבן פון דער מענטש־הייט איז אַלץ אויסגעפּלאַנעוועט, אַלץ האָט אַ זין און אַ צוועק. אַ קאַטאַסטראָפע קומט ווי אַ לאָגישער אומפאַר־מיידלאַכער סוף פון פריערדיקע פּאַסירונגען. שלעכטע, פאַר־דאָרבענע מענטשן ווערן גרויס און מעכטיק צוליב אַ געוויסן צוועק, צוליב געוויסע פאַרדינסטן. אָבער מיר האָבן ניט געזען דעם אָנהויב און די מיט. דעריבער איז פאַר אונז די געשעעניש אַ צופאַל, אַן אומפאַרשטענדלאַכע פּאַסירונג. מיר פאַרשטייען ניט איר זין און איר תוך. אין דעם לעבן פון דער קונסט טאָר אָבער אַזוינס ניט געשען. דאָס קליינע וועלטעלע פונם קונסטווערק מוז האָבן אַן אָנהויב, אַ מיט און אַ סוף. און אַלץ דאַרף דאָרט זיין לאָגיש און מאָטיווירט. און דער סוף מוז קומען ווי אַן אומפאַרמיידלאַכער רעזולטאַט פון דער

אַנטוויקלונג פון די פּאַסירונגען, וועלכע זיינען אַרויסגעוואַקסן איִיף אַ נאַטירלאַכן אופן פון דעם ערשטן צוזאַמענשטויס פון די פּערזאָנען. *דאָס* איז די באַדייטונג פון „אידעאַליזירונג“. דאָס לעבן אין דער קונסט איז דער דערגרייכטער אידעאַל פון דעם וואָס מיר זוכן אומזיסט אין דעם ווירקלאַכן לעבן, וואו טויזנטער פּאַסירונגען האָבן ניט קיין זין און קיין צוועק און קיין מאָטייו און זיינען פאַר אונז אומפאַרשטענדלאַך.

דער בעסטער רעאַליסט איז דער, ביי וועמען דאָס לעבן קומט אַרויס *וואָס מער און וואָס בעסער אידעאַליזירט*. דאָס הייסט, דער דיכטער וואָס שאַפט אַזוי איבער דאָס רויע לעבן, אַז יעדע פּאַסירונג האָט אַ זין און אַ צוועק און יעדע פּערזאָן האַנדלט לויט די געזעצן פון וואַרשיינלאַכקייט און לאָגישער נויטווענדיקייט. די וואָס מיינען, אַז רעאַליזם מיינט דאָס רויע לעבן, *ווי עס איז*, ווייסן ניט דעם אלף־בית פון קונסט און מאַכן אַ בלבול אויפן רעאַליזם. דאָס רויע לעבן איז פול מיט אומגעלומפּערטע, מאָטיוולאָזע און צוועקלאָזע פּאַסירונגען, פּאַסירונגען אָן אַ צוזאַמענהאַנג, אָן אַן אָנהויב, אַ מיט און אַ סוף. אַ יונג מיידל שיסט איר מוטער. מיר ווייסן ניט פאַרוואָס זי האָט עס געטאָן און ווי זי האָט עס *געקענט* טאָן. אַ מענטש אַרבייט מיט באַגייסטערונג פאַר אַן אידעאַל. אין מיטן דערינען באַגייט ער זעלבסטמאָרד. טויזנטער מענטשן האָבן אים געאַכטעט און געליבט. ער האָט געפונען די העכסטע באַפרידיגונג אין זיין אַרבעט. עס איז ניטאָ קיין צוזאַמענהאַנג צווישן זיין אַרבעט און זיין שרעקליכער טאַט. ווי־אַזוי קען אַ רעאַליסטישער קינסטלער אָנשרייבן אַ ווערק פון אַזעלכע פּאַסירונגען און זיי לאָזן אַזוי אומגעלומפּערט, אומפאַרשטענדלאַך, אָן אַ צוזאַמענהאַנג, ווי דאָס לעבן האָט זיי אונז געגעבן?

ווען טשעכאָוו דערציילט אַ מעשה פון אַ ניאַנקע, וואָס האָט דערוואָרגן דאָס קינד, אויף וועלכן זי האָט געדאַרפט אַכטונג געבן („שלעפעריק“) ברענגט ער אריין דאָס אומגליקלאַכע מיידל אין אַזאַ געמיטסצושטאַנד און באַשאַפט אַזאַ סיטו־אַציע, אַז איר שוידערלאַע טאַט ווערט פאַרשטענדלאַך און נאַטירלאַך. ער גיט אונז ניט קיין אָפּגעריסענע אומגעלומ־פערטע פּאַסירונג, נאָר אַ פּאַסירונג מיט אַן אָנהויב, אַ מיט און אַן אומפאַרמיידלאַכן סוף, און אין דער גאַנצער האַנדלונג איז פאַרקערפּערט די אידייע, אַז אונזער סאָציאַלע אָרדנונג איז גרויזאַם, אוממענטשלאַך און מוז אויסגעריסן ווערן מיטן וואָרצל. און אַזוי שאַפט יעדער רעאַליסטישער קינסטלער. ער גריבלט זיך אַזוי לאַנג אין דער נשמה פונם מענטשן, ביז ער גראָבט אַרויס אַ מאָטיוו פאַר זיינע האַנדלונגען, און די האַנדלונגען וואַקסן אַרויס פון אַזאַ צוזאַמענשטויס פון אומ־שטענדן, וואָס מאַכט די קאַטאַסטראָפע אומפאַרמיידלאַך.
„אידעאַליזירונג“ איז נאָר אַן אַנדער וואָרט פאַר ר ע אַ ל י ז ם אין זיין אמתן קינסטלערישן זין, וועלכעס מיינט: דער דיכ־טער קען באַשאַפן וואָס פאַר אַ וועלט אים געפעלט, זי אָנ־פילן מיט וואָסערע באַשעפענישן ער וויל, אָבער אַזוי שנעל ווי ער האָט אונז אריינגעפירט אין ז י י ן וועלט אריין, מוזן מיר זעהן אין איר זין און צוועקמעסיקייט און שטרענגע השגחה און שטרענגע אויסגעהאַלטנקייט. יעדע געשעעניש מוז זיין לאָגיש און נאַטירלאַך, לויט דער לאָגיק און נאַטיר־לאַכקייט וואָס שטראָמען אַרויס פון די פּרינציפּן און געזעצן וואָס הערשן אין דער וועלט וואו מיר געפינען זיך, און די האַנדלונגען פון יעדער פּערזאָן מוזן זיין אין איינקלאַנג מיט איר כאַראַקטער, וועלכער מוז זיין צוגעפּאַסט צו דער שליחות וואָס די פּערזאָן מוז דורכפירן.

„בעסער ווארשיינלאכע אונמעגלאכקייט“, זאָגט אַריס־טאָטל, „איידער מעגלאכע אומווארשיינלאכקייט“.

אַ שד, אַ מלאך, אַ בעל־מופת, זיינען אוממעגלאכקייטן. זיי זיינען ניטאָ אויף דער וועלט. דאָך קענען זיי זיין פער־זאָגען פון אַ דראַמע. מיר נעמען אָן דעם שטאַנדפונקט פונם דיכטער, אַז אַזעלכע באַשעפענישן זיינען יאָ דאָ. אַזוי ווי אין אַ דעבאַטע נעמען מיר אַמאָל אָן „פאָר דהי סייק אָוו דהי ארגומענט“, אַן אוממעגלאכע אָדער אומלאָגישע מיינונג. אָבער אַזוי ווי אין דער דעבאַטע מוז די שלום־פאָלגערונג פון דער פאַלשער מיינונג שוין אומבאַדינגט זיין אַ לאָגישע, אַזוי מוזן אין אַ קונסטווערק די האַנדלונגען פון דער אוממעגלא־כער אָדער פאַנטאַסטישער פערזאָן זיין שטריינג לויט די גע־זעצן פון ווארשיינלאַכקייט און נויטווענדיקייט פון דער וועלט וואו מיר געפינען זיך.

צופאַלן, אָדער ניט־לאָגישע פאַסירונגען, טאָרן אויף קיין פאַל ניט אַריינגעבראַכט ווערן אין דער האַנדלונג, כאָטש זיי זיינען מעגלאך. אין לעבן קומען פאָר צופאַלן און זינלאָזע פאַסירונגען אויף שריט און טריט. די קונסט וויל ניט וויסן פון מ ע ג ל א ך. עס מוז זיין ווארשיינלאך, נאַטירלאך, נויטווענדיק. גיב א ו מ מ ע ג ל א כ ע ס און די קונסט נעמט עס אָן — אַלס אַן אָנהויב, אַן אויסגאַנגספונקט, אַ צושטאַנד. אָבער פון דעם דאָזיקן צושטאַנד מוז אַלעס אַרויס־וואַקסן אויף אַ נאַטירלאכן און אומפאַרמיידלאכן אופן.

.18

דער אָנהויב, די מיט און דער סוף.

רעדנדיק וועגן דעם ערשטן פּרינציפּ פון דער דראַמע, אַז איר האַנדלונג מוז האָבן אַן אָנהויב, אַ מיט און אַ סוף, זאָגט אַריסטאָטל:

„דער אָנהויב איז עפּעס וואָס קומט ניט אַלס רעזולטאַט פון אַ פריערדיקער פּאַסירונג, אָבער וואָס דינט אַלס אורזאַכע פון אַ ווייטערדיקער פּאַסירונג.

„די מיט איז עפּעס וואָס איז אַ רעזולטאַט פון אַ פריערדיקער פּאַסירונג און אַן אורזאַכע פון אַ ווייטערער פּאַסירונג.

„דער סוף איז עפּעס וואָס איז אַן אומפאַרמיידלאַכער רעזולטאַט פון אַ פריעריקער געשעעניש און ניט קיין אורזאַך פון אַ ווייטערער געשעעניש".

דער סוף פאַרענדיקט די האַנדלונג און מאַכט זי פאַר אַן אָפּגעזונדערטער, אין זיך אַליין איינגעשלאָסענער וועלט.

ווען דער לייענער וועט גוט געדענקען די פּאַרטייטשונגען פון אָנהייב, מיט, סוף, וועט ער זען, ווי ווילד עס זיינען די פלאַפּלונגען פון די צרהדיקע קונסט-קריטיקער, וואָס פאַרטיידיקן יעדע הפקרות, יעדע אומלאָגישקייט אין אַ פּיעסע, מיט דער טענה, אַז אין אַ קונסטווערק דאַרף ניט זיין קיין לאָגיק און קיין אויסגעהאַלטנקייט. קונסט איז העכער פון אַזעלכע נאַרישקייטן! דער דיכטער שאַפט דאָך מיט רוח הקודש, ווי זשע קען ער זיין געבונדען פון אַזעלכע פשוטע, ערדישע פאָדערונגען, וואָס האָבן נאָר צו טאָן מיט מח-אַרבעט?

אָ נ ה ו י ב, מ י ט און ס ו ף טראָגן אין זיך די פּאָדערונגען פון אורזאַכע און פאָלגע אויף אַ נאַטירלאַכן, אויסגעהאַלטענעם, אומפאַרמיידלאַכן אופן.

ער וועט זען די גרענעץ צווישן דעם דיכטערס פולשטענ־דיקער פרייהייט און זיין געבונדנקייט פון לאָגיק און געזעץ.

דער אָ נ ה ו י ב איז די טעריטאָריע, וואו ער איז אַ פולשטענדיקער פרייער מענטש. דער אָ נ ה ו י ב איז ניט קיין רעזולטאַט פון עפּעס וואָס איז געשען פריער. קען דער דיכטער נעמען פאַרן אָ נ ה ו י ב, פאַרן ערשטן צוזאַמענ־שטויס, פאַר דער „פאַרבינדונג פונם קניפּ", וואָס פאַר אַ סי־טואַציע ער וויל. ער קען אונז אריינפירן אין אַ וועלט פון דער ווילדסטער פאַנטאַזיע; אַ וועלט פון שדים, וואַמפּירן, מענטשן מיט זעקס קעפּ און זיבן הונדערט אויגן; אַ וועלט וואו מתים לעבן; אַ וועלט וואו עס הערשן די ווילדסטע געזעצן און מאָדעס און די אוממעגלאַכסטע געזעלשאַפטלאַכע אָרדנונג. אָבער דאָ איז די גרענעץ פון זיין פרייהייט. וואָס עס קומט ווייטער: די מ י ט און דער ס ו ף, מוזן שוין זיין לאָגישע און אויסגעהאַלטענע רעזולטאַטן פון דעם אָ נ ה ו י ב.

7 און 8 זיינען 15.

אויף די ערשטע צוויי ציפערן זיינען ניטאָ קיין קשיות. מען קען ניט פרעגן דעם אַוועקשטעלער פון אַזאַ חשבון: פאַרוואָס עפּעס גראָד 7 און 8? פון וואַנען קומען די צוויי ציפערן? וואָס פאַר אַ שייכות האָבן זיי איינס צום אַנדערן? אַזעלכע פראַגן האָבן קיין זין ניט. דער צונויפרעכענער וויל ווימן וויפיל איז 7 און 8. דאָס איז גענוג באַרעכטיקונג פאַר זיין אַוועקשטעלן די צוויי ציפערן. אָבער דער ענטפער אויף דער פראַגע, דער רעזולטאַט פון דער באַהעפטונג פון די צוויי ציפערן, מ ו ז זיין 15. דער רעזולטאַט איז שוין

אונטערגעוואָרפן אונטער די געזעצן פון לאָגיק און אויסגע־האַלטנקייט. ער מוז זיין אַזוי און ניט אַנדערש. אַז ניט איז דער חשבון אַ פאַלשער. אויף דעם דאָזיקן פּשוטן זעלבסט־פאַרשטענדלאַכן אמת איז באַגרינדעט דאָס געזעץ פון לאָגי־שער נויטווענדיקייט אין דער דראַמע. פאַרן אָנהויב, פאַרן ערשטן צוזאַמענשטויס איז ניטאָ קיין פאַראַנטוואָרטלאַכקייט, קיין געבונדנקייט. דאָ איז דער דיכטער אַ פולשטענדיקער פרייער מענטש. מען קען אים ניט פרעגן: פאַרוואָס האָסטו גענומען פונקט אַזאַ סיטואַציע און פונקט אַזעלכע מענטשן? דאָס איז געווען זיין ווילן, זיין קאַפּריז, דער איינפאַל פון זיין פאַנטאַזיע, און דאָס איז גענוג. אָבער דער רעזולטאַט פון דעם איינפאַל, וואָס עס ענטוויקלט זיך פון דער ערשטער סיטואַציע, פון דעם ערשטן צוזאַמענשטויס פון די כאַראַקטערן, איז שוין אונטערגעוואָרפן די געזעצן פון לאָגיק און אוסגעהאַלטנקייט — פון יענער לאָגיק און אויס־געהאַלטנקייט, וואָס שטראָמען אַרויס פון דער נאַטור פון דעם וועלטל אין וועלכן דער דיכטער האָט אונז אַריינגעפירט און פון די כאַראַקטערן פון די מענטשן וואָס לעבן אין איר. דער מענטש מיט אַ פיקסער אידייע דאַרף האַנדלען לויט דער לאָגיק, וואָס שטראָמט אַרויס פון זיין פיקסער אידייע, פונקט ווי דער קלאָרער מענטש דאַרף האַנדלען לויט דער לאָגיק פון אַ נאָרמאַלן מענטשן.

די פרייהייט פונם דיכטער ליגט אין אָנהויב. אין דער מיט און אין סוף איז ער שוין פאַרשקלאַפט צו די געזעצן פון לאָגיק און נאַטירלאַכקייט, וואָס שטראָמען אַרויס פונם אָנהויב.

.19

צופאַלן וואָס זיינען ניט קיין צופאַלן.

מיר האָבן געוויזן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, אַז אין אַ קונסטווערק טאָרן ניט אַריינקומען קיין צופאַלן.

אָבער ניט אַלע מאָל איז אַ פּאַסירונג אין אַ קונסט־ווערק, וואָס שיינט צו זיין אַ צופאַל, טאַקע באמת אַ צופאַל. דאָס הייננט אָפּ פונם פּלאַן פונם ווערק. און נאָר דער קריטי־קער, וועלכער זעט קלאָר דעם דיכטערס פּלאַן קען אורטיילן, צי איז אַ געוויסע פּאַסירונג אַ דרויסנדיקע קראַפט אָדער אַן אָרגאַנישער טייל פון דער האַנדלונג.

אין טאָלסטאָיס „וואָסקרעסעניע" פאַרפירט דער העלד, נעכליודאָוו, קאַטיושאַ'ן, און אין אַ סך יאָרן אַרום, ווען זי איז שוין אַ געפאַלענע פרוי, טרעפט ער זיך מיט איר אין דער ראָלע פון איר ריכטער. האָבן אייניקע קריטיקער טענות צו טאָלסטאָיען: סטייטש! דאָס איז דאָך אַ צופאַל, אַקוראַט ווי אין אַ שונד־ראָמאַן!

די דאָזיקע קריטיקער זעען ניט, אַז די דערמאָנטע באַגע־געניש איז דער פונדאַמענט פונם גאַנצען ווערק, דער אור־קוואַל, פון וועלכן עס שטראָמען אַלע פריערדיקע און שפּע־טערדיקע פּאַסירונגען. ניט נאָר איז די דאָזיקע באַגעגעניש ניט קיין צ ו פ אַ ל, קיין דרויסנדיקע קראַפט, נאָר זי איז די ערשטע שפּראָצונג פונם קערנדל, פון וועלכן דער גאַנצער בוים פון דער האַנדלונג וואַקסט אַרויס.

די גרונט־סיטואַציע, דער „קניפּ" פון דער האַנדלונג, מעג זיין אַ צופאַל, אַ וואונדער, אַ ווילדע פאַנטאַזיע.

דאָס איז דעם דיכטערס רויע מאַטעריע, זיין ל י י ם. קונסט הויבט זיך ערשט דעמאָלט אָן, ווען דער דיכטער הויבט אָן א ו י ס ק נ ע ט ן זיין ליים, געבן דעם רויען שטאָף אַ פאָרם. פון יענעם מאָמענט אָן מוז זיך אַלעס אַנטוויקלען אויף אַ נאַטירלאַכן אופן און עס טאָרן ניט אַריינקומען קיין צופאַלן, קיין דרויסנדיקע, פרעמדע פּאַסירונגען אונטער צו־שטופן די האַנדלונג.

אַ קינד האָט שפּילנדיק זיך אַריינגעשטופּט אַ קערל אין דער ערד און עס איז אַרויסגעוואַקסן אַ בוים. דער ווינט האָט פאַרטראָגן אַ זערנע און עס איז אויסגעוואַקסן אַ זאַנג. די אַרבעט פונם קינד און פונם ווינט איז אַ צופאַל, אָבער דער בוים און די זאַנג זיינען אויסגעוואַקסן אויף אַ נאַטירלאַכן און אומפאַרמיידלאַכן אופן, און איר קענט ניט קריטיקירן דעם שאַפנדן כח פון דער נאַטור דערפאַר, וואָס ד ע ר ע ר־ש ט ע ר אָ נ ש ט ו י ס צו איר אַרבעט איז אַ צופאַל.

אַמאָל איז אַפילו דאָס וואָס איז ווירקליך אַ פולשטענ־דיקע דרויסנדיקע קראַפט. אַ צופאַל וואָס קומט אומדערוואַר־טעט, ווי פונם הימל אַראָפּגעפאַלן, איז ניט קיין צופאַל. און ניט נאָר איז עס ניט קיין צופאַל, נאָר עס איז די פונדאַמענ־טאַלע אידייע פון דער האַנדלונג. דאָס געשעט אין אַ דיכ־טונג, וואו דער דיכטער באַצוועקט צו באַווייזן דעם מענטשנס שוואַכקייט און אומבאַהאָלפנקייט. דער מענטש שטרעבט, פלאַנעוועט, בויעט, און... פלוצים קומט אַ צופאַל, אַן אומ־דערוואַרטעטע פּאַסירונג, און צוברעכט און ווישט אָפּ אַלץ וואָס ער האָט געפלאַנט און געבויט. דער צופאַל אין אַזאַ ווערק איז דער „סוף מעשה במחשבה תחילה" פון דער שאַ־פונג. דער צופעליקער סוף איז געווען אין פלאַן פון דער האַנדלונג פון אָנהויב אָן. צוליב דעם צופאַל איז די גאַנצע

וועלט פון דער האַנדלונג באַשאַפן געוואָרן. ער האָט זי אַרויס־גערופן צום לעבן. ער איז איר „ערשטע אורזאַכע" און פון זיין כח היינגט אָפּ איר עקזיסטענץ.

20.

זעאַכץ און זעאונג.

די געגנער פון רעאַליזם דערקלערן ביי יעדער געלעגנ־הייט, מיט דער פעסטקייט פון פאַבסטלאַכער אומפעלבאַר־קייט, אַז „דער רעאַליזם איז טויט".

אָבער אַ ווערק וואָס באַהאַנדלט אַ לעגענדע, אַן אַבער־גלויבן, דעם דיכטערס אַן אייגענע פאַנטאַזיע, וואָס גייט אַרי־בער די גרעניץ פון ממשותדיקער ווירקלאַכקייט, באַגריסן זיי מיט פרייד ווי עפּעס אַ נייעס, ווי עפּעס וואָס איז דער היפוך פון דעם „אָפּגעלעבטן רעאַליזם". אָבער אין לעבן איז די לע־גענדע און דער אַבערגלויבן און דאָס משונה'דיק פאַנטאַסטי־שע ניט בלויז אַ טייל פון דער ווירקלאַכקייט, נאָר אַזוי איינג צוזאַמענגעמישט מיט איר, אַז מען קען זיי ניט אָפּטיילן.

ר ע אַ ל י ז ם מיינט: אַן אויסגעדיכטעט בילד פונם לעבן, אַ שילדערונג אָדער אַ פּראָבלעם, וואָס שטייט מיט ביידע פיס אויפן באָדן פון דער ווירקלאַכקייט. אָבער וואָס איז מער טאָג־טעגלאַך און לעבעדיק לעבן, ווי אַבערגלויבן און די לעגענדע? דבוקים, שדים, מלאכים, למד־וואוניקעס און אַלערליי פאַנטאַסטישע באַשעפענישן לעבן אין יעדן איינעמס פאָרשטעלונג. און פונקט ווי אונזער פאָרשטעלונג איז אַ טייל פון אונז, פון דער וויקרלאַכקייט, אַזוי איז אַלעס וואָס לעבט אין איר און ציט איר יניקה פון איר. אונזער טראַכטן און חלומען און פאַנטאַזירן איז פונקט אַזוי טאָג־טעגלאַך לעבן.

געזונטע און פשוטע ווירקלאכקייט, ווי אונזער עסן און אַר־בעטן און יעדע אַנדערע ממשותדיקע טעטיקייט. פאַר דער פשוטער אידענע האָט דער סמבטיון מיט די שטיינער וואָס ער וואַרפט, מיט די רויטע אידעלאַך, וואָס וואוינען אויף יענער זייט, אַ ממשותדיקע עקזיסטענץ. דער אינטעליגענטער מענטש ווייסט, אַז עס איז ניטאָ קיין סמבטיון, אָבער ער עק־זיסטירט פאַר אים אויך. ער לעבט אין זיין געדאַנק, פונקט ווי פיל אמתע טייכן, וועגן וועלכע ער האָט געלערנט אָבער ער האָט קיינמאָל ניט געזען. און אַלץ וואָס לעבט אין געדאַנק קען פונקט אַזוי ניט אָפּגעטיילט ווערן פון דער טאָג־טעגלאַ־כער ווירקלאַכקייט, ווי דער געדאַנק קען ניט אָפּגעטיילט ווערן פונם לעבעדיקן גוף.

ניין און נײַנציק פּראָצענט פון יעדן מענטשנס ווירק־לאַכקייט באַשטייט פון פאַקטן און זאַכן, וואָס לעבן נאָר אין זיין געדאַנק. ער טראָגט אין זיין מח אַ היסטאָריע פון פינף טויזנט יאָר, אַ געאָגראַפיע פון דער גאַנצער באַקאַנ־טער וועלט, בילדער און נעמען פון פעלקער און פלאַנעטן און חיות און פישן און פאַנטאַסטישע באַשעפענישן, וואָס זיינען אים נאָר באַקאַנט פון הערן און לייענען. דאָס וויסן, וואָס איז געקומען צו אים דורך זען און איבערלעבן איז איין טראָפּן אין דעם גרויסן ים פון דער געוואַלדיגער סומע וויסן וואָס לעבט נאָר אין זיין געדאַנק. אָבער זיין ווירקלאַכ־קייט, זיין לעבן, איז ניט דער איין איינציקער טראָפּן, נאָר דער גאַנצער גרויסער ים. ווי זשע קען מען אויסשליסן פון אונזער ווירקלאַכקייט דאָס וואָס לעבט נאָר אין אונזער פאָרשטעלונג? פאַרוואָס איז „פאוסט" אָדער „דער דיבוק" ווייניגער רעאַליזם, ווי „מירעלע אפרת"?

זיינען אָבער דאָ אַזעלכע אַרטאַדאָקסישע רעאַליסטן, וואָס זיינען דער אַנדערער עקסטרעם פון די געגנער פון רעאַליזם. אַלץ וואָס טרעט אַריבער די גרענעץ פון ממשותדיקער טאָג־טעגלאכקייט איז פאַר זיי ניט קיין אמתע בעלעטריסטיק. זיי שטעלן די פראַגע:

„וואָס פאַר אַ קונסטווערט קען האָבן אַ ווערק, וואָס מאָלט פאַנטאַסטישע באַשעפענישן און געשעענישן? דער דיכטער האָט זיי געזען?"

זיי פאַרגעסן, אַז דער דיכטער שרייבט קיינמאָל ניט וואָס ער האָט געזען מיט זיינע פיזישע אויגן. דאָס איינפאַכסטע טאָג־טעגלאכע וואָס דער דיכטער באַהאַנדלט איז איבערגעשאַפן געוואָרן אין זיין נשמה און עס איז אַרויסגעקומען אַזוינס וואָס ער האָט געזען מיטן אויג פון זיין פאַרשטעלונג. ער איז דער „גבר שתום העין", דער מענטש וואָס זעט מיט פאַרמאַכטע אויגן. ער איז דער „מחזה שדי יחזה", ער זעט געטלאַכע זעאונגען. ווען איינער גיט איבער וואָס ער האָט געזען מיטן פיזישן אויג, אַקוראַט ווי ער האָט עס געזען, מעג עס זיין אויפגעשריבן אין דער שענסטער שפּראַך, איז עס ז ע אַ כ ץ. עס איז אַרבעט פון אַ רעפּאָרטער, פון אַ פאָטאָגראַפיסט. דאָס ווערק פונם דיכטער איז ל ע ב ן א י ב ע ר ג ע ש אַ פ ן. געשטאַלטן, בילדער, סיטואַציעס, וואָס זיין פאָרשטעלונגס־קראַפט האָט אים געוויזן. דאָס איז וויזיאָן, זעאונג. וואָס איז דער אונטערשייד, צי דער דיכטער באַהאַנדלט לעבן פון היינט, לעבן פון צען טויזנט יאָר צוריק, לעבן וואָס עקזיסטירט נאָר אין דער פאַנטאַזיע? אַלעם האָט ער געזען מיטן אויג פון זיין פאָרשטעלונגסקראַפט. ער גיט אונז ניט קיין רעפּאָרט, ער גיט אונז ניט קיין היסטאָריע, ער גיט אונז ניט קיין נאַטור־וויסנשאַפט. ער גיט אונז זע־

אונגען. דער עיקר איז: אויב ער פאַרכאַפּט אונז און שטעקט אונז אָן מיט דעם וואָס ער האָט געזען און געפילט, אַז מיר זעען עס אויך און פילן עס אויך ווי ער. „קונסט איז איבער־טראַנספּאָרטירונג פון געפילן".

.21

לאָגיק און געזעץ אין קונסט.

עס זיינען דאָ קריטיקער, וואָס היטן זיך פון די ווערטער „לאָגיק" און „געזעץ", ווען זיי ריידן וועגן א ליטעראַריש ווערק, ווי אָן אַבערגלויביקע אידענע היט זיך צו דערמאָנען דער נאָמען פון ניטגוטן ביים בעט פון אַ קימפּעטאָרן.

קונסט איז באַגייסטערונג, נשמה, רוח הקודש, אינטו־איציע, וואָס האָבן זיי צו טאָן מיט אַזעלכע וואָכעדיקע זאַכן ווי לאָגיק און געזעץ?

בלייבט די דאָזיקע קריטיקער נאָר איין מיטל צו אור־טיילן וועגן אַ ווערק: געשמאַק. ז י י ע ר געשמאַק. און דאָ פאַלן זיי אַריין אין דעם לעכערלאַכסטן ווידערשפּרוך.

אַלץ וואָס אַ מענטש קען זאָגן וועגן אַ זאַך פונם שטאַנד־פּונקט פון געשמאַק איז, אַז די זאַך געפעלט אים. זי האָט אים אַנטציקט. אָדער אַז די זאַך געפעלט אים ניט. זי האָט אים ניט גערירט. הויבט ער אָבער אָן דערקלערן פ אַ ר־ ו ו אָ ם די זאַך געפעלט אים, אָדער ניט, שטעלט ער זיך גלייך אויפן באָדן פון לאָגיק און געזעץ. דער ענטפער אויף דער פראַגע: פאַרוואָס? מיינט שוין אַנאַליזירן, באַווייזן, באַלייכטן מיט דער הילף פונם שכל און אויפן גרונט פון פעסטגעשטעלטע פּרינציפּן. ווארים אויב ער וועט אייך ענט־

פערן, אַז די זאַך געפעלט אים, ווייל זי איז שיין, דרייט ער זיך אין אַ צירקל. איר וועט אים פרעגן: אין וואָס ליגט איר שיינקייט? און פאַרוואָס זאָל איך עפּעס נעמען דיין וואָרט דערפאַר? דער קריטיקער פילט די דאָזיקע פראַגן נאָך איידער מען שטעלט זיי אים. זיין אייגענער פאַרשטאַנד שטופּט אים צו צו דער וואַנט, און ער הויבט אָן דערקלערן און באַווייזן.

און אַנדערש קען עס ניט זיין, ווייל יעדעס ווערק, אין דער קונסט ווי אין דער נאַטור, האָט אין זיך לאָגיק און געזעץ. דער קינסטלער מעג ניט האָבן דעם מינדסטן באַגריף וועגן דער לאָגיק און די געזעצן פון זיין קונסט. ער קען זיין ווי דער סוחר אין מאָליערס קאָמעדיע, וועלכער האָט ניט געוואוסט ביז ער האָט צוגענומען אַ לערער, אַז ער רעדט „פּראָזע". אָבער אין זיין אַרבעט איז דאָ די לאָגיק און די געזעצן פון דער אַרבעט.

אין ישעיהס צייטן איז ניט געווען קיין גראַמאַטיק, אָבער אין זיין געטלאַכער שפּראַך איז דאָ די לאָגיק און די געזעצן פון גראַמאַטיק. דאָסזעלבע איז מיט דעם ניט-געשולטן אָבער באַגאַבטן זינגער. אין זיין געזאַנג איז דאָ נאָטן און ריטם און אַלע געזעצן פון מוזיק. די ערד האָט געהאַט דאָס געזעץ פון גראַוויטאַציע זינט זי עקזיסטירט, כאָטש מיר האָבן עס ניט געוואוסט ביז ניוטאָן האָט עס פאַר אונז אַנטדעקט. און די קראַפט וואָס האָט באַשאַפן די ערד, ווען מען זאָל גלויבן די אפּיקורסים, ווייסט עס נאָך איצט אויך ניט.

דער קונסט-קריטיקער איז דער וויסנשאַפטסמאַן פון קונסט. זיין אויפגאַבע איז צו באַטראַכטן אַ ווערק אין דעם ליכט פון די געזעצן און דער לאָגיק וואָס זיינען אַ נאַטירלאַכע און איינגעבאָרענע טייל פון דעם, און באַזירן אויף זיי זיין

אורטייל. זיין געשמאַק איז פאַר אונז ניט מער ווי דער גע־שמאַק פון יעדן פון די מיליאָנען מענטשן וואָס האָבן ליב קונסט, אָדער דאָס וואָס זיי מיינען איז קונסט.

„לאָגיק“, „געזעץ“ קלינגט טאַקע אַביסל וואַכעדיק, ווען מען רעדט וועגן קונסט. אָבער גאָטס וועלטל איז אויך ניט קיין שלעכט קונסטווערק. און אַז עס שטייט אָן דעם וועלטל צו זיין קאָנסטרואירט און רעגולירט פון אַזעלכע וואַכעדיקע אייגנשאַפטן, מעג עס אויך אָנשטיין דעם ווערק פון אַ קינסטלער.

22.

די נוצן פון קונסטגעזעצן — „שיילאָק“.

איניקע דיכטער און בעלעטריסטן, איבערהויפט די אינ־גערע, וועלכע זיינען פון דער נאַטור רעבעלן און קענען ניט איבערטראָגן קיין אויטאָריטעט און דיסציפּלין, סיי אין דער קונסט, סיי אין לעבן, פרעגן מיט אַ שמייכל פון געשפּעט און בטול:

„צו וואָס טויגן די געזעצן אין דער קונסט? ווען ברענגען זיי נוצן? קענען זיי דעם ניט־באַגאַבטן אויסלערנען דיכטן? און שאַפט ניט דער אמתער טאַלאַנט מייסטער־ווערק אָן זיי?

מיר וועלן אָנהויבן מיט דער צווייטער פראַגע:

דער ניט־באַגאַבטער קען זיך ניט אויסלערנען דיכטן, ווען ער זאָל אפילו אויסלערנען אויף אויסנווייניק דאָס וויכ־טיקסטע וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן וועגן קונסט פון אַרים־טאָטעלן ביז היינטיקן טאָג.

דער אמתער טאַלאַנט שאַפט מייסטערווערק, כאָטש ער איז ניט באַקאַנט מיט די עלעמענטאַרסטע געזעצן פון קונסט. מיר וועלן נאָך צוגעבן וואָס אייניקע פון די רעבעלירנדע פראַגנשטעלער ווייסן ניט. דער ז ש ע נ י שאַפט ניט בלויז מייסטערווערק, ניט ווויסנדיק קיין זאַך וועגן געזעצן, נאָר ש אַ פ נ ד י ק ז י י נ ע מ י י ס ט ע ר װ ע ר ק ש אַ פ ט ע ר א ו י ך ג ע ז ע צ ן פ ו ן ק ו נ ס ט. וואָרים אין זיין ווערק, וועלכעס איז דאָס פולקאָמענע מייסטערווערק, ליגן די אייביקע געזעצן פון שעפערישקייט און קונסט, פונקט ווי אין דעם אוניווערזום ליגן די נאַטור־געזעצן. אַלע געזעצן און פרינציפּן פון קונסט וואָס מיר האָבן, זיינען געקומען נאָכדעם ווי עס זיינען שוין געווען מייסטערווערק. זיי זיינען אויס־געגראָבן געוואָרן פון די מייסטערווערק דורך קריטיקער, וואָס זיינען אי דיכטער אי דענקער, נאָכדעם ווי זיי האָבן לאַנג שטודירט און גרינטלאַך אַנאַליזירט די מייסטערווערק. אָבער אפילו די זשעניען פּראָפּיטירן אָפט זייער פיל פון די אויפ־געשטעלטע געזעצן און פּרינציפּן און אַ כל־שכן דער דורכ־שניטלאַכער טאַלאַנט.

וואָרים ניט אַלע מאָל רוט אויפן זשעני די שכינה. ער ווערט אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט און די געזעצן און פּרינציפּן קע־נען אים אַרויספירן פון די זומפּן און אים ברייננגען אויפן וועג, איבער וועלכן ער דאַרף גיין.

דער בעסטער באַווייז, ווי אַ זשעני קען פאַרבלאָנדזשען אין אַ זומפּ איז שעקספּירס „שיילאָק".

שעקספּיר האָט גערופן זיין „שיילאָק" אַ קאָמעדיע, און פאַר אַ קריסטלאַכן פּובליקום מיט מיטלאַלטערלאַכע באַגריפן וועגן אידן איז די פּיעסע ווירקלאַך אַ קאָמעדיע, אָבער זי מאַכט זייער ווייניק ערע איר פאַרפאַסער.

די גאַנצע פּיעסע איז איין שטיק חניפה צו די קריסטן, און זי ענדיקט זיך מיט אַ ווילדן, טריאומפירנדן יובל איבער דעם לעכערלאַך-געמאַכטן און צעשמעטערטן אידן, וועלכעם איז פאַר די איידעלע אַנהייננגער פון „דער רעליגיע פון גוט-האַרציקייט און פאַרצייאונג“ אַלע מאָל אַן אַנגענעמער צייט-פאַרטרייב.

פאַר אַ קריסטלאַכן פּובליקום איז „שיילאָק“ אַ זייער אונטערהאַלטנדע קאָמעדיע, אָבער פאַר אַ אידישן פּובליקום...

די אידן וואָס זיצן ביי דער פאָרשטעלונג פון „שיילאָק“ און דאָס בלוט ווערט אין זיי ניט אויפגעקאָכט פון פאַרדרום און דער פאַרגעניגן ווערט זיי ניט פאַרקערט צו גאַל, אַזעלכע אידן קענען רואיק הערן די גיפטיקסטע אַנטיסעמיטישע רעדע און גאַנץ פיין הנאה האָבן פון אַן „אַנשטענדיקן“ פּאָגראָם.

איך גלויב אָבער ניט, אַז עס זיינען דאָ אַזעלכע אידן. איך בין זיכער, אַז יעדער איד גייט אַוועק פון אַ „שיילאָק“-פאָרשטעלונג אַ צעוויייטיקטער, מיט אַ געפיל, ווי מען וואָלט געשטאָכן זיין לייב מיט שפּילקעס און אים אין פּנים אַריינגעשפּיגן.

און דאָס איז דער בעסטער סימן, אַז „שיילאָק“ איז ניט קיין קאָמעדיע, נאָר אַ פּאַסקוויל, אין בעסטן פאַל, אַ וואולגאַרע, אַנטיסעמיטישע חוזק-מאַכעריי, אָבער ניט קיין קונסטווערק. אַ קונסטווערק קען זאָגן ביטערע אמתן וועגן אַ פאָלק, אָבער עס וועט קיינמאָל ניט באַשפּייען אַ פאָלק און זאָגן וועגן דעם ליגנס.

„שיילאָק“ איז אַזוי ווייט פון קונסט, ווי שקר איז ווייט פון אמת.

קונסט דאַרף פאַר אַלעם זיין נ אָ כ מ אַ כ ו נ ג פ ו ן ל ע ב ן און מוז דורכאויס טראָגן דעם שטעמפּל פון וו אַ ר-ש י י נ ל אַ כ ק י י ט.

און שיילאָק האָט ביידע ניט.

נעמט אַוועק פון „שיילאָק" די פּאָר פּאָעטישע מאָנאָלאָגן און די גאַנצע פּיעסע בלייבט אַ ווילדע, אומגעלומפּערטע מעשה, מיט אַ ניט-אויסגעהאַלטענעם כאַראַקטער פון דער צענטראַלער פיגור, מיט אַ פאַלשער פּאַרטייאיש-קריסטלאכער טענדענץ און מיט אַ פרעמדער, שלעכט-צוגעשטוקעוועטער זייטיקער מעשה.

שעקספּיר האָט געהאַט אַן אַנעקדאָט, אין וועלכן אַ איד אַ פּראָצענטניק און אַ בלוטדורשטיקע „חיה" האָט אין זיינע הענט דאָס לעבן פון אַן איידל-האַרציקן קריסט און כאַפּט אָבער צום סוף אַ מפּלה דורך אַ געניאַל קאָפּ-שפּיצל פון אַ שיינער שיקסע — האָט ער אויף דעם אַנעקדאָט, וועלכער איז זייער שמייכלהאַפט און זייער אַמוזאַנט פאַר אַ קריסטלאַכן פּובליקום, אויסגעבויט אַ קאָמעדיע.

קיין באַגייסטערונג האָט ער נ י ט געקענט האָבן פאַר אַ מוזשעט, וועלכער איז ניט מער ווי אַ קונציקער איינפאַל, אַ קלוג דריידל, איז אַרויסגעקומען אַ פאַלשער, אומגעלומפּער-טער, וואולגאַרער בורלעסק, אָבער ניט קיין קאָמעדיע אין פיינעם, קינסטלערישן זין. אַ פאַלשע אידייע, פאַרקערפּערט אין אַ פאַלשער, אומנאַטירלאַכער, אומוואַרשיינלאַכער פאָרם.

פון דעם מאַטעריאַל, וועלכן שעקספּיר האָט געהאַט, איז געווען א ו מ ע ג ל א ך עס זאָל אַרויסקומען אַ קונסטווערק. קען מען דען פון שלאַנגענגיפט מאַכן אַ דערקוויקנדיקן גע-טראַנק?

ווען שעקספּיר האָט זיך איינגעלעבט מיט זיין אידן, האָט דער דיכטער אויף אַ מינוט זיך אויפגעהויבן מיילן־הויך איבער דעם קאָמעדיען־שמיד. ער איז אַריינגעגאַנגען אין שיילאָק'ס לאַגע און דערפילט זיין טיפן וויטיק. ער האָט דערזען זיין צוריסענע, פון קריסטלאַכער אכזריות פּאַרסמטע און מיט געוועכטן האַס ברענענדע נשמה. ער איז געוואָרן דער אמתער נביא. ער האָט דערזען מיט זיין גייסטיקן אויג די שוידערלאַכע אומענדלאַכע נאַכט פונם אידישן גלות, און זיין אייגענע נשמה האָט אויפגעשוידערט. דאַן איז מיט אים געשען, דאָס וואָס מיט בלעמען. אַנשטאָט צו שעלטן האָט ער געבענטשט; אַנשטאָט צו שפּעטן האָט אים פאַרקלעמט ביים האַרצן. און אין דער ערהאַבענער מינוט האָט זיך אויסגעגאָסן פון זיין נשמה דער טיף־געפילטער, פון הייליקער באַגייסטערונג געבאָרענער „העז נאָט אַ דזשו אייעז?“

אָבער די מינוט איז אַוועק. דער סוזשעט, דער אומריינער סוזשעט, האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע, און די שכינה האָט זיך אָפּגעטאָן.

שיילאָק, וועלכער איז אויף אַ מאָמענט געווען אַ גראַנדיעזע פיגור, אַ איד, אין וועמעס נשמה עס ברענט דער גיהנם פונם אידישן גלות; אַ איד, וועלכער שטייט ווי אַ ריז איבער זיינע פייניקער און פאַרשפּייער און צווינגט זיי צו זען אין זיין גרויזאַמקייט זייער גרויזאַמקייט און דעם ליגן פון זייער ליבע און פאַרצייאונג — די דאָזיקע גראַנדיעזע פיגור ווערט אין נעקסטן מאָמענט איינגעשרומפּן, קליין, לעכערלאַך און זיינע פייניקער שפּייען ווידער אויף אים אין זייער גרויסמוטיקייט און איידלהאַרציקייט, אין איינקלאַנג מיט זייער רעליגיע פון ליבע און פאַרצייאונג.

שײַלאָק דער פּראַצענטניק, װעלכער זשאַלעװעט זײַן קריסטלאַכן דינער אַ שטיקל ברױט און גײט עסן מיט גוים, אַבי אָפּצוזעסן אַ מאַלצײַט אױף זײער רעכענונג, אַט דער שרעקלאַכער געלט-גײַץ װיל ניט קײן זעקס טױזנט דו־קאַטן פאַר זײַנע דרײַ טױזנט, נאָר דאָס פונט פלײש — װײַל ער װיל נעמען נקמה פאַר זיך און זײַן פאָלק!

אַ פרומער, נאָבעלער איד, װעלכער שלײדערט אַװעק אַן אוצר צוליב ערנגעפיל און נאַציאָנאַלן שטאָלץ, זשאַלעװעט אַ דינער אַ שטיקל ברױט און גײט עסן טרפות, אַבי אָפּצוזעסן אַ מאַלצײַט אױף יענעמס חשבון, און צום סוף, װען מען גיט אים אַ ברירה: געלט אָדער שמדן זיך — װיליקט ער אײַן זיך צו שמדן!

קען נאָך זײַן אַ גרעסערע װידערשפּרוך, אַ װילדערער אומזין?

און נאָך אַ װילדערער אומזין איז שײַלאָקס מיטנעמען אין געריכט אַרײַן די װאָגשאָלן אָפּצואװעגן דאָס פונט פלײש און זײַן שאַרפן דאָס מעסער אױף דער פּאָדעשװע פונם שוך. אַזױ װי אַ איד, װעלכער װערט באַלײדיקט און באַשפּיגן פון קריסטן יעדן טאָג, און לעבט איבער דעם גאַנצן גלות פון זײַן פאָלק, װעט ניט װיסן, אַז אין אַ קריסטלאַך געריכט װעט מען אים ניט לאָזן נעמען דאָס לעבן פון אַ קריסט — אױב מיר זאָלן שױן צוגעבן, אַז ער איז טאַקע װירקלאַך אַזאַ װילדע בלוטדורשטיקע חיה!

„שײַלאָק“ איז דער קלאָרסטער באַװײַז, אַז דער גרעס־טער זשעני קען אַמאָל פאַרקריכן אין אַ זומפּ און אָרומ־בלאָנדזשען און ניט געפינען דעם װעג, אױף װעלכן ער דאַרף גײן. ער װערט פאַרפירט פון אַ טײװול, און װען דאָס געשעט מיט אים טוט זיך פון אים אָפּ זײַן אינטואיציע, זײַן רוח

הקודש. די שכינה רוט ניט אויף אַ מענטשן וואָס האָט ניט געהאַט דעם כח גובר צו זיין די טומאה.

שעקספּיר איז פאַרפירט געוואָרן פון דעם טייוולשן אַנעקדאָט, אין וועלכן דער איד וואָס האָט געהאַט אין זיין געזעצלאַכער מאַכט דאָס לעבן פון אַ קריסט ווערט צעשמעטערט און געטראָטן אין שטויב דורך אַ ממזרשן, קלוג־שפּיציקן איינפאַל פון אַ קריסטלאַך מיידל, און די אידן־האַסנדע קריסטן האָבן אַ טאָפּלטן טריאומף: אי פון דער מיאוסער מפּלה פונם אידן אי פון דער געניאַליטעט פונם קריסטלאַכן קאָפּ.

שעקספּיר האָט געזען אין זיין פאַנטאַזיע ווי די קריסטן וועלן ווילד ווערן פון פרייד און שטאָלץ און טריאומף, ווען פאָרשיאַ וועט זאָגן אין געריכט.

„יאָ, שיילאָק, דו ביזט באַרעכטיקט צום פונט פלייש דו האָסט אַ קאָנטראַקט. אָבער דו טאָרסט ניט פאַרגיסן קיין איין טראָפּן בלוט. אויף דעם גיט דיר דיין קאָנטראַקט קיין רעכט ניט".

און ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם אידנפרעסערישן אַנעקדאָט, און האָט זיך גענומען מאַכן פון אים אַ קאָמעדיע.

אַ טריפהנער סוזשעט און אַ טריפהנע באַגייסטערונג.

אַ באַגייסטערונג וואָס האָט אַראָפּגעשלעפּט דעם דיכטער צו דער געזונקענער מאַסע; וואָס האָט אים אוועקגעשטעלט אויף דער זייט פון פינסטערן פאָראורטייל, פון ווילדן האַס, פון בעסטיאַלישן פאַרגעניגן איבער אַ מענטשנס מאַטערנישן.

אויף אַ צופוילטן פונדאַמענט קען מען ניט אויפשטעלן קיין פעסטע געביידע. פון אַ פאַלשן סוזשעט קען ניט אויסגעדיכטעט ווערן קיין דראַמע וואָס יעדע געשעעניש אין איר

זאָל טראָגן דעם שטעמפּל פון ווארשיינלאַכקייט און לאָגישער נויטווענדיקייט. גלייך ווי שעקספּיר איז צוגעטראָטן צו זיין אַרבעט האָט ער זיך געפונען פאַרפּלאָנטערט אין דער נעץ פון דעם טריפהנעם סוזשעט.

זיין איד, וועלכער האָט געדאַרפט כאַפּן אַ מפּלה דורך דעם ממזרשן, קלוג־שפּיציקן איינפאַל פון אַ קריסטלאַכן קאָפּ, כדי די קריסטן זאָל איבער אים טריאומפירן, האָט געמוזט זיין דער „ווילעין" פון דער פּיעסע, אַ שלעכטער, בייזוויליקער, בלוטדורשטיקער מענטש, כדי זיין מפּלה און דער טריאומף פון די קריסטן זאָלן זיין בארעכטיקט. דאָס האָט געפאָדערט דער סוזשעט און דאָס האָט שעקספּיר געזען. אָבער וואָס ער האָט נ י ט געזען איז, אַז דער סוזשעט פאָדערט אויך, אַז די קריסטן וואָס טריאומפירן איבער דעם אידן, דאָס גאַנצע קריסטנטום, זאָל אויך זיין דער „ווילעין" פון דער פּיעסע. וואָרים כדי צו רעכטפאַרטיקן שיילאָקס ווילדע פאָדערונג וועגן פונט פלייש האָט שעקספּיר אונז געמוזט ווייזן ווי שיילאָק ליידט זיין גאַנץ לעבן פונם אכזריותדיקן געשפעט און די אומ־מענטשלאַכע נידערטרעכטיקייטן פון די קריסטן. זיינען אַרויס־געקומען צוויי „ווילעינס — שיילאָק און די קריסטן, און די קריסטן זיינען דער געמיינערער „ווילעין" פון די צוויי, ווייל שיילאָקס נקמה־דורשט איז דאָך אַרויסגערופן געוואָרן דורך זייער גרויזאַמקייט און נידערטרעכטיקייט. האָבן מיר אַ „ווילעין", וועלכן דער פאַרפאַסער האָט ג ע ו ו אָ ל ט שאַפן און ער איז גאָר אין דער ווירקלאַכקייט אַ קרבן און אַ „ווי־לעין", וועלכן דער פאַרפאַסער האָט נ י ט געוואָלט שאַפן, וועלכער איז דער אמתער „ווילעין". און דער אמתער „ווי־לעין" טריאומפירט איבער דעם קרבן! אַ שלום, וועלכער איז באַרעכטיקט אין אַ ווערק, וואו דער דיכטער טרעט אַרויס

קעגן דער אומגערעכטיקייט פונם לעבן, אָבער וועלכער איז אַן אומגעלומפּערטער אומזין אין אַ בורלעסק-קאָמעדיע, וואו דער צוועק איז געווען אַז אַ בייזוויליקער, בלוט-דורשטיקער מענטש זאָל קריגן זיין פאַרדינטן שטראָף.

וואָלט מען געקענט פעסטלען, אַז דער נאָמען „קאָמעדיע" איז דאָ נאָר צוגעטשעפּעט און אַז שעקספּיר האָט טאַקע ג ע ־ װ ו א ל ט שרייבן אַ טראַגעדיע, ער האָט געוואָלט ווייזן די אַכזריות פון די קריסטן קעגן דעם אידן און די אומגערעכ־טיקייט פונם לעבן. אָבער שיילאָק איז ניט קיין העלד פון אַ טראַגעדיע. די נאַטור און די לאָגיק פון דער טראַגעדיע פאָדערן, אַז די צענטראַלע פיגור זאָל זיין גרויס, נאָבל און געווינען אונזער אכטונג און סימפּאַטיע, און שיילאָק איז אַ קליינלאַכער, מיזעראַבלער, גרויזאַמער, מיאוסער איד. אַ איד וואָס וויל אויסשניידן אַ שטיק פלייש פון זיין שונא, זשאַ־לעוועט זיין דינער אַ שטיקל ברויט, גייט עסן טרפות ביי קריסטן, וואָס האָסן און פאַראַכטן אים, כדי אָפּצועסן אַן אומ־זיסטן מאָלצייט, שמדט זיך, כדי אָפּצוראַטעווען אַ טייל פון זיין פאַרמעגן — אַזאַ איד קען ניט זיין קיין העלד פון אַ טראַ־געדיע. וואָס מען זאָל ניט זאָגן וועגן דעם אידנס כאַראַק־טער — צוליב זיין אמונה איז ער פון אייביק־אָן געווען אַ העלד און אַ מאַרטירער, און דאָס האָט שעקספּיר ניט געקענט ניט וויסן. ער האָט געוואָלט מאַכן פון שיילאָקן אַ „ווילעין", ניט קיין העלד, אָבער פונקט ווי ער האָט זיך געפּלאָנטערט אין דער טייוולשער נעץ פון זיין סוזשעט אין באַצוג צו דער האַנדלונג, אַזוי האָט ער זיך געפּלאָנטערט מיט דער כאַראַק־טעריזירונג פון דער הויפּט פערזאָן, כדי צו שטעלן די ווילדע פאָדערונג וועגן פונט פלייש, מוז שיילאָק זיין אַ איד מיט אַ שטאַרקן ערנגעפיל און אַ גליענדן נאַציאָנאַלן שטאָלץ.

וועלכער איז גרייט אוועקצושליידערן אן אוצר צוליב דער געלעגנהייט צו נעמען נקמה פאר זיך און פאר זיין פאלק. און כדי שיילאק זאל זיין א ציל פון געשפעט און א „ווילעין" דארף ער זיין אן עקלהאפטער געלטגייץ, וועלכער זשאלעוועט זיין דינער א שטיקל ברויט. גייט עסן טרפות ביי זיינע ש־נאים, כדי אפצועסן אן אומזיסטן מאלצייט און פאראט זיין גל־יבן און זיין פאלק, כדי ניט צו פארלירן זיין פארמעגן!...

ווען שעקספיר וואלט אבער געווען באקאנט מיט די קארדינאלע געזעצן און פרינציפן פון דראמע און דיכטערי־שער שאפונג, וואלט ער ניט גענומען מאכן א קאמעדיע פון אן אנטיסעמיטישן אנעקדאט בלויז דערפאר, ווייל אין אים איז דא א טעאטראלער קלימאקס, וועלכער באהאלט א טאפלטע דער־פרייענדע איבערראשונג פאר אידנהאסנדע קריסטן. ער וואלט געוואוסט, אז טאקע דער טעאטראלער קלימאקס פון דעם אנעקדאט מאכט אים טריף און טמא פאר דער קונסט. ווא־רים די הויפט־שטרעבונג און דער הויפט־צוועק פון דער קונסט איז ארויסצורופן פרייד און אנציקונג, נ א ב ע ל ע פרייד און ה ײ ל י ק ע אנטציקונג, ניט די בארבארישע פרייד און אנציקונג, וואס בלוטדורשטיקע בויאנעס האבן פון אן אקסנקאמף און סאדיסטן — פון א מענטשנס מאטערנישן. און נ א ר אזא פרייד און אנציקונג ליגן באהאלטן אין דעם קלימאקס פון דעם אידנפרעסערישן אנעקדאט, און נ א ר אזא פרייד און אנציקונג קען ארויסרופן די גאנצע קאמעדיע, וואס ווערט געשאפן פון אזא אנעקדאט, און אזוי איז עס טאקע. די גאנצע קאמעדיע איז א „בולפייט", וואו שיילאק איז דער אויפגערייצטער און געיאגטער אקס און די קריסטלאכע מאכט — דער מאטאדאר.

ווען שעקספּיר וואָלט געווען באַקאַנט, אָדער וואָלט זיך גערעכנט, מיט די קאַרדינאַלע געזעצן און פּרינציפּן פון דראַמע, וואָלט ער געוואוסט, אַז אַ פּערזאָן פון אַ דראַמע, סיי אין אַ טראַגעדיע, סיי אין אַ קאָמעדיע, ווערט ניט געשאַפן צו באַפרידיקן אַ נידעריקן, אָדער אפילו אַן איידעלן אינסטינקט פונם פובליקום. דער כאַראַקטער און די אייגנטימלאַכקייטן פון יעדער פּערזאָן ווערן באַשטימט פון דער פונדאַמענטאַלער אידייע פון דער דראַמע. די דראַמע פאַרקערפּערט אַ געוויסן געדאַנק, וועלכער דאַרף אַנטפּלעקט ווערן דורך דער האַנדלונג. יעדע פּערזאָן ווערט געבוירן צו טאָן אַ באַשטימטע ארבעט אין דער האַנדלונג, וואָס זאָל העלפן אַרויסברייגען דעם פאַרקערפּערטן געדאַנק, און די ארבייט וואָס זי דאַרף טאָן, די שליחות וואָס זי דאַרף דורכפירן, באַשטימט איר כאַראַקטער און אירע אייגנטימלאַכקייטן. ווען שעקספּיר וואָלט אַזוי צוגעגאַנגען צו זיין אַנעקדאָט, וואָלט ער זיך צום ערשטן געפרעגט: וואָס איז די פונדאַמענטאַלע אידייע פון דעם סוזשעט? און ער וואָלט גלייך געזען, אַז דאָ ווערט אויסגעדריקט די שטרייגע גערעכטיקייט פונם שיקזאַל. און דאָס האָט שעקספּיר געפילט, כאָטש ער האָט עס ניט קלאָר געזען. שטרענגע גערעכטיקייט איז דער הויפּט־פּרינציפּ פונם אידנטום, אין דער צייט, וואָס דער הויפּט־פּרינציפּ פונם קריסטנטום איז ליבע און פאַרצייאונג, און דעריבער שטעלט פּאָרשיאַ עטלאכע מאָל שיילאָקן אין גערעכט מיט איר גיפטיקן אויסרוף: „דו ווערסט האָבן גערעכטיקייט, שטריינגע גערעכטיקייט“.

שעקספּיר האָט געפילט, אַז אין דער פונדאַמענטאַלער אידייע פונם סוזשעט ווערט ניט נאָר אויסגעדריקט די שטריינגע גערעכטיקייט פונם שיקזאַל, נאָר אויך אַ גיפטיקע

סאַטירע איבער דעם אידנס אמונה וואָס איז געבויט אויפן פרינציפּ פון שטריינגער גערעכטיקייט: אַ בלוטדורשטיקער איד וויל אומברענגען אַ נאָבעלן קריסט מיטן כח פונם דין און קריגט אַ פאַרדינטע מפּלה מיטן כח פונם דין. אָבער באַלד שטעלט זיך אַוועק אין וועג ווי אַ שטן דאָס פונט פלייש. ווי דערקלערט מען די דאָזיקע משונהדיקע פאָדערונג פון שיילאָקן? אַ פּראָצענטניק, אַ געלט-גייץ, וואָס טוט אָפּ די נידעריקסטע און שמוציקסטע זאַכן צוליב עטלאַכע גראָשן — ווי וועט אַזאַ בריאה אַוועקוואַרפן אַן אוצר צוליב אַ געוויינלאַכן געפיל פון ראַסנהאַס, אָדער רעליגיעזן פאָראורטייל? מ'מוז דער משונהדיקער פאָדערונג געבן אַ באָדן, אַ געזונטע מאָטיווירונג. אָבער דאָס איז די לייכסטע זאַך אין דער וועלט. קריסטן באַהאַנדלען אידן מיט אַכזריות-דיקער שנאה און ברוטאַלער פאַראַכטונג — שיילאָק איז שטענדיק פון זיי, און ספּעציעל פון אַנטאָניאָן, וועלכער קומט צו אים באָרגן געלט, אַזוי באַהאַנדלט געוואָרן. אַנטאָניאָ האָט געשפּיגן אויף אים און אויף זיין פאָלק און אויף זיין אמונה. שיילאָק איז אַ שטאָלצער איד, מיט אַ הייסן נאַציאָנאַלן געפיל. די טאָג-טעגלאַכע ברוטאַלע באַליידיגונגען האָבן אָנגעצונדן אין זיין האַרצן אַזאַ פייער פון האַס און צאָרן, אַזאַ ברענענדיקן דורשט נאָך נקמה, אַז אויף דעם פּונקט איז זיין מח ביז צו אַ געוויסן גראַד געררירט געוואָרן. האָט ער שוין געקענט שטעלן אַזאַ משונהדיקע פאָדערונג. אַ געזונטע, לאָגיש און פּסיכאָלאָגיש באַגרינדעטע מאָטיווירונג. אָבער... די דאָזיקע מאָטיווירונג נעמט פון שיילאָקן אַוועק דעם כח דורכצופירן די שליחות פאַר דער פונדאַמענטאַלער אידייע. ער דאַרף זיין אַ „ווילעין“, און אין דער ווירקלאַכקייט איז ער אַ קרבן, און דער „ווילעין“ זיינען נאָר

די ברוטאַלע קריסטן. און וויבאַלד ז י י טריאומפירן אי־בער זייער קרבן, ווערט ניט אַרויסגעבראַכט דורך דער האַנד־לונג די פונדאַמענטאַלע אידייע פונם סוזשעט, וועלכע דריקט אוים די ש ט ר י י נ ג ע ג ע ר ע כ ט י ק י י ט פ ו נ ם ש י ק ז א ל. נאָר עס ווערט גאָר אַרויסגעבראַכט אַ פונקט פאַרקערטע פונדאַמענטאַלע אידייע—ד י ב ר ו ט א ל ע א ו מ ג ע ר ע כ ט י ק י י ט פ ו נ ם ש י ק ז א ל. האָבן מיר אַזאַ לאַגע: די מאָטיווירונג מאַכט אַן איבערקערעניש אין דעם סוזשעט און הרגעט אַוועק די פונדאַמענ־טאַלע אידייע. אָן דער מאָטיווירונג איז ניט מעג־לאַך די משונהדיקע פאָדערונג און מען קען ניט מאַכן דעם ערשטן טריט. איז קלאָר, אַז פון דעם אַנעקדאָט קען נאָר געמאַכט ווערן אַ אומגעלומפּערטער בורלעסק, פול מיט וויל־דע, שרייענדע ווידערשפּרוכן, אָבער אויף קיין פאַל ניט קיין קאָמעדיע וואָס זאָל האָבן די מינדסטע קינסטלערישע ווערט. ווען שעקספּיר וואָלט דאָס געזען, וואָלט ער פאַרוואָרפן די אידייע פון מאַכן אַ קאָמעדיע פון דעם ממזרשן אַנעקדאָט, און ער וואָלט זיך ניט אַזוי שווער און אומפּאַרציילאַך פאַר־זינדיקט קעגן דער קונסט און קעגן יעדן באַגריף פון מענטש־לאַכקייט.

וואָרים שעקספּיר האָט זיך דאָ אַרויסגעשטעלט פאַר אַ פיל גרויזאַמערן מענטשן, ווי זיין אויסגעטראַכטער שיילאָק. ער שפּילט אין דער קאָמעדיע די ראָלע פון אַ מאָנסטער. שיי־לאָק האָט געוואָלט אַ פונט פלייש פון זיין שונא, וואָס האָט געשפּיגן אויף אים און אויף זיין פאָלק. שעקספּיר האָט גע־נומען דעם באַליידיקטן, פאַרפאָלגטן אידן, וועמעס אוממעכ־טיקער כעס האָט אים דעם מח געריררט, און האָט אים אַ וואָרף געטאָן צו אַ באַנדע סאַדיסטישע בויאַנעס, זיי זאָלן

אים מאַטערן און שפּייען אויף אים און אוועקרויבן פון אים ניט נאָר זיין געלט, נאָר אויך זיין איינציקע טאָכטער און זיין אמונה.

וואָלט שעקספּיר באַטראַכט זיין אַנעקדאָט אין ליכט פון די געזעצן און פּרינציפּן פון דראַמאַטישער שאַפונג, וואָלט ער געזען, אַז זיין פונדאַמענטאַלע אידייע קען בשום אופן ניט אַרויסגעבראַכט ווערן דורך אַזאַ צענטראַלע פיגור ווי זיין שײַלאָק — אַ „ווילעין", וועלכער איז גאָר אין דער ווירקלאַכ־קייט אַ קרבן; אַ „ווילעין", וואָס די גאַנצע קריסטלאַכע וועלט איז אַקעגן אים אַ „ווילעין", רייצט אין אים אויף מיט איר ברוטאַלן האַס און געשפּעט אַ ווילדן נקמה־דורשט, וואָס האָט אים משוגע געמאַכט, רויבט פון אים אַוועק זיין געלט, זיין טאָכטער, זיין אמונה, מאַכט חוזק אין נאָמען פון איר רעליגיע פון ליבע און פאַרצייאונג פון זיין רעליגיע פון שטרענגער גערעכטיקייט, און גיט אַרויס קעגן אים אַ משפּט, וועלכער איז אַ באַשפּייאונג פון ליבע און פאַרצייאונג און פאַרוואַנדלט די גערעכטיקייט פון אַ געריכט־הויז אין ברו־טאַלסטן באַרבאַריזם.

און ווען אַ זשעני נויטיקט זיך אַזוי שטאַרק אין אַ גרינט־לאַכער באַקאַנטשאַפט מיט די געזעצן און פּרינציפּן פון קונסט, וויפיל מער איז דאָס נויטיק פאַר אַ דורכשניטלאַכן טאַלאַנט!

ווי געזאָגט, דעם טאַלאַנטלאָזן קענען ניט העלפן קיין געזעצן. איינער קען זיין דער גרעסטער קענער אין דער גראַמאַטיק פון אַ שפּראַך, דאָס וועט אים אָבער ניט מאַכן פאַר קיין שיינעם סטיליסט אין דער שפּראַך. אָבער דער שיינער סטיליסט דאַרף קענען גראַמאַטיק. די באַקאַנטשאַפט מיט דער טעאָריע פון מוזיק מאַכט ניט קיין מענטשן פאַר קיין קאָמפּאָזיטאָר. אָבער דער באַגאַבטער קאָמפּאָזיטאָר דאַרף

קענען די טעאָריע פון מוזיק. אזוי איז עס מיט יעדער אַנדער קונסט. פאַרוואָס זאָל עס זיין אַנדערש מיט דער קונסט פון דיכטונג?

לעסינג זאָגט:

„די רעגעלן לערנען נאָר וואָס עס זאָל געשען, אָבער זיי קענען ניט לערנען ווי אזוי עס זאָל דערגרייכט ווערן. דער „ווי אַזוי" האָט שוין צו טאָן מיט טאַלאַנט".

אָבער דער „וואָס עס זאָל געשען", וועלכער שליסט שוין אויך איין וואָס עס „טאָר ניט געשען", איז אַ געניטער און געטרייער וועגווייזער פאַרן טאַלאַנטפולן דיכטער, און נאָך אין אַ גרעסערער מאָס פאַרן קריטיקער און דעם ליבהאָבער פון קונסט.

„דער קונסטריכטער", זאָגט לעסינג, „מאַכט ניט קיין רעגעלן פון זיין געשמאַק, נאָר זיין געשמאַק אַנטוויקלט זיך דורך די רעגעלן, וועלכע ליגן אין דער נאַטור פון דער זאַך". דאָס הייסט: דורך די רעגעלן און פרינציפּן, וועלכע אַנט־פּלעקן זיך פאַר אונז, ווען מיר שטודירן און אַנאַליזירן די גרויסע מייסטערווערק און וועלכע דיקטירן און רעגולירן די אַרבעט פון יעדן קינסטלער, מיט אָדער אָן זיין באַוואוסטזיין.

.23

דער שטאַם און די צווייגן פון דער דראַמע.

די טראַגעדיע.

די טראַגעדיע האָט אַ סך פריער דערגרייכט איר הויכע קינסטלערישע שטופע, ווי די קאָמעדיע, דעריבער מוז די טראַגעדיע באַטראַכט ווערן פאַרן שטאַם פונם דראַמאַטישן בוים און די קאָמעדיע און אַלע אַנדערע דראַמאַטישע אונ־

טערהאַלטונגען — פאַר די צווייגן, אָבער די גרונטגעזעצן פאַר דעם אויפבוי פון דער טראַגעדיע גילטן אויך פאַר דער קאָמעדיע און אַלע אַנדערע צווייגן פון דער דראַמע. זיי אונטערשיידן זיך נאָר אין די ווירקונגען וואָס זיי שטרעבן צו מאַכן אויפן צושויער און אין די מיטלען וואָס זיי באַנוצן צו דערגרייכן זייער צוועק.

די טראַגעדיע שטרעבט צו רייניקן און אויסצולייטערן דעם צושויערס נשמה, אים צו מאַכן פאַר אַ בעסערן און נאָבעלערן מענטשן. די קאָמעדיע שטרעבט צו מאַכן דעם צושויער קליגער, אים צו ווייזן די אַבסורדיטעטן און לעכערלאַכקייטן און קליינלאַכקייטן פונם לעבן, פון וועלכע ער דאַרף זיך באַפרייען.

„דער טראַגיקער", זאָגט שיללער, „מוז אימער ד אָ ס ה אַ ר ץ אינטערעסירן. זיין אויפגאַבע איז אַרויסצורופן סימפּאַטיע אוןליידנשאַפטן. דער קאָמיקער דאַרף אונטערהאַלטן דעם פאַרשטאַנד און ער האָט אַ פונקט-פאַרקערטע אויפגאַבע. ער זוכט צו ב אַ פ ר י י ע ן ד ע ם מ ע נ ט ש ן פון סימפּאַטיען און ליידנשאַפטן".

קלערער און דייטלאַכער אויסגעדריקט מיינט עס:

דער דיכטער פון אַ טראַגעדיע זוכט אַרויסצורופן אין דעם צושויער זיין וואַרימע סימפּאַטיע פאַר דעם, וואָס איז גוט און שיין און זיין האַס פאַר דעם שלעכטן און אָפּשיילאַכן. זיין צוועק איז צו ווירקן אויפן צושויערס ג ע פ י ל ן, דעריבער מוז ער זיך ווענדען צו זיין ה אַ ר ץ. דער דיכטער פון אַ קאָמעדיע וויל באַפרייען דעם מענטשן פון זיינע סימפּאַטיען און אַנטיפּאַטיען, וואָס די מייסטע פון זיי זיינען אַ רעזולטאַט פון פאַלשע גלויבנס, שלעכטע סאָציאַלע איינריכטונגען, אָפּגעלעבטע טראַדיציעס. ער וויל אים מאַכן פאַר

אן אומפארטייאישן ריכטער איבערן לעבן. דעריבער ווענדט ער זיך צו זיין פ א ר ש ט א נ ד.

„א טראגעדיע", זאגט אריסטאטל, „איז אן ערנסטע, אין זיך אליין אפגעשלאסענע האנדלונג, וועלכע רופט ארויס רחמנות און שרעק און לייטערט אוים די דאזיקע געפילן, און אלע אנדערע געפילן, וואס שטאמען פון דעמזעלבן קוואל".

„רחמנות", דערקלערט אריסטאטל, „מיינט: א שמערצלאך געפיל איבער די ליידן און דעם אומגליק פון א מענטשן וואס פארדינט ניט צו ליידן. ש ר ע ק מיינט: א באאומרואיקנדיק געפיל, אז דער אומגליק קען אונז אויך טרעפן. פון דעם איז קלאר, אז

1) דער ליידנדער און פאראומגליקטער דארף זיין א מענטש, וואס רופט ארויס סימפאטיע און אכטונג.

2) אז דער אומגליק, אין וועלכן ער געפינט זיך, דארף זיין אן אלגעמיין מענטשלאכער, אן אומגליק וואס איז אונז נ א ע נ ט , וואס קען טרעפן מיט יעדן איינעם, ווארים אויב א מענטש ליידט צוליב א משוגענער אידייע, א ווילדמשונהדיקן איינפאל: עס האט זיך אים פארגלוסט דאס טעלערל פון הימל, איז זיין אומגליק אונז ניט נאענט און זיינע ליידן קענען אין אונז ניט ארויסרופן קיין שרעק, אז מיר קענען זיך אויך געפינען אין דער אומגליקלאכער לאגע, און אפילו דאס געפיל פון רחמנות פאר אים ווערט אויך אין א גרויסער מאס אפגעשוואכט.

און פונקט ווי די ליידן, וואס זיינען ווייט פון אונז (וואס קענען אונז ניט אנרירן פערזענלאך, ווייל זיי שטאמען פון א משונהדיקן, אבנארמאלן קוואל), קענען אין אונז ניט ארויסרופן יענעם רחמנות און שרעק וואס לייטערט די נשמה,

אַזוי איז עס אויך מיט זייער קעגנזאַץ. די לײדן, וואָס יעדער מענטש אָן אַן אויסנאַם איז צו זיי אונטערוואָרפן, וואָס קיין מענטש איז פאַר זיי ניט פאַראַנטוואָרטלאַך, ווי, למשל, דער טויט, קראַנקהייט, געבורטסווייטיקן, צופעליקע פייערן, עקס־פּלאָזן, באַן און אויטאָמאָביל אומגליקן, קענען אין אונז אויך ניט אַרויסרופן דעם רחמנות און שרעק וואָס מאַכן אונז פאַר בעסערע, נאָבעלערע מענטשן. קענען מיר דען, ווען מיר זעען אַ מענטשן שטאַרבן, זאָגן צו זיך: „מיר וועלן זיין בעסערע מענטשן, וועלן מיר ניט שטאַרבן“? קענען מיר, ווען מיר זעען אַ פייער אָדער אַן אַנדער קאַטאַסטראָפע, פאַר וועלכע קיינער איז ניט פאַראַנטוואָרטלאַך, האָבן דאָס געפיל, אַז ווען מיר וועלן זיך אויפפירן פיינער, מענטשלאַכער, וועט מיט אונז אַזאַ אומגליק ניט טרעפן? מיר זעען די אומגליקן און קאַ־טאַסטראָפעס יעדן טאָג, מיר לייענען וועגן זיי, מיר גיבן אַ קרעכץ, אָבער מיר ווייסן, אַז זיי זיינען אומפאַרמיידלאַך, קיינער איז פאַר זיי ניט באַוואָרנט, קיינער איז פאַר זיי ניט פאַראַנטוואָרטלאַך. זיי האָבן גאָרניט צו טאָן מיט דעם מענטשנס חכמה אָדער נאַרישקייט, גוטסקייט אָדער שלעכטס־קייט, ס'איז ניטאָ וועמען צו האַסן פאַר זיי, אויף וועמען צו צאָרנען, דעריבער קענען זיי ניט וועקן אין אונז יענעם רחמנות און שרעק, וואָס לייטערן די נשמה דורך דער ווירקונג פון אַ לעבעדיקן, קינסטלערישן מוסר השכל. אַזעלכע קאַטאַ־סטראָפעס האָבן ניט דעם עלעמענט פון טראַגעדיע און טאָרן ניט אַרויפגעבראַכט ווערן אויף דער בינע.

דער אומגליק וואָס טרעפט אין דער טראַגעדיע, מוז אַרויסוואַקסן פון דער האַנדלונג און מוז האָבן אַ שולדיקן, אַ „ווילעין“. צי דער שולדיקער איז אַ מענטש, אַ קלאַס, אַ פאָלק, אַ גלויבן, די געזעלשאַפטלאַכע

אָרדנונג, איז גאַנץ גלייך. אימיצער, אָדער עפּעס מוז זיין דער „ווילעין", און די קאַטאַסטראָפע מוז קומען ווי א רעזולטאַט פון אַנטאַגאָניסטישע כחות וואָס קעמפן פאַר אונזערע אויגן. נאָר טאַלאַנטלאָזיקייטן ברענגען אַרויף אויף דער בינע צופעליקע, אומפאַרמיידלאַכע אומגליקן, כדי צו צאַפּן געוואָלד טרערן פונם פובליקום. אָבער ניט אַלעס וואָס רירט צו טרערן איז טראַגיש. קינדער ווײנען אויפן טויט פון זייער מוטער אפילו ווען זי האָט דערלעבט די עלטער פון הונדערט יאָר. א מאַמע וויינט ווען איר קינד ליידט פון ציינווייטיק. נאַרישע ווייבער וויינען, ווען אַ בדחן באַזעצט אַ כלה. דאָ האָבן מיר דריי פּאַסירונגען וואָס רירן צו טרערן, פון וועלכע די ערשטע צוויי זיינען ניט טראַגיש און די לעצטע איז לעכערלאַך.

„עס זענען דאָ מענטשן, זאָגט אַריסטאָטל, „וואָס האַלטן זיך פאַר בעסער און העכער פונם דורכשניט, און גלויבן, אַז מיט זיי קענען ניט פּאַסירן די אומגליקן, פון וועלכע אַ מענטש מיט דורכשניטלאַכע שוואַכקייטן ליידט, ווייל זיי זיינען פריי פון די דאָזיקע שוואַכקייטן און ליידנשאַפטן. מוז דער דיכטער אַוועקשטעלן אַזאַ סיטואַציע, אַז די דאָזיקע מענטשן זאָלן פאַרלירן די הויכע פאַלשע מיינונג וועגן זייער גרויסקייט און מאָראַלער גבורה. ער מוז זיי ווייזן, אַז גרעסערע און בעסערע פון זיי קענען אויך אונטער געוויסע אומשטענדן ווערן קרבנות פון מענטשלאַכע שוואַכקייטן און ליידנשאַפטן, אָדער אויף אַן אַנדער אופן אַריינפאַלן אין אומגליקן, און קלוגשאַפט און פאַרזיכטיקייט און אַ ריין לעבן זיינען ניט קיין באַוואָרעניש".

דאָס מיינט ווידער, אַז דער העלד פון אַ טראַגעדיע מוז זיין אַ סימפּאַטישע פּערזענלאַכקייט, וועלכע זאָל אַרויסרופן

אונזער אַכטונג און ליבשאַפט. וואָרים אַנדערש וועלן זיינע לײדן אונז ניט אָנגיין און וועלן אין אונז ניט אַרויסרופן קיין נשמה-לייטערנדן מיטלייד און שרעק.

„אָבער", זאָגט ווייטער דער גרויסער לערער, „דער העלד פון דער טראַגעדיע טאָר ניט זיין גוט און נאָבל איבער דער מאָס, ווייל אַזאַ מענטש איז צו ווייט פון אונז אַז זיינע לײדן זאָלן אונז קענען אָנרירן".

אַ מענטש אָן אַ גאַל, אָן פעלער, וואָס פאַרדערט פאַר זיך גאָר ניט און ברענגט נאָר קרבנות, איז פאַר אונז אומנאַטיר־לאַך און אומבאַגרייפלאַך. ער בלייבט אונז פרעמד און מיר קענען ניט פילן פאַר אים יענעם מיטלייד, וואָס די לײדן פון אָן אייגענעם און נאָענטן רופן אַרויס.

פונקט ווי דער העלד פון אַ טראַגעדיע טאָר ניט זיין קיין אומסימפּאַטישע, אָפּשטויסנדע בריאה, אַזוי טאָר ער אויך ניט זיין קיין „מלאך". ער דאַרף זיין אַ סימפּאַטישער, נאָבעלער מענטש. אָבער אין די גרעניצן פון דער מענטשלאַכער נאַטור.

און דאָ האָבן מיר ווידער דעם קלאָרסטן באַוויז, ווי נויטיק עס איז פאַרן דראַמען-דיכטער אַ גרינטלאַכע באַקאַנט־שאַפט מיט די גרונט-פּרינציפּן פון דראַמע.

די אַלע געזעצן און גרונטפּרינציפּן וועגן טראַגעדיע, וואָס מיר האָבן דאָ געבראַכט, זיינען אַזוי איינפאַך, אַזוי לאָגיש, אַזוי, דאַכט זיך, קלאָר און זעלבסטפאַרשטענדלאַך, אַז מען קען דיינקען, אַז עס איז גאָר ניטאָ קיין אינטעלי־גענטער דראַמענדיכטער, וואָס זאָל זיי דאַרפן לערנען; און אפילו דער דראַמען-בעל-מלאכה, וואָס האָט באַצוועקט מיט דער טראַגישער סיטואַציע נאָר צו ווירקן אויף די געפילן פון אַ פשוטן פובליקום, ווייסט אויך, אָדער פילט מיטן אינסטינקט,

די דאָזיקע עלעמענטאַרע פּרינציפּן. אָבער דער אמת איז, אַז אי צווישן באַגאַבטע דראַמענשרייבער אי צווישן בעלי מלאכות זיינען דאָ אַ גרויסע צאָל וואָס ווייסן ניט און פילן ניט אָט דעם אלף-בית פון דראַמע.

שעקספּירס „ריטשאַרד דער דריטער" איז אַ טראַגעדיע מיט אַן אומסימפּאַטישן, אָפּשטויסנדן העלד, און דער רעזול-טאַט איז, אַז ניט קוקנדיק אויף די אַלע גרויסע מעלות, וואָס דאָס ווערק האָט אין יעדער אנדער הינזיכט פון דיכטערישער שאַפונג איז עס ניט קיין טראַגעדיע אין אמתן זין פונם וואָרט, ווייל די ליידן פונם העלד רירן אונז ניט אָן און וועקן אין אונז ניט דעם לייטערנדן רחמנות און שרעק, ווי „קעניג ליר" און די אַנדערע טראַגעדיען פונם גרויסן מייסטער.

אָבער מיר קענען ברענגען אַ ביישפּיל, וועלכער איז פּאַר אונזערע לעזער נעענטער און היימישער:

י. בערקאָוויטש איז אַ דראַמאַטישער דיכטער מיט אַ ריזיגן טאַלאַנט. זיין „מאַשקע חזיר" איז פונם שטאַנדפּונקט פון קאָנסטרוקציע און כאַראַקטער-מאַלעריי אַ גרויס ווערק. עס האָט אויך אין אַ גרויסער מאָס אַלע נויטיקע עלעמענטן פון אַ טעאַטערשטיק: פּאַרבנרייכקייט, שפּאַנונג, לעבעדיקע באַוועגלאַכקייט, אַן איבערראַשנדן, אָטעם-פּאַרכאַפּנדן סוף, און די גאַנצע האַנדלונג איז פּשוט, קלאָר, פּאַלקסטימלאַך. עס איז דאָרט ניטאָ אַזוינס וואָס זאָל זיין צו ווייט פון אַ דורכשניטלאַכן טעאַטער-עולם און עס איז דאָרט דאָ זייער אַ סך, וואָס איז אים נאָענט, און געשפּילט איז די פּיעסע גע-וואָרן פון אַ טרופּע אמתע קינסטלער און יעדע ראָלע איז געווען אין די ריכטיקע הענט. און דאָך האָט די פּיעסע ניט געהאַט דעם דערפאָלג וואָס זי פאַרדינט מצד דעם גרויסן טעאַטער-עולם, און דער אינטעליגענטער עולם איז אויך גע-

בליבן זייער קאַלט צו איר. אָבער מען דאַרף זיך גאָר ניט אָנשטריינגען צו געפינען אַ דערקלערונג. מאַשקע חזיר, דער העלד פון דער פּיעסע, איז אַן אומסימפּאַטישע פּערזאָן. זיינע ליידן קענען קיינעם ניט רירן. זיי קענען ניט אַרויסרופן קיין רחמנות, ווייל מיר זעען פאַר זיך ניט קיין „אומגליק פון אַ מענטשן וואָס פאַרדינט ניט צו ליידן". זיי קענען ניט אַרויסרופן קיין שרעק, ווייל זיי קענען ניט געבן דעם צושויער דאָס געפיל, אַז ער קען זיך אויך געפינען אין אַזאַ לאַגע. יעדער פון די צושויער איז זיכער, אַז ער א י ז ניט און וועט קיינמאָל ניט זיין קיין מאַשקע חזיר. ער וועט זיך ניט שמדן צוליב דעם וואָס אידן האָבן „קרומע רוקנס" און רופן אים „מאַשקע חזיר" (און ניט אומזיסט!) און וועט ניט האָבן קיין זון וואָס וועט זיין אַן עקלהאַפטער קריסט און פאַגראָמשטשיק.

אַן אויסגעצייכנטן ביישפּיל, אַז „אומגליקן, וואָס זיינען אומפאַרמיידלאַך און קיין מענטש איז פאַר זיי ניט פאַראַנטוואָרטלאַך" האָבן אין זיך ניט דעם עלעמענט פון טראַגעדיע, האָבן מיר אין דער פּיעסע „דער פריילאַכער חזן", פון משה ריכטער.

משה ריכטער האָט אַ געזונטן דראַמאַטישן אינסטינקט. ער האָט געשריבן עטלאַכע פּיעסן, וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג און זייער דערפאָלג איז געווען אַ כשר־פאַרדינטער. וואָרים ער האָט ניט געזוכט און זוכט קיינמאָל ניט צו ווירקן אויפן פּובליקום דורך שמד־שטיק־מיטל, „צו נעמען אויף זיכער", אים אָנצושרעקן און צאַפּן פון אים טרערן דורך ווילדע געשעענישן, וואָס ווערן אַריינגעשלעפּט ביי די אויערן. ער איז ערלאַך און אויפריכטיק אין זיין אַרבעט. זיינע אַ דראַמע איז אַן אינטערעסאַנטע, פאַקנדע מעשה, געבויט אויף אַ סיטואַציע, וואָס טרעפט אַמאָל. און פון דער

דאַזיקער סיטואַציע וואַקסן אַרויס צוזאַמענשטויסונגען, וואָס רירן צו טרערן און טראָגן אין זיך אַ פאָלקסטימלאַכן מוסר־השכל.

„דער פריילאַכער חזן“ איז ניט קיין שונד. נאָך דעם באַגריף פון יענע רעאַליסטן, וועלכע האַלטן, אַז דער דיכטער דאַרף אונז געבן דאָס לעבן ו ו י ע ס א י ז , אין זיין פשוטער רויער פאָרם, ניט „אידעאַליזירט“, ווי דאָס הייסט אין דער קונסט־שפּראַך (זע קאַפּיטל 10, אידעאַליזירונג און רעאַליזם) איז „דער פריילאַכער חזן“ די רעאַליסטישסטע פון רעאַליסטישע דראַמען. ריכטער ברייננט אַרויף אויף דער בינע די געוויינלאַכסטע טאָג־טעגלאַכע פּאַסירונגען.

זיצן מענטשן אין אַ הויז און פּאַרברייננען. דאָרט איז דאָ אַ יונג פּאָר פאָלק, וואָס האָט זיך זייער ליב. דער מאַן איז אַ פּיאַניסט מיט אַ גרויסן נאָמען. די פרוי איז אַ שיין, וואויל ווייבל. פּלוצים ברעכט אויס אַ פייער (פּאָרהאַנג).

אין צווייטן אַקט זעען מיר, אַז דאָס שיינע וואוילע ווייבל איז נעבאָך אַ קאַליקע, און מען דערציילט אונז, אַז זי איז גע־שפּרונגען דורך אַ פענסטער זיך צו ראַטעווען פונם פייער און האָט זיך צובראָכן דעם רוקן. אין שטוב איז דאָ אַ נוירס, וועלכע מען דאַרף פאַר דער קאַליקע, און אין די לעצטע דריי אַקטן פירט די קאַליקע אַ שטילן קאַמף מיט דער נוירס פאַר דעם פּיאַניסטס האַרץ, און דער העכסטער טראַגישער מאָמענט אין דער דראַמע איז, ווען עס זעט אויס, אַז די נוירס, דער יצר הרע, זיגט. אָבער דער דאָזיקער „העכסטער טראַגישער מאָמענט“ רירט קיינעם ניט. דער אומגליק מיטן ווייבל, דער קרבן פונם פייער, רופט אַרויס אַ זיפץ, אָבער ניט מער. אַקוראַט ווי ווען מען לייענט אין אַ ציימונג וועגן אַזאַ אומגליק, און עס געשעעט פאַר אונזערע אויגן איינע פון

די אומנאַטירלאַכסטע, משונהדיקסטע דערשיינונגען: אַ הון זיצט אויס אַ לאַשיקל... אַ מענטש האָט אָנגעשריבן אַ טראַ־געדיע און זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָמעדיע! אויף די טראַגישע פּאַסירונגען פאַרגיסט קיינער ניט קיין טרער. אין די ליידן און אין דעם קאַמף פון די הויפּט־פּער־זאָנען איז קיינער ניט פאַראינטערעסירט. אויף דער בינע דרייט זיך אַרום אַ זייטיקע פּערזאָן, אַ חזן וואָס זאָגט וויצן און קיבעצט זיין ווייב און זיין מחותן, פאַרכאַפּט דער דאָזי־קער חזן, די זייטיקע פּערזאָן, דעם גאַנצן אינטערעס פונם פּובליקום. ניט נאָר שטורמט מיט געלעכטער ווען ער איז אויף דער בינע, נאָר ווען ער איז דאָרטן ניטאָ טראַכט מען פון אים, בייַנקט מען נאָך אים, און די ערנסטע און טראַגישע סיטואַציעס גייען קיינעם ניט אָן. אמת, דער פריילאַכער חזן איז זאַך, דער באַליבטער טאַלאַנטפולער זאַך, מיט זיין מאַג־נעטישער פּערזענלאַכקייט. אָבער דער געניאַלסטער קאָמי־קער אין דער וועלט קען נאָר אַרויסרופן האַרציק געלעכטער, ווען ער איז אויף דער בינע, אָבער ניט אָפּמעקן די הויפּט־פּאַסירונגען פון אַ טראַגעדיע, ווען ער איז אויף דער בינע ניטאָ. זאַך האָט געשפּילט אין אַנדערע ערנסטע דראַמען, וואו ער איז געווען פונקט אַזוי קינסטלעריש חנ'עוודיק און מאַגנעטיש, ווי אין ריכטערס פּיעסע, אָבער ווען ער איז אַראָפּ פון דער בינע האָט ער נאָר מיטגענומען מיט זיך די פריוד, ניט די טראַגעדיע.

די דאָזיקע אומנאַטירלאַכע משונהדיקע דערשיינונג האָט נאָר געקענט געשען, ווייל אין דער טראַגעדיע איז ניטאָ קיין טראַגישער עלעמענט. ריכטער האָט געמיינט, אַז ער האָט געשריבן אַן ערנסטע דראַמע, אָבער ער האָט געשריבן איינע פון יענע טרויעריקע

ציַיטונגס-נייעסן, וואָס מענטשן לייענען יעדן טאָג און ווערן ניט אויפגעטרייסלט, לעבן ניט איבער קיין טיפע געפילן, ווייל זיי זיינען אומפאַרמיידלאַך, ווי דער טויט, ווי געבורטווייען. ס'איז ניטאָ אויף וועמען צו זיין אין כעס פאַר זיי, וועמען צו האַסן. זיי זיינען אין פראָגראַם פונם טאָג-טעגלאַכן לעבן. עס איז ניט מ ע ג ל אַ ך קיין לעבן אָן אַזעלכע ליידן, און דעריבער איז דער רחמנות אויפן ליידנדן ניט קיין טיפער, ניט אַזעלכער, וואָס קען לייטערן די נשמה. וואָרים וואָס קען דען אימיצער טאָן צו באַפרייען די מענטשן פון אַזעלכע ליידן? און דער שרעק, אַז אויך אונז קען אַזאַ אומגליק טרעפן שטערט ניט אונזער רו, ווייל מיר ווייסן דאָס זינט מיר זיינען געקומען צו אונזער באַוואוסטזיין. מיר ווייסן דאָס יעדע מינוט פונם טאָג. און מיר זיינען אַזוי איינגעלעבט מיט דעם דאָזיקן באַוואוסטזיין, אַז ער האָט אויפגעהערט צו זיין פאַר אונז אַ שרעק. און וואָס פאַר אַ נשמה-לייטערנדע ווירקונג קען אַזאַ שרעק האָבן אפילו ווען אימיצער רופט אים אַרויס אין אונז מיט אַ געוואַלדיקער קראַפט? קענען מיר דען עפּעס טאָן זיך צו באַוואָרענען פון אַזאַ אומגליק?

ווען אָנשטאָט אַ צ ו פ ע ל י ג פייער וואָלט דאָס פייער געווען געפלאַנט פון אַ שלעכטן מענטשן צוליב אַ בייזן צוועק, דעמאָלט וואָלטן מיר געהאַט אַ טראַגעדיע. עס וואָלט געווען אויף וועמען צו צאָרנען, וועמען צו האַסן. דער רחמנות אויפן קרבן וואָלט אויפגעטרייסלט די איידלסטע סטרונעס אין דעם צושויערס נשמה, ווייל דאָ וואָלט ער געזען אַ פּיינעם נאָבעלן מענטשן, וואָס ליידט דורך דער נידערטרעכטיקייט פון אַ פאַרדאָרבענעם מענטשן. און דער צושויער וואָלט איבערגעלעבט אַ טאָפּלטן לייטערנדן שרעק: דעם שרעק, אַז ער אַליין קען ווערן אַ קרבן פון אַזאַ אומגליק, און

דאָס וואָלט פאַרשטאַרקט און פאַרטיפט זיין רחמנות אויפן לײדנדן, ווייל די לײדן פונם העלד וואָלטן אים געוואָרן נ אָ ־ ע נ ט. זיי וואָלטן פאַרמישט געוואָרן מיט דעם געפיל פון אייגענע, פערזענלאַכע לײדן; און דעם שרעק אַז ער אַליין זאָל ניט אין אַ בייזער שעה ווערן איבערוועלטיקט פון זיינע שלעכטע נייגונגען און אַליין באַגיין אַ נידערטרעכטיקייט.

אָט דאָס קליינע פּינטעלע, דער „ווילעין“, האָט דעם כשוף־כח צו פאַרוואַנדלען אַ טאָג־טעגלאַכע טרויעריקע פּאַ־סירונג, פאַר וועלכע אונזערע הערצער זיינען פאַרהאַרטעוועט, אין אַ טיף־רירנדיקער נשמה־אויפטרייסלענדער טראַגעדיע, אַריינטראָגן אין איר רחמנות און שרעק, וואָס לייטערן די נשמה פונם צושויער און מאַכן אים פאַר אַ בעסערן, נאָבעלערן מענטשן.

עס טאָר ניט פאַרגעסן ווערן, אַז דער „ווילעין“ פון דער טראַגעדיע איז אַ בייזער כח, וועלכער קען גערופן ווערן צו פאַראַנטוואָרטלאַכקייט און פ ו ן ו ו ע ל כ ן ד י מ ע נ ט ש ה י י ט ק ע ן ז י ך ב אַ פ ר יי ע ן: אַ מענטש, אַ קלאַס, אַ גלויבן, די געזעלשאַפטלאַכע אָרדנונג, ניט אַ צע־שטערנדע אומבאַוואוסטזיניקע נאַטור־קראַפט, אָדער אַ צו־פעליקע אומפאַרמיידלאַכע קאַטאַסטראָפע.

עס טרעפן שיף־אומגליקן, פּונקט ווי עס טרעפן פייערן, אָבער ווען איבסען האָט אין „די זיילן פון דער געזעלשאַפט“ אַריינגעבראַכט אַ שיף, מיט וועלכער עס האָט געדאַרפט געשען אַן אומגליק, איז דאָס געווען אַ צעפוילטע שיף, וועלכע אַ גע־וויסנלאָזער מענטש, איינער פון די „זיילן פון דער געזעל־שאַפט“, האָט אַרויסגעשיקט, ו ו י ס נ ד י ק אַ ז ז י א י ז צ ע פ ו י ל ט. און עס האָט געטראָפן, אַז דער זון פון דעם געווויסנלאָזן מענטשן איז דורך געוויסע אומשטענדן, ניט

וויסנדיק פון זיין פּאַטערס נידערטרעכטיקייט, געוועזן איינער פון די פּאַסאַזשירן. „דאָס איז ניט דאָס אמתע לעבן, דאָס איז צוגעטראַכט“, וועלן אויסזעצן יענע רעאַליסטן, וואָס פאָדערן פונם דיכטער לעבן אין זיין פּשוטער רויער פאָרם. „דאָס איז דיכטונג“, וועלן מיר ענטפערן. „דאָס איז דאָס לעבן אידעאַליזירט, איבערגעשאַפן. אָט האָבן מיר אייך געוויזן אַ דראַמע מיט אַ פייער, וועלכע איז „לעבן ווי עס איז“, אמת לעבן, אָן אַ סימן פון „צוגעטראַכטקייט“, געשריבן ערלאַך, געוויסנהאַפט, און זעט דעם רעזולטאַט!“

דורך קאָפּירן דאָס לעבן ווערט ניט געשאַפן קיין קונסטווערק, און קיין קונסטווערק ווערט אויך ניט געשאַפן בלויז מיט אינטואיציע. דער דיכטער איז ניט קיין אויטאָמאַט, וואָס שאַפט בלויז מיט רוח הקודש. ער איז אויך אַ דיינקער און איז קלוג און שאַרפזיניק אין זיין אַרבעט, כאָטש אין אַנדערע זאַכן איז ער אָפט נאַאיוו און, אַמאָל, אפילו נאַריש. ער אַרבעט מיטן פאַרשטאַנד, פונקט ווי מיט זיין אינטואיציע, און „צוגעטראַכטקייט“ איז אַ גרויסע מעלה, ניט קיין חסרון, אין אַ קונסטווערק. נאָר דאָס „צוגעטראַכטע“ דאַרף זיין קינסטלעריש אויסגעאַרבעט.

אין טשעכאָווס בעסטער, רעאַליסטישער דראַמע, „דער קאַרשנגאָרטן“, טרעפט, אַז פונקט דער גרעפינס פריערדיקער משרת, דער כאַמולע, וואָס האָט ניט געוואַגט איבערצוטרעטן די שוועל פון דער גרעפינס גאַסט-צימער, ווערט דער באַלעבאָס פונם הויז מיט דעם קאַרשנגאָרטן, וואָס איז דער גרעפין אַזוי טייער. דאָס איז ניט דאָס פּשוטע, אמתע לעבן. דאָס איז צוגעטראַכט. די גיטער פון די אַראָפּגעקומענע פּריצים ווערן ניט געוויינלאַך אָפּגעקויפט פון די כאַמולעס, וואָס זיינען געווען ביי זיי הויז-דינער. אָבער דאָס איז קינסטלערישע צו-

געטראַכטקייט, דאָס לעבן אידעאַליזירט און איבערגעשאַפן. טשעכאָוו האָט אונז געוואָלט ווייזן אין דער פּערזאָן פון דעם כאַמולע, דעם „ווילעין" פון דער דראַמע, די אויפקומענדע בורזשואַזי, וועלכע שטויסט אַרויס די אַריסטאָקראַטיע פון איר פּאָזיציע, און כדי צו מאַכן די ליידן פון דער העלדין נאָך שאַרפער, האָט ער אויסגעקליבן פאַר דעם פאָרשטייער פון דער בורזשואַזי איר פריערדיקן משרת. אָבער דאָס איז נאָר א טראַגעדיע פאַר די וואָס סימפּאַטיזירן מיט דעם קלאַס, וואָס די העלדין איז זיין פאָרשטייערין. פאַר די וועלכע סימפּאַטיזירן ניט מיט דער העלדינס קלאַס, איז די גאַנצע דראַמע ניט מער ווי אַ שטיק היסטאָריע, שיין און קינסטלעריש געשילדערט, אָבער ניט קיין טראַגעדיע, ווייל דער העלדינס ליידן זיינען אונז ניט נאָענט און דער „ווילעין" איז פאַר אונז אין דעם פאַל קיין „ווילעין" ניט.

.24

קאָמעדיע, העכערע און נידעריקערע פאָרמען.

מיר האָבן געזאָגט אין אונזער לעצטן קאַפּיטל, אַז „די קאָמעדיע שטרעבט צו מאַכן דעם מענטשן קליגער, דעריבער ווענדט זי זיך צום מענטשנס פאַרשטאַנד".

דאָס איז אָבער נאָר אמת וועגן דער קאָמעדיע פונם העכערן סאָרט, די קאָמעדיע, וועלכע האָט אַ וויכטיקע אידייע; וועלכע לאַכט אָפּ אין אַ קינסטלערישער פאָרם פון אַן אָבערגלויבן, פון אַ געזעלשאַפטלאַכן צושטאַנד, פון מענטשלאַכע שוואַכקייטן, פאַר וועלכע דער מענטש איז פאַראַנטוואָרטלאַך און קען און דאַרף זיך פון זיי באַפרייען. עס איז אָבער

אויך דאָ אַ מין קאָמעדיע, וואָס, כאָטש דאָס איז ניט איר שטרעבונג, איז עס אָבער איר ווירקונג, צו מאַכן דעם מענטשן נאַרישער, און זי ווענדט זיך צום פלאַכן, אומסימפּאַטישן, פאַרגרעבטן אין מענטשן. דאָס איז די קאָמעדיע, וועלכע לאַכט אָפּ פון מענטשלאַכע פעלער, פאַר וועלכע דער מענטש איז ניט פאַראַנטוואָרטלאַך און ער קען זיך פון זיי ניט באַפרייען; פעלער, וועלכע זיינען נאָר לעכערלאַך פאַר אַ פלאַכן, אומוויסנדן מענטשן, אָבער דער איידעלער מענטש זעט אין זיי, וואָס זיי זיינען אין דער ווירקלאַכקייט: אַ שטראָף, אַן אומגליק. צום ביישפּיל: דאָס אַרויספירן אויף דער בינע אַ קרומען, אַ טויבן, אַ האַלב שטומען, אַן אידיאָט. דאָס אָפּלאַכן פון אַזעלכע און ענלאַכע פעלער איז קאָמיזם פונם נידעריקסטן, פלאַכסטן סאָרט, און דאָס מיטלאַכן מיטן אָפּלאַכער איז נידעריקע און גראָבע אונטערהאַלטונג.

מיר האָבן געוויזן אין לעצטן קאַפּיטל, אַז ניט אַלעס וואָס רירט צו טרערן איז אַ טראַגעדיע, אַזוי איז אויך ניט אַלעס וואָס רופט אַרויס געלעכטער — קאָמעדיע. קונדייסים לאַכן און אַמוזירן זיך, ווען זיי צווינגען אַ אינגעל, וואָס הינקט אויף אַ פוס, ער זאָל טאַנצען פאַר זיי, אָדער ווען זיי נעמען אַ שוואַך אינגל און וואַרפן אים פון איינעם צום אַנדערן, אָדער צווינגען אים צו טאָן זאַכן, וואָס דערנידעריגן אים. אַ פאַרגרעבטער מענטש לאַכט און אַמוזירט זיך ווען ער גיט אימיצן אַ שנעל אין אויער, בריט אים אָפּ מיט אַ ציגאַרעט, שלעפּט אַוועק דעם שטול פון אים, ווען ער וויל זיך זעצן — אָפּט טרעפט, אַז מענטשן וואָס זיינען דערביי לאַכן פון דער גרויסער חכמה, אָבער די אַלע געלעכטערס און אונטערהאַלטונגען פון דעם מין זיינען באַרבאַריי, סאַדיזם, סתם אידיאָטסטווע, אָבער ניט קאָמעדיע.

קאָמעדיע איז ניט אַ האַנדלונג פון וועלכער מענטשן לאַכן. ס׳איז דאָ אַ פּערדיש געלעכטער, אַ דעגענערירט געלעכטער, אַ היסטעריש געלעכטער. קאָמעדיע איז אַ האַנדלונג, ביי וועלכער מענטשן לאַכן און אונטערהאַלטן זיך און ווערן דערביי קליגער און נאָבעלער.

דאָס איז דער העכסטער סאָרט קאָמעדיע, און צו איר גייען מיר צו מיט דערזעלבער מאָס פון קריטיק, ווי צו דער טראַגעדיע. מיר פאָדערן פון איר וואַרשיינלאַכקייט און לאָגישע נויטווענדיקייט אין יעדן טייל פון דער האַנדלונג, און די גאַנצע האַנדלונג מוז האָבן אָרגאַנישע איינהייט און אַרויסוואַקסן פון איר פונדאַמענטאַלער אידייע, ווי אַ בוים וואַקסט אַרויס פון דעם קערנדל.

דער בעסטער ביישפּיל פון אַזאַ קאָמעדיע, איז גאָגאָלס „רעוויזאָר". די פונדאַמענטאַלע אידייע פון דער פּיעסע איז די צעפּוילטקייט און נידעריקע אינטעליגענץ פון די רעגירונגס באַאַמטע. אַלע קאָמישע סיטואַציעס קוועלן אַרויס פון דעם שרעק פון די „טשינאָווניקעס" פון אַ שטאָט, וועלכע זיינען אַלע גנבים און כאַבאַרניקעס. אַז עס וועט קומען אַ רעוויזאָר צו אונטערזוכן זייערע מיאוסע מעשים. מען קאַטשעט זיך פון געלעכטער פון מענטשלאַכער פאַרדאָרבנקייט, פון מענטשלאַכע שוואַכקייטן, פאַר וועלכע דער מענטש איז פאַראַנטוואָרטלאַך און פון וועלכע ער קען און דאַרף זיך באַפרייען. ניט פון דעם וואָס אַ מענטש איז טויב, אָדער קרום, אָדער האָט אַן אַנדער פעלער, פאַר וועלכן ער קען ניט טראָגן קיין פאַראַנטוואָרטלאַכקייט.

.25

די שטיפעריי.

עס איז אויך דא אומשולדיקע קאמעדיע. א האנדלונג, וואס איז סתם א שטיפעריי. מען ווערט פון איר ניט קליגער און נאבעלער, אבער אויך ניט נאריש און פאר־גרעבט. מען אמוזירט זיך און מען לאכט הארציק פון מענטש־לאכע שוואכקייטן און פעלער, וואס זיינען ניט קיין אומגליק און גיבן נאך אפט צו, דעם וואס באזיצט זיי, א געווינסן חן, א געווינסע אינטערעסאנטקייט. ווי, למשל, קאמישע סיטו־אציעס וואס וואקסן ארויס פון לייכטזיניקייט, קאקעטעריי, בארימעריי, נאאיוויטעט; פון דער נאטור פונם יונגען דור זיך צו האלטן פאר אלוויסנד; פון דער שוואכקייט פון על־טערע מענטשן צו גלויבן און מאכן גלויבן אנדערע, אז זיי זיינען נאך יונג און פול מיט לעבן. צו דעם סארט קאמעדיען וואס באצוועקן ניט מער ווי לייכטע שטיפעריי, באציט זיך ניט די קריטיק מיט דערזעלבער שטרענגער מאס, ווי צו א קאמעדיע, וואס איז א סאטירע אויף א קלאס, א געזעלשאפט־לאכן צושטאנד, ווי „רעוויזאר“ און אנדערע סאטירישע קא־מעדיען. מען פאדערט ניט פון איר די שטרייננגסטע ווארשיינ־לאכקייט און לאגישע נויטווענדיקייט פון דער סאציאַ־לער קאמעדיע, ווארים די לעצטע גייט ארויס אטאקירן די געזעלשאפט, אדער א קלאס אין דער געזעלשאפט, און ווי באלד זי באגרינדעט ניט גענוג אירע באשולדיגונגען, אדער איבערטרייבט די פעלערן, וואס זי זעצט אוים איבער יעדער מאס, איז עס א בלבול, א פאסקוויל אויף דער געזעלשאפט

אָדער אויף אַ קלאַס. דעריבער מוזן מיר אָנווענדן אויף איר די שטרענגסטע קריטישע מאָס. די קאָמעדיע, וואָס באַצוועקט בלויז לייכטע שטיפעריי, אַטאַקירט ניט קיינעם. זי איז אַ גוטמוטיקער שפּאַס איבער אַזעלכע לייכטע מענטשלאַכע פעלער, וואָס קיינער נעמט ניט זייער ערנסט און אפילו דער וואָס באַזיצט דעם פעלער קען אויך גוטמוטיק מיטלאַכן. דעריבער מוז אין דעם ניט זיין קיין שטרענגע וואַרשיינלאַכקייט און לאָגישע נויטווענדיקייט. אָבער זי איז ניט אינגאַנצן פריי פון וואַרשיינלאַכקייט און לאָגיק. די סיטואַציעס מוזן זיך לאָזן גלויבן און יעדער כאַראַקטער מוז זיין אויסגעהאַלטן, ווי איבערטריבן און עקסצענטריש ער זאָל ניט זיין. אָן אויסגעהאַלטנקייט און לאָגיק איז ניטאָ קיין קונסט. אין דער קונסט איז אפילו אין משוגעת דאָ אויסגעהאַלטנקייט און לאָגיק.

.26

בורלעסק.

בורלעסק, אָדער פּאַיאַצן־שפּיל, איז דער נידעריקסטער סאָרט קאָמיזם. אַלץ איז איבערטריבן, גראָטעסק, קאַריקאַטורמעסיק. אָבער אין דער צייט וואָס די קאַריקאַטור, אָדער דער שאַרזש, קען זיך דערהויבן צו דער העכסטער קונסט, (ווי דאָס וועט באַוויזן ווערן אין אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל), קען דאָס דער בורלעסק קיין מאָל ניט דערגרייכן, ווייל אין דעם בורלעסק איז דער עיקר דאָס פּאַיאַצישע שפּילן און אין דעם שאַרזש איז דער עיקר די קאָמישע סיטואַציע. אין לעבן לאַכט מען מיט דעם קלוגן און פון דעם נאַר. דאָ ליגט דער אונטערשייד צווישן העכערן

און בילינגערן קאָמיזם. אין דעם בורלעסק איז דער קאָמיקער פאַר אונז אוממיטלבאַר און אויסשליסלאך די פּערזאָן פון וועלכער מיר לאַכן. מיר לאַכן, ו ו י י ל ע ר א ל י י ן איז ק אָ מ י ש. ער איז פאַר אונז ניט קיין אָפּשפּיגלונג פון אימיצען, ניט קיין סאַטירע איבער אימיצן. ער איז פאַר אונז ע ר א ל י י ן. אין דעם שאַרזש לאַכן מיר מ י ט דעם קאָמיקער. מיר טיילן אים אָפּ אין אונזער געדאַנק פון דעם וואָס ער שטעלט פאָר און לאַכן מ י ט אים פון די לעכערלאַכקייטן און פאַלשקייטן און שוואַכקייטן פון אַנדערע.

אין דעם שאַרזש איז דער עיקר ו ו אָ ס עס ווערט געזאָגט, אָדער געוויזן. מיר וועלן לאַכן אויך ווען מיר וועלן ל י י ע נ ע ן דעם טעקסט. אין דעם בורלעסק איז דער עיקר ו ו י עס ווערט געזאָגט און געוויזן. אָן דעם פּאַיאָץ איז ניטאָ קיין געלעכטער. ניט די סיטואַציע, נאָר די תנועות פונם פּאַיאַץ, זיינע משוגענע שטיק, זיינע שפּרינגערייען, זיינע קאַזשלקעס רופן אַרויס געלעכטער. ער איז ניט קיין כאַראַקטער. מיר לאַכן אויסשליסלאך פ ו ן א י ם. אָן סיטואַציע און כאַראַקטער איז ניטאָ קיין דיכטונג און אָן דיכטונג איז ניטאָ קיין דראַמאַטישע קונסט.

קאָמיזם מיינט ו ו י ד ע ר ש פּ ר ו ך, צ ע ש ט ע ר ו נ ג פ ו ן ג ל י י כ ג ע ו ו י כ ט. אין ביעלינסקיס ווערטער: „אַ לאַגע, וואו דער פאַקט איז אין ווידערשפּרוך מיט דער אידייע". דאָס הייסט, מיט דעם ווי עס ד אַ ר ף זיין.

איינער האַלט אין איין שרייען אַז ער איז אַ גבור און — אַנטלויפט, ווען אַ שוואַכער מענטש שטעלט זיך אַנטקעגן אים מיט אַ קולאַק; אַן אויפגעקומענער גביר, אַ גראָבער יונג, קוועטשט פון זיך דעם אַריסטאָקראַט.

אין דער קאָמעדיע און אין דעם שאַרזש איז דער קאָמי־קער אַ ביישפּיל פון ווידערשפּרוכן אין לעבן. אין דער בורלעסק איז דער קאָמיקער אַליין דער ווידערשפּרוך. ער ווייזט אונז ניט דאָס קאָמישע אין לעבן. ער איז אַליין דאָס קאָמישע.

נאָך אַ וויכטיקער אונטערשייד איז דאָ צווישן דעם הע־כערן און ביליגערן קאָמיזם. דער העכערער קאָמיזם רופט אַרויס צוזאַמען מיטן געלעכטער אויך פאַרדרוס. ווען מיר לאַכן פון אַ ווילדן געזעלשאַפטלאַכן צושטאַנד, פון אַ היפּאָ־קריט, פון אַן אידיאָטישן הערשער אָדער כלל-טוער, ערגערט אונז אין דער זעלבער צייט פאַרוואָס דאָס איז אַזוי. דער ני־דעריקערער קאָמיזם רופט אין אונז אַרויס נאָר געלעכ־טער, אָן אַ צומיש פון פאַרדרוס.

דער צומיש פון פאַרדרוס דערהויבט די קאָמעדיע צו דער הויך פון טראַגעדיע. ער ווירקט ווי דער רחמנות און שרעק פון דער לעצטער: ער לייטערט די געפילן פונם צושויער און מאַכט אים ניט נאָר קליגער, נאָר אויך נאָבעלער און בעסער.

אָבער דער קלאָרסטער אונטערשייד צווישן העכערן און נידעריקן קאָמיזם ליגט אין די כאַראַקטערן פון דער קאָמעדיע.

די העכערע קאָמעדיע האָט צו טאָן מיט פּערזאָנען, וואָס זיינען העכער ווי דער דורכשניט. די נידעריקע קאָמעדיע פאַרנעמט זיך מיט פּערזאָנען, וואָס זיינען נידעריקער ווי דער דורכשניט.

און דאָס איז די אורזאַכע וואָס אַן אומאינטעליגענט פּוב־ליקום אַמוזירט זיך שטענדיק מיט נידעריקער קאָמעדיע. דער פּשוטער מענטש האָט ליב צו פילן, אַז ער איז העכער, קליגער, ווי די מענטשן אויף דער בינע.

.27

שונד און דיכטונג.

עס ווייזט זיך אויס, אַז דער אונטערשייד צווישן שונד און אמתע דיכטונג איז אַזוי קלאָר, און אַז די פאַרדאַרבנדע ווירקונג פון שונד, סיי פון עסטעטישן, סיי פון פּראָגרעסיוון שטאַנדפּונקט איז אַזוי בולט, אַז עס איז גאָר ניט נויטיק צו ריידן אַ וואָרט וועגן דעם.

אָבער אַלע וואָס אינטערעסירן זיך מיט דעם ענין ווייסן, אַז אין די לעצטע פאַר יאָר זיינען אין אונזער פּרעס אויסגע־דריקט געוואָרן די אומגלויבלאַכסטע מיינונגען וועגן דער פראַגע, און דוקא פון מענטשן, וואָס שרייבן און האַלטן פאַר־לעזונגען וועגן ליטעראַרישע און קולטורעלע ענינים.

חיים ליבערמאַן, וועלכער שרייבט עסייען איבער פילאָ־זאָפן און בעלעטריסטן און דיכטער, איז אַרויסגעקומען מיט אַ טענה, למאי מען באַליידיקט שונד. ס'איז גאָרניטאָ, האָט ער געזאָגט, אַזאַ שאַרפע ליניע צווישן שונד און ליטעראַטור.

די דאָזיקע דערקלערונג האָט אַרויסגערופן מינדלאַכע און שריפטלאַכע דיסקוסיעס, און ליבערמאַנס שטאַנדפּונקט האָט געהאַט אַ סך אָנהייגנגער. איך האָב אין יענער צייט דיס־קוטירט די פראַגע מיט אַ שריפטשטעלער, וואָס אַגיטירט סאָציאַליזם איבער צוואַנציק יאָר, האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן:

פאַרוואָס זאָל דאָס פאָלק ניט זיין באַרעכטיקט צו אַ ראָ־מאַן און אַ פּיעסע, וואָס זיינען צוגעפאַסט צו זיין געשמאַק און אינטעליגענץ?"

איך בין דערשטוינט געוואָרן. איך וואָלט קיינמאָל ניט געגלויבט, אַז אַ מענטש, וואָס פּריידיקט ראַדיקאַלע און פּו״אַ־גרעסיווע אידייען איבער צוויי צענדליק יאָר, זאָל קענען שטעלן אַזאַ פראַגע.

ער האָט זיך אָנגענומען פאַרן „רעכט״ פונם פאָלק צו באַפרידיקן זיינע באַדערפעניששן פאַר בעלעטריסטיק און טע־אַטער אויף אַ וואולגאַרן, גרילצנדיקן, עם־האַרצישן אופן!

ער האָט ניט אָנגעהויבן זען, אַז פונקט ווי מ׳דאַרף אַנטוויקלען דעם פשוטן מענטשנס אינטעליגענץ אין פּאָליטיש עקאָנאָמישע פראַגן, כּדי די פּאָליטישע עקאָנאָמיע פון קו־לידזשן און מעמעני זיינען פולשטענדיק צוגעפּאַסט צו זיין געשמאַק און זיין אינטעליגענץ, אַזוי דאַרף מען אויך זוכן אויפצוהויבן זיין געשמאַק און אינטעליגענץ אין זיינע באַ־דערפעניששן פאַר אַ ראָמאַן און אַ טעאַטער פאָרשטעלונג. און אַז דער אופן ווי ער באַפרידיקט זיי־נע קונסט באַדערפעניששן באַאיינפלוסט זייער שטאַרק זיין פעאיקייט אויפ־צונעמען אַ ראַדיקאַלן און פּראָגרע־סיוון געדאַנק.

דאָ ניט לאַנג האָט ש. ניגער געמאַכט אַ דערקלערונג, אַז ער האָט ניט וואָס צו זאָגן וועגן שונד.

אַ מענטש וואָס רעדט און שרייבט כּסדר וועגן ליטעראַ־טור און קולטור און דערציאונג, האָט ניט וואָס צו זאָגן וועגן שונד — אַזוי ווי דאָס וואָלט גאָר ניט געהאַט קיין שייכות מיט די ענינים, וועגן וועלכע ער שרייבט און רעדט עטלאַכע מאָל אַ וואָך.

עס איז דעריבער נויטיג, ניט בלויז צוליב דעם ענין טע־אַטער, נאָר אויך צוליב די פאַרשיידענע קולטורעלע אַרבעטן,

אין וועלכע מיר זיינען פּאַראינטערעסירט, אַנצואווייזן אויף דעם געוואַלדיקן אונטערשייד צווישן שונד און דיכטונג, סיי פונם שטאַנדפּונקט פון קונסט, סיי פונם שטאַנדפּונקט פון זייער איינפלוס אַלס געזעלשאַפטלאַכע פאַקטאָרן.

פריער אַ פּאָר ווערטער וועגן דער משונהדיקער באַהויפּ־טונג, אַז עס איז ניטאָ קיין שאַרפע ליניע צווישן שונד און אמתע דיכטונג:

די נשמה פונם דיכטער קומט פון אַ גאַנץ אַנדער היכל ווי די נשמה פונם שונד־שרייבער, און די כחות וואָס רעגן זיי אָן צום שרייבן פליסן פון צוויי גרונט־פאַרשיידענע קוואַלן.

דער דיכטער, דער אמתער קינסטלער, איז אַ מענטש מיט שאַרפע, אָנגעצויגענע נערוון. ער איז שטענדיק אויפ־גערעגט, שטענדיק קאָכט און שטורמט אין זיין נשמה. ער לעבט מיטן לעבן פון דער גאַנצער מענטשהייט. אַלעס אינ־טערעסירט אים. יעדער אומרעכט ערגערט אים, יעדע פּראָבלעם גיט אים ניט קיין רו, יעדע קאָמישע און זינלאָזע געזעלשאַפטלאַכע לאַגע רופט אין אים אַרויס גיפטיק געלעכ־טער. ער איז אַ נביא און אַ דיינקער, נאָר זיינע געדאַנקען און געפילן ווערן אין זיין פאַנטאַזיע פאַרקערפּערט אין בילדער. ער איז אַ ז ע ע ר. אַן אינערלאַכער דראַנג טרייבט אים אויסצודריקן וואָס ער פילט און זעט. דער דאָזיקער אינער־לאַכער דראַנג איז זיין באַגייסטערונג, זיין רוח הקודש.

אָבער ווען ער זעצט זיך אַוועק שרייבן, הויבן זיך ערשט אָן פּאָר אים חבלי לידה. ער דאַרף בייקומען אַלערליי שוועריקייטן: פון פאָרם, פון קאָנסטרוקציע, פון אויסדרוק. וואָרים זיין נשמה איז פול מיט שיינקייט, און די שיינקייט זוכט אויס־דרוק פונקט ווי זיין ז ע א ו נ ג. אין זיין וואָרט מוז זיין

ריטם, בילדלאַכקייט. אין זיין קאָנסטרוקציע מוז זיין פּראָ־
פּאָרציע און האַרמאָני. האַרמאָני צווישן דער אידייע און דעם
בילד וואָס פאַרקערפּערט זי און צווישן די פאַרשיידענע טיילן
פונם בילד. פּראָפּאָרציע אין דער שילדערונג פון די כאַ־
ראַקטערן. ניט איבערמענטשלאַך גוט, ניט איבערמענטשלאַך
שלעכט; ניט איבערמענטשלאַך קלוג, ניט אונטער דעם ני־
דעריקסטן דורכשניט נאַריש. וואָרים דער מענטש, וואָס איז
איבערמענטשלאַך גוט, אָדער קלוג, איז קיין מענטש ניט. און
דער מענטש, וואָס איז אוממענטשלאַך שלעכט, אָדער אונטער
יעדן דורכשניט נאַריש, איז קיין מענטש ניט. זיי זיינען ניט
קיין טיפּן, קיין כאַראַקטערן. דער ערשטער קען ניט זיין
קיין מוסטער פון מענטשלאַכער נאָבלקייט און חכמה, דער
צווייטער קען ניט זיין קיין מאַטעריאַל פאַר פאַרדאַמונג, פאַר
אָפּלאַכונג, פאַר סאַטירע, פאַר שאַרזש. זיי עקזיסטירן
ניט. זיי זיינען דאָן קיכאַטס ווינטמילן. זיי זיינען ניט
קיין גוזמאס. זיי זיינען משונהדיקע אידיאָטישע ליגנס.
און ביידע זיינען ניט עסטעטיש, ניט שיין. וואָרים אַלץ,
וואָס האָט ניט, ביז אַ געוויסן גראַד ווייניקסטנס, קיין פּראָ־
פּאָרציע, וואָס איז שרייענדיק אומגעלומפּערט, איז אַן עקל־
האַפטע פאַרזעעניש. דאָס קען דער דיכטער ניט איבער־
טראָגן, און ביי יעדן טריט מוז ער זיך היטן פאַר די אומעס־
טעטישע גריבער און שטרויכלונגען, וואָס ליגן אויפן וועג פון
זיין אַרבעט. ער שלאָגט זיך אָן אויף די דאָזיקע שטרויכ־
לונגען ניט נאָר ביים כאַראַקטעריזירן, ניט נאָר אין דער טעכ־
ניק פון דער קאָנסטרוקציע, נאָר אויך אין וואָרט, אין אויס־
דרוק. אַ וואָרט פון לויב, אָדער פאַרדאַמונג, וואָס איז אַרויס
פון פּראָפּאָרציע, גיט אים אַ גרילץ אין אויער, גיט אַ גראַבל
זיין עסטעטישן געפיל, און ער מוז עס אויסשטרייכן און גע־

מינען אַן אַנדער וואָרט, דאָס ריכטיקע, דאָס פּאַסנדיקע וואָרט, וועלכעס איז אָפט שווער צו געפינען.

דעם שונד־שרייבער אַרן ניט קיין געזעלשאַפטלאַכע פּראָבלעמען, קיין געזעלשאַפטלאַכע אומרעכטן — דער קאַמף און די מאַטערנישן פון דער מענטשלאַכער נשמה. ער ווערט קיינמאָל ניט באַגייסטערט. ער האָט ניט קיין אינערלאַכן דראַנג. ער האָט די פיאיקייט צו דערציילן אַ מעשה, וואָס קען אינטערעסירן מענטשן מיט מחות פון צען־יעריקע קינדער, זעצט ער זיך אַוועק און פלעכט און דרייט, טראַכט צו איין אַטמאָספאַרכאַפנדיקע פאַסירונג נאָך דער אַנדערער, און אַזוי שטוקעוועט ער צענויף אַ געשיכטע וואָס קען פאַראינטערעסירן און פאַרכאַפּן דערוואַקסענע מענטשן, וועלכע קענען זיין גאַנץ פיאיקע סוחרים, אָדער דאָקטוירים, אָבער אין קונסט־ענינים קען זיי יעדער פּאָקוסניק אריינגנאַרן אין זאַק אריין.

ביים שונד־שרייבער גייט די אַרבעט שנעל און עס קומט אים אָן זייער גרינג. ער האָט ניט קיין חבלי לידה, וואָרים אין זיין נשמה איז ניטאָ קיין שיינקייט וואָס רייסט זיך אַרויס־צוגיין און זיך באַקליידן אין אַ פּאַסנדיקער פאָרם. ער ווערט ניט געמאַטערט פון אַזעלכע פוסטע איבעריקע זאַכן, ווי האַר־מאָני, פּראָפּאָרציע, ריטם, ניט אין עסטעטישן זין און ניט אין זין פון לאָגיק און גערעכטיקייט, וועלכע זיינען צו עס־טעטיק די צווייטע זייט פון דערזעלבער מטבע: די ערלאַכע וואָג און מאָס, דער גאָלדענער מיטלוועג.

זיינע פּערזאָנען זיינען פאַרזעענישן, פאַרזעענישן פון גוטסקייט, אָדער פון פאַרדאָרבנקייט. פאַרזעענישן פון קלוג־שאַפט אָדער פון נאַרישקייט. אומעסטעטיש און אומלאָגיש איז די קאָנסטרוקציע, אָן אַ זין פאַר האַרמאָני, פאַר לאָגיק, פאַר וואַרשיינלאַכקייט זיינען צענויפגעוואָרפן סצענעס, סיטו־

אַציעס, איבעררַאשונגען, ווי אַ הויז וואָס איז צענויפגעשטעלט פון צעפוילטע מאַטעריאַלן, אַן אַ פּלאַן און אָן אַ טאַלק. און אַזאַ מין זינלאָזיקייט און אומעסטעטישקייט פילט זיך אויך אין וואָרט, אין דעם אויפבוי פונם זאַץ, און אין דער צונויפ־בינדונג פון זאַצן.

איך האָב דאָ אוועקגעשטעלט דעם שונד־שרייבער פונם נידעריקסטן סאָרט, ווייל אַזעלכע באַהערשן ביי אונז, צו אונ־זער גרויסער שאַנד, ניין־צענטל פון אונזערע טעאַטערס. ביי די גוים זיינען דאָ העכערע שונד־שרייבער, די שפּראַך איז שענער, קינסטלערישער. די קאָנסטרוקציע פון דער האַנד־לונג, די געביידע, איז פּלאַנמעסיקער און אָנגענעמער פאַר'ן אויג. די צעפוילטע ווענט זיינען באַצויגן מיט פיינעם שפּאַ־ליר, דער איינפאַלנדיקער סופיט איז שיין אָפּגעפאַרבט. די האַנדלונגען פון די פּערזאָנען שטראַמען ניט אַרויס אויף אַ נאַטירלאַכן אופן פון זייערע כאַראַקטערן. זיי האָבן ניט קיין באַשטימטע כאַראַקטערן מיט זעלבסטשטענדיקע ווילנס. דער פאַרפאַסער מוז זיי ביי יעדער געלעגנהייט אונ־טערשטופּן און מושטירן, אָבער זיי זיינען ניט קיין פּערזע־ענישן. דאָך, ווי שיין פאַרפּוצט און פאַרגלעט די געביידע און אַלץ וואָס אין איר זאָל ניט זיין, זעט אַלץ דאָס געניטערע אויג, אַז די געביידע שטייט אויף הינערשע פיסלאַך, אַז די מענטשן זיינען אויטאָמאַטן, און אַז די גאַנצע אַרבעט איז ניט אַרויסגערופן געוואָרן פון קיין אינערלאַכן דראַנג צו פאַר־קערפּערן אַן אידייע, אַן אמת פון אַ וויכטיקער סאָציאַלער, אָדער פילאָזאָפישער באַדייטונג, אין אַ קינסטלערישער פאָרם. נאָר דער איינציקער צוועק פון פאַרפאַסער איז געווען אוועק־צושטעלן אַ סיטואַציע וואָס קען אַרויסרופן פאַרכאַפּנדיקן אינטערעס, אָדער טיפן מיטגעפיל, אָדער שטורמדיקן געלעכ־

טער, אין דערוואַקסענע מענטשן, וואָס זייער אינטעליגענץ און געשמאַק פאַר קונסט און ליטעראַטור איז ניט העכער אַנטוויקלט ווי ביי צען יעריקע קינדער.

פאַר דעם אינטעליגענטן מענטשן, מיט אַ מער אָדער ווייניקער אַנטוויקלטן עסטעטישן געפיל, איז דער גרויסער, געוואַלדיקער אונטערשייד צווישן דער שאַפונג פון אַ דיכ־טער און דער צענויפגעלאַטעטער אַרבעט פון אַ שונד־שריי־בער — אפילו פונם בעסטן, אַזוי בולט, אַז ער וואַרפט זיך אין די אויגן. ער אָטעמט אַרויס פון יעדער שורה, פון יע־דער סיטואַציע, פון יעדער האַנדלענדער פּערזאָן און פונם גאַנצען אויפבוי פון דער האַנדלונג. צו זאָגן, אַז עס איז ניטאָ קיין שאַרפע ליניע צווישן קינסטלערישע ליטעראַטור און שונד־אַרבעט איז צו זאָגן, אַז אַן אינטעליגענטער מענטש ווייס ניט זען דעם אונטערשייד צווישן אַן אמת און אַן אומ־געלומפּערטן ליגן. אַז אַ מענטש מיט אַן עסטעטישן געפיל ווייס ניט זען דעם אונטערשייד צווישן שיינקייט און מיאוס־קייט. און עס פאַרשטייט זיך, אַז דער וואָס שרייבט וועגן ליטעראַטור און קונסט, דער קריטיקער, דער עסייאיסט, דאַרף באַזיצן ביידע, אי די אינטעליגענץ, אי דאָס עסטעטישע גע־פיל, אַז ניט איז ער אַליין אַ שונד־שרייבער.

וואָרים עס זיינען דאָ שונד־קריטיקער, פונקט ווי שונד־פאַרפאַסער.

ווען אַ קריטיקער איז אַ ווילדער בעל־גוזמא, האָט ניט קיין זין פאַר פּראָפּאָרציע, פאַר אויסגעהאַלטנקייט, פאַר לאָ־גיק; ווען ער פאַרטיידיקט זיין שטאַנדפּונקט מיט תירוצים וואָס שטייען אויף הינערשע פיסלאַך, ניט רעכענענדיק זיך מיט דער אינטעליגענץ פונם לעזער; ווען ער זאָגט היינט אַרויס איין מיינונג, און מאָרגן פונקט דעם היפוך, אַרויס־

ווייזנדיק די וואולגאַרסטע פאַראַכטונג פאַרן לעזערס זכרון; ווען פון זיינע ארויסגעזאָגטע מיינונגען טאָרטשען אַרויס אומאויפריכטיקייט, הפקרדיקע אומפאַראַנטוואָרטלאַכקייט, סאַי צו דער זאַך וואָס ער באַהאַנדלט, סאַי צו זיין אייגענער מיסיע — איז ער אַ שונד־קריטיקער. אַזאַ מין קריטיק באַווייזט, אַז דעם שרייבער פעלט סאַי דאָס עסטעטישע געפיל, סאַי דער זין פאַר גערעכטיקייט און וואַרשיינלאַכקייט — די צוויי עלעמענטן, וואָס זיינען דער לעבנס־אָטעם פון קונסט. קען נאָך זיין אַ ווייניקער פאַסנדיקע פערזאָן צו שרייבן וועגן ליטעראַטור און טעאַטער, ווי אַזאַ קריטיקער? קען אַ טויבער שרייבן וועגן מוזיק און אַ בלינדער וועגן פאַרבן?

אָבער ביי אונז שרייבט מען אַזוי קריטיק.

אין זיין פאַראַכטונג, אָדער אומבאַוואוסטזיניקער שנאה צום דראַמאַטורג (אָפט כעסט זיך אין אַ קריטיקער אַ אימפאָטענטער דראַמאַטורג) ערלויבט זיך דאָקטאָר מוקדוני אין זיין בוך „טעאַטער“ צו מאַכן די אומפאַראַנטוואָרטלאַכע באַהויפּטונג, אַז שעקספּיר האָט געשריבן גוטע דראַמען, ניט ווייל ער איז געווען אַ באַגאַבטער דראַמאַטורג, נאָר ווייל ער איז געווען אַן אַקטיאָר. וואָרים ס'איז דאָך ידוע, אַז יעדער אַקטיאָר איז אַ שעקספּיר! דערזעלבער קריטיקער לויבט פריער אין פאַרשיידענע רעצענזיעס עטלאַכע ווערק פון אידישע דרמאַטורגן און האָט טענות צו די טעאַטער־דירעקטאָרן, פאַר וואָס זיי פירן ניט אויף אַזעלכע אויסגעצייכנטע טעאַטראַלישע שאַפונגען, און דערנאָך, ריידנדיק וועגן סעקלערס דראַמען, פאַר וועלכע ער האָט אויסגעשעפּט דעם גאַנצן קוואַל פון לויב־געזאַנגען, פאַרגינט ער זיך צו מאַכן די באַהויפּטונג, אַז אונזערע דראַמאַטורגן הויבן ניט

אַז צו פאַרשטיין די בינע, און ווען זיי ר י י ד ן וועגן טע־אַטער „דאַרף מען באַהאַלטן דאָס פּנים פאַר בושה“.

מען קען ברייננגען הונדערטער ביישפּילן פון דעם מין שונד־קריטיק, וואָס גרילצט אין די אויערן און באַליידיקט יעדעם פיינערע געפיל מיט איר אומעסטעטישקייט און אומ־זיניקייט. אָבער איך וועל ברייננגען בלויז נאָך איין ביישפּיל, וועלכער איז זייער נויטיק פאַר דעם ענין וואָס ווערט דאָ באַהאַנדלט.

דער קריטיקער פון אַ טעגלאַכער ציימונג קען ניט אַרויסזאָגן זיין אויפריכטיקע מיינונג וועגן יעדער וויסטער מח־פאַרטעמפּנדיקער אומזיניקייט, וואָס ווערט אויפגעפירט אין די אַלץ־צוליב־געשעפט טעאַטערם; איז דאָס זיין טראַגעדיע — די טראַגעדיע פון יעדן אינטעליגנטן אַרבעטער, וועמעס שטיקל ברויט הייננגט אָפּ פון אַ באַלעבאָס, וועלכער מוז, אָפּט קענען זיין ווילן, זיך רעכענען מער מיט דער גע־שעפטלאַכער זייט פון זיין אונטערנעמונג, ווי מיט דער אי־ד ע אַ ל ע ר. אָבער מיר האָבן באַלעבאַטיש־אינטעליגענטישע קריטיקער, וואָס עס שטייט זיי ניט אָן צו ווערן באַטראַכט פאַר אַרבעטער, וואָס זיינען אונטערוואָרפן דעם ווילן פון אַ באַלעבאָס. זיי ווילן גילטן פאַר אומאָפּהיינגיקע פרייע מענטשן. פאַרענטפערן זיי זייער כשרן די פאַרוואולגאַרי־זירנדע וואולגאַריטעטן פון די ביליקע טעאַטערם מיטן תירוץ, אַז פון י ע נ ע טעאַטערם קען מען גאָרניט פאָדערן, „ווייל זיי האָבן ניט קיין פּרעטענזיעס“ (א. גלאַנץ), „ווייל זיי זאָגן אונז גאָר ניט צו“ (מוקדוני).

ווי געפעלט אייך אַזאַ תירוץ פאַר די בענטשליכט?

וויבאַלד אַ מענטש „האָט ניט קיין פּרעטענזיעס“ אויף ערלאַכקייט, קען מען ניט האָבן קיין טענות צו אים פאַר

וואָס ער איז אַ שווינדלער, אַ היפּאָקריט, אַ פּאַרפירער. אין יעדן געריכט וועט דאָך אַזאַ מענטש באַפרייט ווערן פאַר יעדן פאַרברעכן! דער קריטיקער, וואָס באַנוצט זיך מיט אַזאַ פּוילן תירוץ ווייסט גאַנץ גוט, אַז זיינע רייד זיינען אומזיניק און פאַלש. אָבער ער וויל אָפּנאַרן דעם לייענער, וועלכן ער באַטראַכט, פּונקט ווי דער שונד־פאַרפאַסער דעם צושויער, פאַר אַ „מוישע". דאָס איז שונד־קריטיק פונם וואולגאַרסטן און אומפאַראַנטוואָרטלאַכסטן כאַראַקטער.

.28

שונד און שאַרזש.

אפילו דער שטרייינגסטער רעאַליסט באַטראַכט שאַרזש, גוזמאַדיקייט, קאַריקאַטור, פאַר אַ נאַטירלאַכן צווייג פון קאָמעדיע, און עס פאַרשטייט זיך, אַז אַ שאַרזשירטע קאָמעדיע (פּונקט ווי אַ שאַרזשירטע מאַלעריי) איז אַ קונסטווערק, אויב זי טרעט ניט אַריבער די ליניע, וואָס גרעניצט אָפּ קונסט פון שונד.

אָבער אין שאַרזש איז די דאָזיקע ליניע ניט אַזוי שאַרף, ניט אַזוי דייטלאַך און מערקבאַר, ווי אין אַן ערנסטער דראַמע. דעריבער איז פיל שווערער פאַרן שרייבער פון אַ שאַרזש זיך איינצוהיטן ניט אַריבערצוטרעטן די ליניע, ווי פאַרן שרייבער פון אַן ערנסט ווערק. און פאַרן צושויער, אפילו פאַרן אינטעליגנטן, איז פיל שווערער צו דערזען, ווען דער שרייבער האַלט זיך אויף דער קונסט־זייט און ווען ער האָט פאַרבלאָנדזשעט אויף דער שונד־זייט. אַז אַלץ איבערגעטריבן

איז ניט לייכט צו פילן און זען, וואו די איבערטרייבונג איז אַרויס פון די האַלאַבליעס.

צוויי ביישפּילן, איינער פון אַן ערנסטער דראַמע און איינער פון אַ שאַרזש וועלן דאָס אויבנגעזאָגטע אילוסטרירן און קלערער מאַכן:

גאָרדינס „חאַשע די יתומה" איז אַן ערנסטע דראַמע און אַ גאַנץ גוטע דראַמע, כאָטש זי האָט אַ סך חסרונות. אָבער איר ערגסטער חסרון, אַ פּשוטע גרילצנדיקע שטיק שונד, איז חאַשעס חכמה און פילאָזאָפישע פּאָעטישקייט. זי זאָגט משלים, רעדט אין עפּיגראַמען, וויצלט זיך און קיבעצט אויף אַ סאַטירישן אופן. און ווער איז חאַשע? אַ דאָרפס-מויד, וואָס האָט פאַרבראַכט איר גאַנץ לעבן אין אַ פאַרגרעבטער, עם הארצישער, דאָרפישער סביבה, און קען ניט שרייבן און לייענען. פאַר איר דערציאונג, פאַר איר אומגעבונג, איז זי איבערמענטשלאַך קלוג. ניט איבערגעטריבן קלוג, נאָר אַ פאַרזעעניש פון קלוגשאַפט.

און יעדע פאַרזעעניש איז אומעסטעטיש, ווייל עס איז אַ זאַך פון שרייענדיקער דיספּראָפּאָרציע, און עס באַליידיקט יעדן זין פאַר שיינקייט און וואַרשיינלאַכקייט. אין לעבן באַלאַנגט אַ פאַרזעעניש אין אַ מוזייאום. אין קונסט האָט אַזאַ שאַפונג קיין אָרט ניט, סיידן דער קינסטלער באַצייכנט זיין שאַפונג אַלס אַ פאַרזעעניש. ווען ער זאָגט אונז, אַדער עס איז זעלבסטפאַרשטענדלאַך, אַז זיין אידייע, זיין כונה איז געווען צו שאַפן אַ פאַרזעעניש, דאַן מעסטן מיר עס מיט אַן אַנדער מאָס. דיספּראָפּאָרציע ווערט פּראָפּאָרציע; ריטמלאָזיקייט — ריטם.

וואָרים אין קונסט ווענדט זיך אַלץ אָן דער פונדאַמענטאַלער אידייע, אָן דעם גייסט פון דער שאַפונג, אָן דעם

קינסטלערס כונה, וועלכע מיר זעען, אָדער פילן פון זיין ווערק.

שאַרזש, גוזמא, איבערטרייבונג, קען זיין די העכסטע קונסט, ווען דאָס איז געווען דעם קינסטלערס צוועק, און מיר ווייסן, אַז דאָס איז געווען זיין צוועק.

ווען איינער דערציילט אונז אַ ווילדן ליגן און וויל מיר זאָלן עס אָננעמען פאַר אַן אמת, איז ער אַן אידיאָטישער ליג־נער. אָבער ווען איינער מאַכט חוזק פון אַ ווילדן ליגנער און מאַכט נאָך זיין סטיל, זיין אַרט דערציילן, און איבער־טרייבט נאָך דערביי אַ היבש ביסל, ווערט פון דעם חוזק, פון דער נאָכמאַכונג — קונסט.

אַלץ הייננגט אָפּ פונם גייסט, אין וועלכן דער ענין ווערט באַהאַנדלט, און פון אונזער פאַרשטיין און אָננעמען דעם דאָ־זיקן גייסט. אין פּאָעזי נעמען מיר אָן, אַז מענטשן ריידן אין פערזן. אין אָפּערע נעמען מיר אָן, אַז מענטשן ריידן זינגנדיק. אין טעאַטער — אַז אַ שטוב האָט נאָר דריי ווענט. אין אַלעגאָריע און פאַבל — אַז שטומע באַשעפענישן ריידן. עס ווענדט זיך וואו דער חמר שטייט. אונטער געוויסע אומ־שטענדן איז איבערטרייבונג אַ גרילצנדיקער ליגן און אונטער אַנדערע אומשטענדן קען זי זיך דערהויבן צו דער העכסטער קונסט.

ביי אידן איז די דאָזיקע קונסט פון אייביק אָן געווען שטאַרק אַנטוויקלט און הויך געשאַצט. אַלע אגדתות און מדרשים, סאַי די וואָס האָבן באַצוועקט בלויז שפּאַס, סאַי די וואָס האָבן געהאַט ערנסטערע כונות, זיינען געשאַפן געוואָרן אין דעם גייסט. די ערשטע אַנטהאַלטן גוזמאות און ליגנס, וואָס ווייזן אַרוים וואונדערלאַכע און אָפּט קינסטלערישע בריהשאַפטן פון דער פאַנטאַזיע. און די לעצטע, כאָטש זיי האָבן דעם צוועק צו טרייסטן דאָס פאָלק מיט גליענדיקע

האַפּענונגען אויף דער צוקונפט און איינפלאַנצן אין אים אַ ביטול-געפיל פאַר די גוים, און דאָס ווערט אַלץ אויסגע־פּשטלט פון אַ פּסוק, איז אָבער קלאָר, אַז עס איז געזאָגט געוואָרן אין אַ גייסט פון איבערטרייבונג און גוזמא, און עס דאַרף ניט אָנגענומען ווערן אין ווערטערלאַכן זין, און אַזוי האָט עס דאָס פאָלק אויפגענומען. עס איז באַטראַכט געוואָרן פאַר גוזמאדיקע בעלעטריסטיק, און די דאָזיקע בעלעטריסטיק איז טאַקע אַזוי באַצייכנט געוואָרן אין דער גמרא „מילי דכדיבי" (ליגנס) „גוזמא", „לשון הבאי" (איבערטרייבונג), און איז באַרעכטיקט געוואָרן דורך ראיות, אַז די תורה און די נביאים און די תנאים האָבן אויך גערעדט „בלשון הבאי". (דברה תורה לשון הבאי, דברו נביאים לשון הבאי, דברו חכמים לשון הבאי).

וואו-זשע שטייט דער „חמר" אין דעם פאַל פון „חאַשע די יתומה".

דער דראַמאַטורג פירט אונז אַריין אין אַ רעאַליסטישער וועלט. יעדע סיטואַציע און יעדער כאַראַקטער ווערט אונז אָנגעגעבן פאַר אַ שטיק ווירקלאַכקייט, וועלכע מיר געפינען אין לעבן אין טויזנטער און טויזנטער ענלאַכע פאָרמען. די האַנדלונג פאַסירט אויף איר אייגענעם שטייגער, אָבער זי איז ניט קיין אויסנאַמס-פאַל. פאַרקערט, זי האָט אַן אוני־ווערסאַלן הינטערגרונט: טויזנטער און טויזנטער פאַסירונ־גען אין לעבן זיינען ענלאַך צו איר. די כאַראַקטערן זיינען אינדיווידואַליזירט. יעדער האָט זיך זיינע אייגנטימלאַכ־קייטן, מיט וועלכע ער אונטערשיידט זיך פון אַלע אַנדערע מענטשן, אָבער ער איז אַן אוניווערסאַלער טיפּ, אָדער סימ־באָל: עס זיינען דאָ אין לעבן אַן אַ צאָל מענטשן, וואָס זיינען ענלאַך צו אים און וואָס וואָלטן אונטער ענלאַכע אומשטענדן

געהאנדלט אויף אַן ענלאַכן אופן. דאָס איז רעאַליזם: לעבנס אמת. אַן אמת ניט פון אַן א ו י ס נ א ם ס פ א ל, נאָר פון אַ ט י פ י ש ן פ א ל, ווי דאָס ווערט דערקלערט פון ביע־לינסקין אויף דעם פאָלגנדן טרעפנדן אופן:

„די פאַסירונג אין אַ קונסט־ווערק איז נים גלייך ווי צוויי טראָפּן וואַסער צו אַ געוויסער פאַסירונג אין לעבן, אָבער טויזנטער און טויזנטער פאַסירונגען אין לעבן זיינען ענלאַך צו איר".

פאַר אַזאַ פאַסירונג גיט אונז אָן דער דראַמאַטורג די האַנדלונג פון „חאַשע די יתומה". פאַר אַזאַ כאַראַקטער גיט אונז אָן דער דראַמאַטורג חאַשען. אָבער ער זאָגט אונז אַ ווילדן ליגן. עס זיינען ניטאָ אין לעבן קיין טויזנטער און טויזנטער מיידן מיט חאַשעס דערציאונג און אומגעבונג און קולטור־שטופע, וואָס זיינען אַזוי אויסערגעוויינלאַך קלוג און פילאָזאָפיש־פּאָעטיש ווי חאַשע. פונם שטאַנדפּונקט פון וואַרשיינלאַכקייט, וועלכעס איז די איינציקע מאָס אין אַ רעאַליסטיש ווערק, איז ניטאָ קיין איינציקע אַזאַ. חאַשע איז אַן אומגעלומפּערטע פּאַרזעניש, אַ „פריק". דעריבער איז זי אין אַ רעאַליסטישער דראַמע אַן אומגעלומפּערטער ליגן, אַ גרילצנדיקע שטיק שונד.

אָבער דאָ, אין דער רעאַליסטישער דראַמע, קען יעדער אינטעליגענטער מענטש גלייך דערזען דעם אַרויסטאַרטשענ־דיקן ווילדן ליגן. אַנדערש איז עס אָבער אין אַ שאַרזש, אַ פאָרם, וואו אַ ל ע ס איז איבערגעטריבן. דאָ קענען שוין זייער ווייניק מענטשן, אפילו פון די אינטעליגענטערע, דער־זען וואו עס ענדיקט זיך שאַרזש, גוזמא, און וואו עס הויבט זיך אָן אומגעלומפּערטער ליגן, וועלכער נעמט, אין געוויסע פאַלן אָן אַ כאַראַקטער פון בלבול און פּאַסקוויל.

גאַטעספעלדם „אַמעריקאַנער חסידים". וועט אונז דינען פאַר אַ זייער קלאָרער אילוסטראַציע.

דאָס איז אַ שאַרזש-קאָמעדיע מיט אַן ערנסטער און זייער פיינער פונדאַמענטאַלער אידייע. זי איז געמיינט צו זיין אַ סאַטירע אויף אונזערע אויפגעקומענע גבירים — זייער עם הארצות, זייערע לעכערלאַכע אַמביציעס, זייער שטרעבן נאָך פוסטן כבוד — און אויף דעם פוסט-מחדיקייט אַן פוסטע אינטערעסן פון זייערע ווייבער און קינדער.

און דאָ ווייזט זיך אַרוים דער גאַנצער אמת פון אַרים-טאָטלם כלל, אַז עס איז פיל גרינגער אויפצומאָלן די כאַ-ראַקטערן, ווי אויפצובויען די האַנדלונג פון אַ דראַמע. „דער באַווייז איז", זאָגט דער אייביק יונגער אַלטער, „אַז דעם באַגאַבטן אָנפאַנגער געלינגען גאַנץ אָפט די כאַראַקטערן, אָבער אין דער קאָנסטרוקציע פון דער האַנדלונג (אין דער דורכפירונג פונם סוזשעט) איז ער אומבאַהאָלפן".

די כאַראַקטערן פון „אַמעריקאַנער חסידים", באַזונדער גענומען, און ביז אַ געוויסן גראַד אויך אין זייערע צוזאַמענ-שטויסונגען, זיינען זייער גוט געמאָלן אין גייסט פון איבערטרייבונג. די צוויי אויפגעקומענע גבירים, וואָס פירן מלחמות צוליב כבוד אין שול און אין די חברות, זייערע ווייבער, וואָס פאַרברייינגען טעג און נעכט אין פוסטן צייט-פאַרטרייב, זייערע קינדער, וואָס האָבן ניט קיין שום ערנסטן אינטערעס אין לעבן, דער לאָיער, דער שטורמווינט און דרייקאָפּ, וואָס מאַכט אַ לעבן פון די פוסטע אַמביציעס און לעכערלאַכע מחלוקתן פון די גבירים און פון די „טראָבלס" פון זייערע ווייבער און קינדער — אַלע זיינען זייער געלונגענע שאַרזשירטע כאַראַקטערן. אָבער ווען די דאָזיקע כאַראַק-טערן הויבן אָן ווערן אינסטרומענטן אין דער דורכפירונג פון

דער האַנדלונג און אין דערפֿירן די סאַטירע צו איר העכסטן פּונקט, צעפּאַלט די געביידע ווי אַ קאָרטנשטיבל און די סאַטירע שלאָגט צוריק דעם פּאַרפּאַסער.

פֿון דעם מאָמענט אָן, וואָס די גבירים אימפּאָרטירן די צוויי גוטע אידן *פֿאַר חתנים פֿאַר זייערע טעכטער* (אַמעריקאַנער פּלעפּערקעס), ניט אָנפּרעגנדיק ביי זיי, ניט זעענדיק די ווילדע אידיאָטישקייט פֿון דעם שריט, ווערט פֿון דער האַנדלונג אַן אומגעלומפּערטער ליגן און די סאַטירע לאַכט שוין ניט אָפּ פֿון די אויפֿגעקומענע גבירים פֿון סי געיט, נאָר פֿונם פּאַרפּאַסער. מיר געפֿינען זיך שוין דעמאָלט ניט אין אַמעריקע, מיר לעבן שוין ניט אין אונזער צייט, מיר *האָבן* שוין ניט קיין אַמעריקאַנער אויפֿגעקומענע גבירים, וואָרים אין אַמעריקע און אין אונזער צייט האָט אַזאַ סיטואַציע אַריבערגעטראָטן די ווייטסטע גרעניצן פֿון וואַרשיינלאַכקייט. מיר האָבן דאָ שוין ניט קיין *איבערטרייבונג*, וואָרים יעדע איבערטרייבונג, יעדער שאַרזש מוז האָבן אַ קערנדל אמת. ווען איינער האָט אַ גרויסן נאָז, קען דער קאַרטוניסט אים געבן אַ נאָז ווי אַ קאַנאָנע. אָבער ער קען דאָך ניט אויפֿמאָלן קיין לאָקשענעם קוגל אויפֿן אָרט פֿון אַ נאָז. די מינוט, וואָס די אויפֿגעקומענע גבירים פֿון סי גייט אימפּאָרטירן די גוטע אידן פֿאַר חתנים פֿאַר זייערע פּלעפּערקעס, פֿאַרשווינדן זיי פֿון דער סצענע און אָנשטאָט אויפֿגעקומענע אַמעריקאַנער גבירים פֿון אונזער צייט, דרייען זיך אַרום פֿאַר אונזערע אויגן געשטאָרבענע גבירים פֿון אַ קליין חסידיש שטעטל אין גאַליציע, אָדער אוקראַינע, פֿון פֿופֿציק יאָר צוריק, וועלכע גייען אַרום אויפֿן עולם התהו אין סי־געיט (און דער עולם־התהו־עלעמענט איז דאָ ניט צופֿעליק. וואָרים די גאַנצע אינטריגע מיטן פֿאַרשטעלטן רבין איז גאַלד־

פאַדענם שוין לאַנג-געשטאָרבענער „ני בע ני מע ני קוקורעקו״ אַרויסגעשלעפּט פונם קבר און אריבערגעוואָרפן קיין אַמע-ריקע). און ווען דער פּראָפעסער זאָגט אונז, אַז דאָס שלאָגט ער די אַמעריקאַנער אויפגעקומענע אידישע גבירים, שטעלט ער זיך אַוועק אין דער לאַגע פון דאָן קיכאָטן, וועלכער האָט געשלאָגןווינט-מילן, מיינענדיק, אַז זיי זיינען ריטער. עס זיינען שוין נישטאָ מער קיין אַמעריקאַנער אויפגעקומענע אי-דישע גבירים. עס זיינען דאָ ווינטמילן אַנשטאָט ריטער, אַ לאָקשענער קוגל אַנשטאָט אַ גרויסער נאָז.

אָבער צו דערזען די דאָזיקע אומגעלומפּערטע פּאַרזע-ענישן פאָדערט זיך אַ פיל שאַרפער אויג, ווי פאַר אַזאַ מין פּאַרזעעניש ווי חאַשע, צוליב צוויי אורזאַכן:

ערשטנס, ווי איך האָב שוין געזאָגט, ווייל דאָרט, וואו אַלעס איז איבערגעטריבן איז שווער צו דערזען די ליניע, וואָס טיילט אָפּ גוזמא פון אומגעלומפּערטן ליגן, וועלכער ווערט אָפּט בלבול און פּאַסקוויל. צווייטנס, ווייל אַלץ וואָס רופט אַרויס געלעכטער נאַרט אָפּ און פּאַרפירט. דער מענטש האָט ליב צו לאַכן, לאַכט ער פון יעדער אַבסורדיטעט, פון יעדער פּאַיאַצעריי. און אויך פון אַ וויץ און אַ קאָמישער סיטואַציע פון זייער אַ הויכן גראַד, וואָס טראָגט דעם כאַראַקטער פון הומאָר און סאַטירע, און ער באַמיט זיך ניט צו אונטערשיידן, און מערסטנס איז עס איבער זיינע כחות צו אונטערשיידן, צו וואָס פאַר אַ זשאַנר דאָס געלעכטער באַלאַנגט: צו פּאַ-יאַצעריי, אָדער צו הומאָר; צי ער לאַכט מ י ט דעם געלעכ-טער אַרויסרופער, וועלכעס איז קאָמיזם פון אַ העכערן סאָרט, צי פ ו ן דעם געלעכטער אַרויסרופער, וועלכעס איז דער נידעריקסטער סאָרט קאָמיזם.

אין דער סצענע פון דאָן קיכאָטן מיט די ווינטמילן לאַכן מיר מ י ט סערוואַנטעסן פ ו ן דאָן קיכאָטן. ווען אַ פּאַרפאַסער שלאָגט (מיט זיין סאַטירע) ווינטמילן, מיינענדיק, אַז ער שלאָגט אַ געוויסן קלאַס מענטשן, לאַכן מיר אויך. אָבער דאָ איז שוין דער פאַרפאַסער אַ דאָן קיכאָט און מיר וואָלטן געדאַרפט לאַכן פון אים, נאָר דאָס פּובליקום, און אויך אייניקע קריטיקער, זיינען אָפּגענאַרט און פאַרבלענדט צוזאַמען מיטן פאַרפאַסער, מיינענדיג, ווי ער, אַז די ווינטמילן זיינען מענטשן. דר. מוקדונין האָט אַזש פאַרקלעמט ביים האַרץ פאַר די ווינטמילן און ער האָט אין אָנהויב געמוסרט דעם פאַרפאַסער, פאַרוואָס ער איז אַזאַ גזלן. אָבער צום סוף האָט גאָט פאַרהאַרטעוועט זיין האַרץ, ווי פּרעהן, און ער האָט אויסגערופן אין גרימצאָרן: גוט! אַזעלכע מענטשן פאַרדינען די אומברחמנותדיקע שלעק.

מיר וועלן נעמען אַ גאַנץ פּשוטן, טאָג-טעגלאכן ביישפּיל. זיצן עטלאַכע מענטשן אַרום אַ טישל אין אַ קאָפע-סאַלון און מ׳וויצלט זיך איבער ראַקעפעלרן און איינער גיט אַ זאָג: „ער איז דאָך אַ שרעקלאכער עם הארץ, דער ראַקעפעלער, ער קען דאָך אפילו ניט מאַכן קיין ערוב תבשילין“.

רופט עס אַרויס אַ געלעכטער. מען לאַכט פון דער נאַרישקייט, פון דער אַבסורדיטעט פון דער באַמערקונג, פון איר גאָרניט מיינענדיקייט, און פון דער געמאַכטער תמעוואַטעקייט, מיט וועלכער זי איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן, און מען לאַכט מ י ט דעם געלעכטער-אַרויסרופער, ו ו י י ל מ ע ן ו ו י י ס ט, אַ ז ע ר ה אָ ט ד אָ ב אַ אַ ב ז י כ ט י ק ט נ י ט מ ע ר ו ו י צ ו ז אָ ג ן אַ ן אַ ב ס ו ר ד י ט ע ט.

שטעלט זיך אַבער פאַר, אַז דער וואָס האָט געזאָגט די אבסורדיטעט האָט געמיינט, אַז ער גיט אונז דאָ טאַקע אַ ביישפּיל פון ראַקעפעלערס עם הארצות און לאַכט אָפּ פון אים, דאַן וואָלטן מיר באַטראַכט דעם אָפּלאַכער, דעם „סאַטיריקער“, פאַר אַ משוגענעם. די סאַטירע קען ניט דערגרייכן ראַקעפעלערן. אַ ראַקעפעלער וואָס זאָל קענען קריטיקירט ווערן פאַר ניט קענען מאַכן קיין ערוב תבשילין איז ניטאָ אויף דער וועלט — פונקט אַזאַ אומגעלומפּערטע אבסורדיטעט איז צו קריטיקירן אויפגעקומענע אַמעריקאַנער אידישע גבירים פון אונזער צייט פאַר אימפּאָרטירן גוטע אידן פאַר חתנים פאַר זייערע פלעפּערקעס, ניט אָנפּרעגנדיק ביי זיי און ניט זעענדיק די אידיאָטישקייט פון דעם. עס זיינען ניטאָ אַזעלכע ברואים. אַזעלכע פּירות וואַקסן ניט אין אַמעריקע. דער גאַנצער סדר פונם אַמעריקאַנער לעבן פון אונזער צייט דערלאָזט ניט זייער עקזיסטענץ, און די סאַטירע פּאַטשט אין פּנים דעם פּראָפעסער. ער שטעלט זיך אַוועק אין דער לאַגע פון אונזער „סאַטיריקער“, וואָס מיינט ערנסט, אַז ער קריטיקירט ראַקעפעלערן ווען ער זאָגט אונז, אַז ער קען ניט מאַכן קיין ערוב תבשילין.

דער פּראָפעסער מעג קענען אַן אויפגעקומענעם אידישן נגיד, וואָס האָט אימפּאָרטירט אַ גוטן אידן פאַר אַ חתן פאַר זיין פלעפּערקע, קען ער אַ פּאַרזעניש, אַ „פריק“, אַ מענטשן וואָס איז אונטער יעדן דורכשניט נאַריש, אַבער דער „פריק“ קען ניט אָנגעגעבן ווערן פאַר אַ מוסטער, אַ טיפּ, אַ ביישפּיל פון דער מאַיאָריטעט אידישע אויפגעקומענע גבירים. אין סאַפאָלק סטריט וואוינט אַ אידענע מיט אַ צושפּאָלטענער ליפּ, אַבער דאָס מיינט ניט, אַז די גרעסטע טייל אידענעס פון סאָפאָלק סטריט האָבן צושפּאָלטענע ליפּן.

אין אַ קונסטווערק דאַרף אַ פּרט פאַרשטעלן מיט זיך אַ כלל. אַ פּאַרזעניש בלייבט שטענדיק אַ פּרט. האָט עס ניט קיין אָרט אין קיין קונסטווערק, מעג דאָס קונסטווערק זיין פונם גוזמאדיקסטן כאַראַקטער. אַ פּאַרזעניש, וואָס ווערט אָנגעגעבן פאַר אַ טיפּ, פאַר אַ ביישפּיל פון דעם כלל, צו וועלכן עס באַלאַנגט (דורך ראַסע, רעליגיע, קלאַס) איז אַן אומגע־לומפּערטער ליגן, וואָס האָט אַריבערגעטראָטן די גרעניץ פון גוזמא און איז שוין אַריין אין דער טעריטאָריע פון בלבול און פּאַסקוויל.

אַזאַ מין אומגעלומפּערטער ליגן זיינען די צוויי אויפגע־קומענע אַמעריקאַנער גבירים וואָס אימפּאָרטירן גוטע אידן פאַר חתנים פאַר זייערע טעכטער. דער פאַרפאַסער וויל דורך זיי אָפּלאַכן פון דער נאַרישקייט פונם קלאַס אויפּ־געקומענע אַמעריקאַנער אידישע גבירים. אַזוי ווי דאָס איז נאַרישקייט אונטער יעדן דורכשניט, וועלכעס מאַכט זיי פאַר פּאַרזעענישן, איז עס ניט נאָר אַ ווילדער ליגן, נאָר אויך אַ בלבול און אַ פּאַסקוויל אויף זייער קלאַס.

און דער אומגעלומפּערטער ליגן וואַקסט אין דער לייננ און אין דער ברייט.

איינער פון די „גוטע אידן“ איז אַ פאַרשטעלטער אַמע־ריקאַנער באַי, וואָס קען ניט אַ וואָרט אידיש און רעדט נאָר ענגליש און גיט עצות וועגן פּרייז־פייטס. אָבער אַלע פאַר־שוינען פון דער קאָמעדיע, איינשליסנדיק די אימיגראַנטן, וואָס זיינען געוועזן חסידים אין דערהיים, הויבן ניט אָן צו צווייפלען, אַז דאָס איז אַ פּוילישער גוטער איד, וואָס איז ערשט געקומען קיין אַמעריקע. איצט זיינען שוין אַ ל ע (אחוץ די פּאָר אינטריגאַנטן) פאַרשוינען פּאַרזעענישן, ווייל אַלע זיינען שוין נאַריש אונטער יעדן דורכשניט. און דער

רעזולטאַט איז, אַז ניט נאָר די געבײדע צעפאַלט, נאָר אפילו די מענטשן, וואָס זײנען ביז אַ געװיסן מאָמענט געװען גאַנץ גוטע שאַרזשירטע כאַראַקטערן, װערן מיט אַמאָל צעשאָטן אויף שטויב.

.29

שונד און פּראָגרעס.

אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל האָב איך באַװיזן, װי גרויס עס איז דער אײנפלוס פון אַ קינסטלערישער שאַפונג אויפן לעבן.

דער דיכטער נעמט אַ רוי שטיק װירקלאַכקייט און שאַפט עס איבער: קנעט אוים אַ גוף (די פאָרם), אָטעמט אַרײן אין אים אַ נשמה (די אידייע), און די דאָזיקע איבערגעשאַפענע װירקלאַכקייט װערט אַלײן װירקלאַכקייט, רוי לעבן. טורגעניעװס באַזאַראָװ האָט געשאַפן טױזנטער באַזאַראָװס אין לעבן. איבסענס נאָראַ האָט געשאַפן טױזנטער נאָראַס אין לעבן. און יעדער אײנער און יעדע אײנע פון זײ װערט אַלײן אַ כח, װאָס באַאײנפלוסט דאָס לעבן.

אָבער דאָס איז אמת אויך װעגן אַן אומקינסטלערישן, געשמאַקלאָזן װערק. טױזנטער אינגלאַך זײנען אָנגעצונדן געװאָרן פון די „דאַים נאָװועלס" און פיעסן פון דעמזעלבן כאַראַקטער צו אַנטלויפן פון דער הײם צו שיסן אינדיאַנער אָדער צו װערן אָנפירער פון רויבער באַנדעס. און די פוסט־מחדיקע העלדן פון די מער אָפּגעפּאָלירטע שונד ראָמאַנען און דראַמען שאַפן טױזנטער און טױזנטער אַזעלכע קלאָגע־דיקע העלדן צװישן די שװאַכזיניקע עלטערע מענטשן. אַזוי װערט דאָס פּראָגרעסיװע קונסטװערק אַ פאַקטאָר אין באַ־

שאַפן שיין, דערהויבנדיק, פּראָגרעסיוו לעבן. און די וואול־גאַרע, פּוסטע מחדיקע שונד־פּאַטשקעריי העלפט אַריינברייגען וואולגאַריטעט, פּוסט־מחדיקייט און צוריקגעשטאַנענקייט אין לעבן.

אָבער די ראָלע וואָס דאָס טעאַטער שפּילט אין באַאיינפלוסן דאָס לעבן איז אַ אַן ערך גרעסער ווי די ראָלע פונם בוך. וואָרים פאַר יעדע הונדערט מענטשן וואָס לייענען אַ בוך זיינען דאָ טויזנטער וואָס זעען אַ פּיעסע. (מיר ריידן, נאַטירלאַך, ניט פון דעם בוך וואָס לעבט דורות און דורות. אַזאַ בוך באַלאַנגט צו די זעלטנהייטן). דאָס איז אַזוי ביי אַלע פעלקער, און ספּעציעל ביי אונז. וואָרים עס איז אַ באַקאַנטער פאַקט, אַז ביי אונז דרוקט מען ביכער ניט צו פאַרקויפן, נאָר צו פאַרטיילן צווישן פריינט. אין דער צייט וואָס אַ פּיעסע, אפילו ווען זי איז אַ דורכפאַל, ווערט זי אויך געשפּילט עטלאַכע וואָכן און ווערט געזען פון צענדליקע טויזנטער.

וואָלטן זיך אונזערע טרעגער פון קולטור און פּראָגרעס געדאַרפט אָנווענדן זייער גאַנצע קראַפט, זייער גאַנצן איינפלוס, צו פאַרטרייבן דעם וואולגאַרן, מח־פאַרטעמפּענדן, נשמה־פאַרסמענדן שונד פון אונזער בינע. איז אָבער די לאַגע פונקט אַ פאַרקערטע. אַמאָל, אין אונזערע „גרינע" יאָרן, האָבן טאַקע אונזערע פאָרשטייער פון פּראָגרעסיווע באַוועגונגען געפירט אַן ענערגישן קאַמף קעגן דעם שונד אין טעאַטער און האָבן אים כמעט ווי פאַרטריבן פון דאָרט. טאָמער האָט אַ טעאַטער אַמאָל געשטעלט אַ שונד־פּיעסע, האָבן די בעסערע אַקטיאָרן פון דעם טעאַטער זיך געפילט דערנידעריקט און האָבן זיך געשעמט צו קוקן אין די אויגן אַן אָנגעזעענעם שרייבער. און די שונד־פּיעסן פון יענער צייט

זיינען געווען שעקספירישע ווערק אין פארגלייך מיט דעם היינטיקן שונד. די שרייבער, וואָס האָבן אין יענער צייט גע־קיניגט איבער דער בינע זיינען געווען הורוויץ און לאטיינער, און אָפט זיינען אויך געשטעלט געוואָרן פיעסן פון שמרן, זייפערטן און זאָלאָטאַרעווסקין. די ערשטע פיר זיינען גע־ווען משכילים און האָבן געקענט עטלאָכע שפּראַכן. זיי זיינען ניט געווען קיין קינסטלער, אָבער זיי זיינען געווען שרייבער און האָבן געזוכט, ווי גאָלדפאַדען, ניט נאָר צו שאַפן אונטער־האַלטונג, נאָר אויך צו דינען אַן אידעאַל: אַרויסרופן באַ־גייסטערונג פאַר דער אידישער פאַרגאַנגנהייט און שטאַרקן דאָס נאַציאָנאַלע געפיל, לויט דעם משכילישן באַגריף. דער לעצטער — זאָלאָטאַרעווסקי — האָט ניט געהאַט קיין ביל־דונג און קיין אידעאַל און קיין שפּראַך, אָבער ער האָט געהאַט אַ געזונטן דראַמאַטיש־רעאַליסטישן אינסטינקט. ער האָט גענומען זיינע סוזשעטן פון יענע קראַנקע ווינקעלאַך פונם לעבן, וואָס אינטערעסירן דעם המון: די שטיף־מאַמע, די פּראָסטיטוטקע, די עגונה, די גט־געזעצן, אַזוי, אַז זיינע דראַמען, מיט זייער נאַנצער וואולגאַריטעט און אומקינסטלע־רישקייט, זיינען דאָך געווען ס אָ צ י אַ ל ע דראַמען. אין דער צייט וואָס די שונד־שרייבער, וואָס קענינגן די לעצטע יאָרן איבער דער אידישער בינע, האָבן אַלע חסרונות פון זאָלאָטאַרעווסקין און ניט קיין איינציקע פון זיינע מעלות.

אָבער ניט קוקנדיק אויפן כפול־שמונהדיקן שונד פון אונ־זער צייט, באַציען זיך צו אים די מערסטע פאַרשטייער פון אונזערע פּראָגרעסיווע באַוועגונגען מיט גלייכגילטיקייט און איינציקע פון זיי, וואָס שרייבן טעאַטער־קריטיק, דערמוטיקן אים מיט אַלערליי שונדישע תירוצים.

איינער פון די הויפּט־תירוצים איז:

„מען גייט ניט אין טעאַטער אַריין לערנען. מען גייט זיך אַמוזירן".

אַזוי ווי אין דער ליטעראַרישער פּיעסע זעצן זיך די אַקטיאָרן אַוועק לערנען מיטן פּובליקום אַ בלאַט גמרא מיט תוספות!

דער פּשוטסטער מענטש, וואָס איז אַמאָל געווען אין טעאַטער, ווייסט, אַז אין אַ פּיעסע, צי זי איז געשאַפן פון אַ באַגאַבטן קינסטלער, צי פונם וואולגאַרסטן שונד־פּאַטשקון, שטעלן זיך ניט אַוועק די אַקטיאָרן האַלטן ווימנשאַפטלאַכע לעקציעס, אָדער מוסר־דרשות. עס ווערט געוויזן אַ האַנד־לונג, און די האַנדלונג אָטעמט פון זיך אַרויס אַן אידייע, אַ מוסר השכל, אַזוי ווי אַ פלאַנץ אָטעמט אַרויס אַ ריח. אין ווערק פונם באַגאַבטן דיכטער איז עס דער ריח פון אַ פרישער בלום, אין דער שונד־פּיעסע איז עס דער גערוך פון אַ צעפוילטער ציבעלע. די שונד־פּאַטשקעריי, פּונקט ווי דאָס אינספּירירטע ווערק פונם קינסטלער, אַנטהאַלט אַ דרשה, אַ מוסר־השכל, וואָרים עס איז ניטאָ און עס קען ניט זיין קיין האַנדלונג, קיין פּאַסירונג, אין לעבן ווי אויף דער בינע, וואָס זאָל ניט אַנטהאַלטן קיין מוסר־השכל, אָדער דרשה. די איינפאַכסטע האַנדלונג אָטעמט אַרויס פּראָפּאַ־גאַנדע. נעמט אַזאַ פּשוט בילד: אַ מענטש זיצט ביי אַ טיש און עסט לאָקשן־זופּ, כליאַבטשענדיק, און ייִנע וואָנצעס זיי־נען באַדעקט מיט לאָקשן און עס רינט פון זיי זופּ. אָט דאָס בילד איז פּראָפּאַגאַנדע פאַר גוטע טיש־מאַנירן. עס דרש'עט אַז מען טאָר אַזוי ניט עסן. ווען איך זע אַ אידישן אַקטיאָר אין טריקאָ („טאַיטס") לערן איך, אַז אידישע אַקטיאָרן טאָרן ניט שפּילן קיין פּיעסן, אין וועלכע מען טראָגט טריקאָ.

אַז איך זע ביי די אידישע אָפּערעטעס יונגע שיינע כאָריסט־קעס ביי דער זייט פון אַלטע, פעטע אידענעס, וועלכע די כאָריסטן־יוניאָן צווינגט די טעאַטערס אָנצושטעלן, לערן איך, אַז אַזאַ מין יוניאָן איז אַן אומגליק און אַ שאַנד פאַרן אידישן טעאַטער.

ווען די העלדין פון דער שונד־דראַמע שרייט אויס : „איך בין ניט שולדיק, דער שרעקלאכער אוממענטש האָט מיך פאַר־פירט", איז דאָס פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער פאַרשימלטער מאָ־ראַל, אַז אַ מיידל טאָר מיט איר אייגענעם ווילן ניט האָבן קיין אינטימע באַציאונגען מיט אַ מאַן, און ווען דער צדיק פון דער פּיעסע, איר אַמאָליקער „נאָבעלער" געליבטער, וועל־כער האָט פון זיין 14טן יאָר אָן געהאַט באַציאונגען מיט פרויען, איז איר גרויסמוטיק מוחל, צום שטורמישן אַפּלאָדז פון דער גאַלעריע, איז עס פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער פאַרשימל־טער טאָפּלטער מאָראַל־מאָס, וועלכע איז אַ באַליידיקונג פאַר יעדער אינטעליגענטער פרוי. מיט וואָס איז די האַנדלונג פון נאָראַן, וועלכע לאָזט איבער מאַן און קינדער, ווייל זי האָט געמאַכט די אַנטדעקונג, אַז זי איז ניט צוגעגרייט פאַר די גרויסע פליכטן פון ווייב און קינדער דערציערין, אַז זי איז ביז איצט געווען ניט מער ווי אַ ליאַלקע — מיט וואָס איז די האַנדלונג פון נאָראַן אַ שווערערע, מער מח־אָנשטריינגנדע דרשה, ווי די דרשות פון דער שונד־דראַמע ? זיי זיינען ביידע גלייך צוגעפּאַסט פאַרן מח פונם דורכשניטלאַכן מענטשן, זיי זיינען ביידע גלייך ניט קיין פּלאַטפאָרם־דרשות. נאָר קומען אַרויס פון זיך אַליין פון אַ מער אָדער ווייניקער אונטערהאַלטנדיקער האַנדלונג. דער אונטערשייד צווישן זיי ליגט נאָר אין זייער ווירקונג. נאָראַס האַנד־לונג ווירקט צו מאַכן דאָס פּובליקום קליגער און פּראָגרעסי־

ווער. די האַנדלונג פון דעם „נאָבעלן" בחור פון דער שונד־דראַמע ווירקט צו פאַרטעמפּן די מחות און אויפצוהאַלטן די אַלטע פאַרשימלטע שבט־מוסר־מאָראַל, וועלכע איז אַ באַליידיקונג פאַר יעדער פרוי מיט אַביסל אינטעליגענץ און מענטשלאַכן שטאָלץ.

אויב מ׳קען האָבן טענות צו אַ פּיעסע פאַר ל ע ר נ ע ן איז עס דוקא די שונד־דראַמע וואָס שלאָגט צו דער גאַל מיט איר לערנען. וואָרים אַחוץ דער אומפאַרמיידלאַכער דרשה פון דער האַנדלונג האַלטן נאָך די פערזאָנען פון דער שונד־דראַמע אין איין אַרויסטרובען מוסר־דרשות

אַזוי פיל וועגן דעם ערשטן טייל פונם פאַלשן, זינלאָזן, פאַרפירערישן הכשר אויף שונד, אַז „מ׳קומט ניט אין טעאַטער אַריין ל ע ר נ ע ן".

און איצט וועגן צווייטן טייל פונם הכשר, אַז „מ׳קומט אין טעאַטער אַריין זיך אַמוזירן".

אויב די ערשטע העלפט פונם הכשר איז פאַלש און אומזיניק, איז די צווייטע העלפט נאַאיוו ביז לעכערלאַכקייט. זי דערמאָנט אָן דעם קליינעם אינגעלע, וואָס האָט געוויינט, אַז ער וויל וועטשערע, און וואָס פאַר אַן עסן די מאַמע האָט אים פאָרגעשלאָגן האָט ער ניט געוואָלט און האָט אַלץ געהאַלטן אין איין וויינען, אַז ער וויל וועטשערע.

דאָס אינגעלע האָט ניט געוואוסט, אַז וואָס ער וועט עסן וועט עס זיין וועטשערע, און אונזערע שונד־פאַרטיידיקער ווייסן ניט, אַז יעדע פּיעסע וואָס פאַראינטערעסירט — אַמוזירט; די קלוגער־מאַכנדיקע ווי די מח־פאַרטעמפּנדיקע. די וואָס ווירקט אויסצואיידלען דעם קונסט־געשמאַק, ווי די וואָס פאַרגרעבט אים. די ערנסטע דראַמע ווי די קאָמעדיע און דער שאַרזש.

ווען איינער זאָגט: „מען גייט אין טעאַטער זיך אַמו־זירן", און מיינט דערמיט אויסצושליסן די ערנסטע, בעסערע פּיעסע און צו כשרן די צופּוילטקייט און דעם שימל פון די שונד־פּיעסן, באַווייזט ער, אַז ער האָט ניט דעם מינדסטן באַגריף וועגן טעאַטער און וועגן אַמוזירונג בכלל.

איז אַמוזירן זיך פּאַר זיך אַליין אַזאַ הייליקע זאַך, אַז יעדער אופן אויף וועלכן דאָס ווערט דערגרייכט איז גוט?

איינעם אַמוזירט אָוועקצושלעפּן דאָס ביינקל פון אונ־טער אייך, יוען איר ווילט זיך זעצן. אַן אַנדערן אַמוזירט צו שפּילן אין קאָרטן מיטן געלט, וואָס ער דאַרף געבן זיין פאַ־מיליע. אַ דריטער אַמוזירט זיך רויכערנדיק אָפּיום. געוויס גייט מען אין טעאַטער זיך אַמוזירן, אָבער די מח־פּאַרטעמפּנ־דיקע שונד־פּיעסע באַלאַנגט צו דעם סאָרט אַמוזירונגען פון די אויסגערעכנטע ביישפּילן.

דאָס טעאַטער האָט מער באַזוכער ווי די טעגלאַכע צייַ־טונגען לייענער. וואָרים מענטשן וואָס קענען ניט לייענען און האָבן קיין געדולד ניט צו לייענען, גייען אין טעאַטער. איז עס נאָר קיין אונטערשייד ניט פאַר דער זאַך פון קולטור און פּראָגרעס, צי אַזאַ ריזיקע מאַסע מענטשן ווערט אַמוזירט אויף אַ קולטורעלן, פּראָגרעסיוון אופן, אָדער אויף אַ וואול־גאַרן, עם־הארצישן אופן?

איז עס נאָר קיין אונטערשייד ניט, צי זיצנדיק אין טע־אַטער הערט דער איד אַ שיינע אידישע שפּראַך, אַן איידעלן וויץ, אַ קלוג וואָרט, שיחת חולין של תלמידי חכמים, און זעט אַ סיטואַציע, וואָס אין דערזעלבער צייט וואָס זי פאַרכאַפּט אים און אַמוזירט אים, דערזעט ער אין אַ ניי, פּראָגרעסיוו ליכט אַ וויכטיק ווינקל פונם געזעלשאַפטלאַכן לעבן; צי ער

הערט אַ פאַרדאָרבענעם אידיש, אַ וואולגאַרן, נאַרישן וויץ און זעט אַ האַנדלונג, פון וועלכע עס אָטעמט אַרויס אַ פאַר־עלטערטער, פאַרשימלטער בליק אויפן לעבן?

„דאָס טעאַטער דאַרף ניט לערנען, דאָס טעאַטער דאַרף ניט דערציען, דאָס טעאַטער דאַרף נאָר פאַרשפּילן", שרייט דער „מאָדערניסט", פאַר וועמען טעאַטער איז נאָר קונצן פון רעזשי און פאַיאַציישע שוישפּיל. אָבער ער קייט נאָר איבער די ווערטער פונם פאַרטיידיקער פונם אַלטן שונד. אפילו אין דער טערמינאָלאָגיע איז ער אַן איבערקייער פונם שונ־דיסט פון דער אַלטער שול. יענער רופט די ליטעראַרישע פּיעסע „ליטעראַטאַציע", און דער „מאָדערניסט" הרגעט זי אוועק מיט דעם וואָס ער רופט זי „ליטעראַטור" (מיט גענזן־פיסלאַך) און ער פאַרשטייט ניט, פונקט ווי דער פאַרטיידי־קער פונם אַלטן שונד, אַז זיין געניאַלע אַנטדעקונג, אַז „טע־אַטער דאַרף ניט לערנען, דאַרף ניט דערציען", האָט פונקט אַזאַ זין ווי צו זאָגן, אַז אַ מענטש דאַרף לאַנג לעבן אָבער ניט אַלט ווערן. דאָס טעאַטער קען ניט אָפּגעטיילט ווערן פון לערנען און דערציען, פונקט ווי לאַנג לעבן קען ניט אָפּ־געטיילט ווערן פון אַלט ווערן. וואָרים יעדע האַנדלונג לערנט, יעדע טאַט, צי אויף דער בינע, צי אין לעבן, אָטעמט אַרויס פּראָפּאַגאַנדע. אַ גוטע פּיעסע איז גוטע פּראָ־פּאַגאַנדע, אַ שלעכטע פּיעסע איז פאַרדאָרבענע, פאַרשימלטע פּראָפּאַגאַנדע

אין אַן אַרטיקל אין „האַמער" וועגן ריינהאַרדן, רופט אַברהם טייטעלבוים אויס מיט התפעלות:

„ריינהאַרד איז געווען דער ערשטער וואָס האָט געזאָגט, אַז טעאַטער האָט גאָר ניט צו טאָן מיט ליטעראַטור און מיט מוסר השכל".

איך האָב נאָר געוואוסט, אַז ריינהאַרד איז אַ גוטער רעזשיסער, אָבער אַז ער איז אַזאַ אויטאָריטעט אין דער דראַ־מאַטישער קונסט, אַז ער קען מיט איין קריץ פון דער פען פאַרניכטן אַריסטאָטעלן, לעסינגן, ביעלינסקין און אַנדערע, וועלכע האָבן געגלויבט, אַז אַ ליטעראַרישע דראַמע אָדער קאָ־מעדיע, אַבי זיי קענען נאָר פאַראינטערעסירן און אַמוזירן, האָבן אַ געזעצלאַך רעכט אויף דער בינע — דאָס האָב איך ניט געוואוסט, און איך בין זייער דאַנקבאַר טייטעלבוימען פאַר דער אינפאָרמאַציע. אָבער ער מוז מיר דערלויבן אים צו קאָרעגירן אַ קליינעם פעלער אין היסטאָריע. ניט ריינהאַרד איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַרויסגעזאָגט דעם גע־ניאַלן געדאַנק, אַז „טעאַטער האָט גאָר ניט צו טאָן מיט לי־טעראַטור און מיט מוסר השכל", נאָר איציקל זאַלאַטאַרעוו־סקי.. מיט איבער דרייסיק יאָר צוריק האָט ער שוין גערופן די ליטעראַרישע פיעסע „ליטעראַטאַציע" און האָט געזאָגט דאָס גרויסע וואָרט, אַז „אין טעאַטער קומט מען ניט לערנען", און איך וועל בשום אופן ניט דערלאָזן, אַז אונזער אייגענער איציקל זאָל באַרויבט ווערן פון זיין פריאָריטעט־רעכט אויף דער גרויסער אַנטדעקונג.

אַזוי קייען איבער אונזערע מאָדערניסטישע שונדיסטן די חוצפּהדיקע רייד און עם־הארצותדיקע מיינונגען פון די שונ־דיסטן פון דער אַלטער שול. און די פאַרשטייער פון אונזערע קולטורעלע און פּראָגרעסיווע באַוועגונגען טאַנצן מיט זיי צו־זאַמען אין רעדל און כשרן יעדן זינלאָזן, מח־פאַרטעמפּעדיקן שונד מיטן תירוץ, אַז „מען גייט ניט אין טעאַטער אריין לערנען, נאָר זיך אַמוזירן". און זיי הויבן גאָר ניט אָן באַרע־כענען, אַז זייער גאַנצע אַרבעט פאַר קולטור און פּראָגרעס, זייער שרייבן, זייערע לעקציעס, זיינען אַרויסגעוואָרפן, אַזוי

לאַנג דער גרויסער אידישער עולם גייט מיט זייער ברכה צו די שונד־פּיעסן. קען אַ מאַסע, וואָס ווערט געשפּייזט יאָרן און יאָרן נאָכאַנאַנד אויף אידיאָטישע, וואולגאַרע טעאַטער־אונטערהאַלטונג, וועלכע פאַרגרעבט דעם געשמאַק און פאַר־טעמפּט דעם מח, זיין פייאיק אויפצונעמען אַ העכערן געדאַנק און האָבן געדולד אויסצוהערן אַ רעדע איבער אַ וויכטיקער לעבנס־פראַגע?

דאָס טעאַטער קען זיין די איינפלוסרייכסטע אינסטיטוציע פאַר דער אויסאיידלונג און דערהויבונג פון די מאַסן, ווייל עס לערנט ניט לערנענדיק און פּראָפּאַגאַנדירט ניט פּראָפּאַגאַנדירנדיק. און ווען וואָרט־פירער פון קולטור און פּראָגרעס שטאַרקן די הענט פון די וואָס מאַכן פון דער דאָזיקער איינפלוסרייכער אינסטיטוציע אַ שמוציקן ווינשוינק, פאַרראַטן זיי זייערע אייגענע אידעאַלן.

.30

מעלאָדראַמע.

דאָס וואָרט „מעלאָדראַמע" ווערט ביי אונז מיסברויכט און באַליידיקט, סאַי פון די פריינט פון שונד און סאַי פון זיינע שונאים.

עס איז אָנגענומען, אַז מעלאָדראַמע באַצייכנט אַ פּיעסע מיט שטאַרקע אויפרעגנדע סצענען, מיט אַן אויסער־געוויינלאַכן צוזאַמענשטויס פון פּאַסירונגען און מיט אַן אי־בעראַשנדיקן קלימאַקס.

די שונד־שרייבער און די טעאַטערס וואָס ספּעציאַליזירן זיך אויף שונד, רופן זייערע פּיעסן מעלאָדראַמען.

באַנוצנדיק דעם נאָמען פאַר אַ פייגנבלאַט, צוצודעקן די שאַנד פונם שונד.

די קריטיקער, וואָס קעמפן פאַר בעסערע פּיעסן, נעמען אָן פאַר גוט געלט די אָנגענומענע אויבנגעבראַכטע באַצייכנונג פון מעלאָדראַמע און רופן מיט דעם נאָמען יעדע פּיעסע מיט אַן אויסערגעוויינלאַכן צוזאַמענשטויס פון פּאַסירונגען און באַווילדערנדיקע איבעראַשונגען (חתן־כלה געפינען אויס, אַז זיי זיינען ברודער און שוועסטער, אַ פאַרלוירן קינד געפינט זיינע עלטערן, דער ליידנדער העלד ווערט פלוצלונג דערהויבן צו מאַכט און רייכטום און אַז. וו.). זיי, די קריטיקער, אין קעגנזאַץ צו די שונדיסטן, באַנוצן דאָס וואָרט „מעלאָדראַמע" אויפצודעקן די שאַנד פונם שונד. באַצייכענענדיק אַ פּיעסע אַלס אַ מעלאָדראַמע, זאָגן זיי אונז: „דאָס איז ניט קיין קונסטווערק, דאָס איז ניט קיין ליטעראַריש ווערק. ס'איז שונד".

אָבער ביידע מיסברויכן דאָס וואָרט (אין זיין אָנגענומענער באַדייטונג) און באַליידיקן עס.

בערנאַרד שאָוס „מרס. וואָררענס פּראָפעשאָן" און „די דעווילס דיסייפּל" זיינען מעלאָדראַמען, לויט דער אָנגענומענער באַדייטונג פונם וואָרט. אַזוי איז אויך איבסענס „ראָסמערסהאָלם, „די פרוי פונם ים". וועט אימיצער זאָגן, אַז אַזעלכע פּיעסן זיינען ניט קיין שאַפונגען פון אַ הויכן ליטעראַרישן ווערט? כמעט אַלע גריכישע טראַגעדיעס האָבן באַווילדערנדיקע צוזאַמענשטויסונגען און איבעררראַשונגען.

אַ פּיעסע איז ניט שלעכט אָדער גוט, קונסט אָדער שונד, צוליב דעם וואָס, נאָר צוליב דעם ווי אַזוי. ניט צוליב דעם סוזשעט, נאָר צוליב דעם אופן, ווי אַזוי דער סוזשעט איז אויסגעאַרבעט.

דערזעלביקער סוזשעט קען באַנוצט ווערן פון אַ באַ־גאַבטן דיכטער און פון אַ שונדשרייבער. ער קען האָבן אין זיך דעם גאַנצן רויען מאַטעריאַל פון שונד — אַן אינטריגע, אַ בלבול, אַ סוד, אַ פּלאָנטער — אָבער פונם שמעלצטאָפּ פונם באַגאַבטן דיכטער וועט דער רויער מאַטעריאַל אַרויסקומען אַן אויסגעלייטערט קונסט־ווערק און ביים שונד־שרייבער וועט אַרויסקומען אַ שטיק ווילדע אומגעלומפּערטקייט.

עס איז דעריבער קלאָר, אַז די אָנגענומענע מיינונג, אַז מעלאָדראַמע באַצייכנט די האַנדלונג פון אַ פּיעסע, דעם כאַראַקטער פון איר סוזשעט, איז אַ פאַלשע. וואָס זשע איז דער ספּעציעלער כאַראַקטער פון דער פּיעסע, וואָס ווערט באַצייכנט מיטן נאָמען מע־לאָדראַמע?

דער טייטש פונם וואָרט צעטומלט אונז גאָר אינגאַנצן.

דער ווערטערבוך זאָגט אונז, אַז מעלאָדראַמע איז צוזאַמענגעשטעלט פון צוויי גריכישע ווערטער: מעלאָס (געזאַנג) און דראַמע (האַנדלונג). דעריבער איז נאָכן ווערטער־מוך מעלאָדראַמע אַ דראַמע מיט געזאַנג, אָדער אַן אָפּערע.

איז עס לויט דעם צוזאַמענשטעל פון די ווערטער אַ גאַנץ ריכטיקע טייטש. אָבער פאַר יעדן איינעם, וואָס איז אַביסל באַקאַנט מיט דער גריכישער דראַמע שטעלן זיך אַוועק צוויי צוטומלענדיקע פאַקטן.

1) אין יעדער גריכישער דראַמע איז געווען געזאַנג: דער כאָר. און דאָס געזאַנג איז באַטראַכט געוואָרן פאַר פונקט אַזאַ וויכטיקן באַשטאַנד־טייל פון דער פּיעסע, ווי די האַנדלונג און די כאַראַקטערן. היינט וויבאַלד אַלע גריכישע פּיעסן האָבן געהאַט געזאַנג, זאָגט דאָך „אַ דראַמע

מיט גערזאַנג" אַבסאָלוט גאָר ניט. עס איז קיין שום באַ־צייכענונג ניט. „אַ מענטש מיט צווי פיס" איז ניט קיין באַצייכענונג פאַר אַ געוויסן מענטשן. אויב מע־לאָדראַמע באַצייכנט עפּעס, באַציט זיך עס אויפן כאַ־ראַקטער פון דער פּיעסע, אויף איר ספּעציעלן אינהאַלט, אָדער ספּעציעלער פאָרם, אָדער ספּעציעלער טענדענץ. ווי טראַגעדיע באַצייכנט די פּיעסע, וואָס ווייזט די אומ־באַהאָלפנקייט פונם מענטשן, די שווערע, איבערוועלטיקנדע האַנט פונם שיקזאַל, און קאָמעדיע באַצייכנט די פּיעסע מיטן פרייליכן אָפּלאַכנדיקן אינהאַלט. און עס פאַרשטייט זיך פון זיך אַליין, אַז מעלאָדראַמע מוז באַצייכענען אַ פּיעסע, וואָס איז ניט טראַגעדיע און ניט קאָמע־דיע. וואָס זשע איז דער כאַראַקטער פון דער פּיעסע, וואָס ווערט מיט דעם וואָרט באַצייכנט?

2) אין דער גאַנצער גריכישער דראַמאַטישער ליטע־ראַטור איז ניטאָ דאָס וואָרט מעלאָדראַמע. די דיכ־טער האָבן ניט באַצייכנט וועלכע עס איז פון זייערע דראַמען מיט דעם וואָרט, און אין אַריסטאָטלס אָפּהאַנדלונגען איבער דראַמע, דאָס איינציקע טעאָרעטישע ווערק פון יענער צייט איבער דעם ענין, איז אויך דאָס וואָרט ניטאָ. ווען זשע איז דאָס וואָרט אַריינגעבראַכט געוואָרן אין דער דראַמאַטישער ליטעראַטור?

די דאָזיקע פראַגע ברענגט אונז אַרויף אויף דער סטעזשקע, וואָס פירט צום ענטפער אויף אַלע פראַגן:

ווען מיר וועלן געפינען, ווען דאָס וואָרט איז אַריינגע־בראַכט געוואָרן אין דער דראַמאַטישער ליטעראַטור און ווער עס האָט עס אַריינגעבראַכט, וועלן פאַר אונז אַלע אומקלאָר־קייטן קלאָר ווערן.

דער ערשטער, וואָס האָט באַצייכנט זיינע אַ טעאַטער־שטיק מיטן נאָמען מעלאָדראַמע איז געווען זשאַן זשאַק רוסאָ, דער פראַנצויזישער פילאָזאָף פונם 18טן יאָר־הונדערט, וועלכער איז אויך געווען נאָוועליסט, דראַמאַטורג און קאָמפּאָניסט.

רוסאָ האָט געלעבט אין דער צייט, וואָס איז באַקאַנט, אַלס „דער צייטאַלטער פון שכל". דער גרויסער וואָלטעיר האָט מיט זיין שאַרפער קריטיק אונטערגעגראָבן יעדן גלויבן און האָט אַרויפגעזעצט אויפן טראָן אַלס דעם הערשער פונם לעבן — דעם פאַרשטאַנד. ניט גלויבן, ניט געפיל, ניט טראַ־דיציע דאַרפן זיין אונזערע פירער און וועגווייזער, נאָר דער ריינער פאַרשטאַנד. אין יעדער ליטעראַרישער פאָרם, אין וויסנשאַפטלאַכע אָפּהאַנדלונגען, אין דערציילונגען, אין דראַ־מען, האָט וואָלטעיר מיט קרעפטיקער סאַטירע און בלינצנ־דיקן הומאָר אויפגעדעקט די באַדנלאָזיקייט פון רעליגיע און די פאַרפירערישקייט פון געפיל, און באַוויזן, אַז נאָר דער שכל איז דער פירער און וועגווייזער, אויף וועלכן מיר קענען זיך פאַרלאָזן. וואָלטעיר איז באַטראַכט געוואָרן פאַרן גרעסטן אינטעלעקטועלן גייסט פון זיין צייט. אָבער צווישן זיינע געגנער איז געווען איינער, וועמעס פילאָזאָפי האָט מער באַ־איינפלוסט דעם גאַנג פון דער היסטאָריע פון יענער צייט (ס'איז געווען די צייט פון ערב דער גרויסער רעוואָלוציע) ווי וואָלטעירס. דער דאָזיקער גרויסער געגנער איז געווען זשאַן זשאַק רוסאָ.

רוסאָ האָט אַראָפּגענומען די קרוין פונם שכל און האָט זי אָנגעטאָן דעם איינגעבוירענעם געפיל, דער אינטואיציע. דאָס געפיל איז עלטער פונם פאַרשטאַנד, האָט מער לעבנס־דערפאַרונג, איז עס דעריבער בעסער צוגעפּאַסט צו זיין דעם

מענטשנס לערער און וועגווייזער. אויב דאָס געפיל זאָגט אונז, אַז מיר דאַרפן רעליגיע און דער שכל זאָגט ניין, דאַרפן מיר פאָלגן דאָס געפיל און ניט דעם שכל, וואָרים דאָס האַרץ האָט זיין „לאָגיק" וואָס דער קאָפּ קען קיינמאָל ניט באַנעמען. אַלץ וואָס דער מענטש האָט אויפגעטאָן מיטן קאָפּ טויג אויף כּפּרות. די ציוויליזאַציע האָט נאָר געבראַכט אומגליק דעם מענטשן. זי האָט פאַרהאַרטעוועט זיין האַרץ, זי האָט אים געמאַכט פאַר אַ פאַרצוקנדער חיה. דער מענטש וואָס איז נאָענטער צו דער נאַטור איז מער מ ע נ ט ש ל א ך , ווי דער שטאָט-מענטש, וועלכער איז אַרומגערינגלט פון דער ציוויליזאַציע.

וואָלטעיר, פּונקט ווי רוסאָ, האָט פאַרדאַמט די אוממענטשלאַכקייטן פון דער דעמאָלטיקער געזעלשאַפטלאַכער אָרדנונג, אָבער ער איז געווען קעגן אַ רעוואָלוציע, ווייל ער האָט געזען די מעגלאַכקייט, אַז די נייע הערשער וועלן זיין ערגער ווי די אַראָפּגעזעצטע. וואָרים דער מענטש איז פון דער נאַטור פאַרדאָרבן און מען טאָר אים ניט אָנפאַרטרויען אַזאַ געפערלאַך געווער, ווי מאַכט. רוסאָ האָט ניט געוואָלט וואַרטן. דאָס ערשטע מוז מען מאַכן די רעוואָלוציע, אַרויסרייסן מיטן וואָרצל די רויבערישע סיסטעם און אָפּשאַפן די געזעצן, אויף וועלכע זי האַלט זיך, און דעם מענטשנס איינגעבוירענער געפיל פון יושר און גערעכטיקייט וועט שוין לערנען און ווייזן דעם וועג, ווי איינצואָרדענען אַ געזעלשאַפט פון פרייהייט און יושר.

אין אַלע זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען האָט רוסאָ ניט נאָר געזוכט צו ד ע ר ו ו י י ז ן די פונדאַמענטאַלע גערעכטיקייט פונם געפיל, נאָר אויך אַרויסצורופן און וועקן די פיינסטע און נאָבלסטע געפילן. אין זיין דראַמע „פּיגמאַליאָן"

(געבויט אויף דער אַלטער לעגענדע, וועגן אַ סקולפּטאָר וואָס האָט זיך פאַרליבט אין זיין סטאַטוע פון אַ שיינער פרוי), האָט ער געזוכט אַרויסצורופן ליבשאַפט און רחמנות פאַרן אומגליקלאַכן קינסטלער דורך אַ רירנדיקער מוזיקאַלישער באַגלייטונג, וואָס ער האָט אַליין קאָמפּאָנירט. די דאָזיקע נייע פאָרם פון דראַמע וואָס ער האָט געשאַפן, האָט ער גערופן מ ע ל אָ ד ר אַ מ ע: דראַמע, באַגלייט פון געזאַנג. און אין דעם זין ווערט דאָס וואָרט געברויכט אין טעאַטער ביי יעדער פאָרשטעלונג, וואו אַ רירנדיקע דראַמאַטישע סצענע ווערט געשפּילט אונטער דער באַגלייטונג פון רירנדיקער מוזיק, מיטן צוועק אַריינצוברייננגען דעם צוהערער אין אַ צושטאַנד, וואו דער פאַרשטאַנד איז פאַרשלעפּערט און דער מענטש איז לויטער געפיל.

אַריינברייגענדיק די מוזיקאַלישע באַגלייטונג אַלס הילף פאַר דער רירנדיקער סיטואַציע, האָט רוסאָ אָפּגענויגט פונם שטרייגען געזעץ פון דער דראַמע, ניט אַריינצוברייננגען קיין אויסערלאַכן פאַקטאָר אין דער האַנדלונג, ניט „אונטערצושטופּן די האַנדלונג פון דרויסן", ווי ביעלינסקי דריקט זיך אויס. אָבער דער הויפּט-אויפטו באַשטייט אין דעם שפּיצל, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן דעם (פון אים פאַרהאַסטן) פאַרשטאַנד. פאַרשלעפּערנדיק אים מיט דער מוזיק, האָט ער אים געמאַכט אומפייאיק צו אורטיילן: צי איז די טראַגישע סיטואַציע אַ נאַטירלאַכער רעזולטאַט פונם לאָגיש-נויטווענדיקן גאַנג פון דער האַנדלונג, אָדער זי איז אַריינגעשלעפּט ביי די אויערן, דורך אַ קינסטלאַכן מיטל, דורך אַ היפּנאָז, ווערט דער צוהערער, וועמעס פאַרשטאַנד האָט ניט קיין שטאַרקע ווידערשטאַנדס-קראַפט, פאַרוואַנדלט אין אַ צוקראָכן-סענטימענטאַלער אידענע, פון וועמען מען קען צאַפּן

רחמנות און טרערן מיט יעדן אָנשטעל פון ליידן, מיט יעדן ביי די אויערן אַריינגעשלעפּטן אומגליק.

דאָס וואָרט מעלאָדראַמע האָט זיך גלייך איינגעבירגערט אין דער טעאַטער-טערמינאָלאָגיע, אָבער די באַדייטונג פונם וואָרט האָט איבערגעטראָטן די איינגע גרעניץ פון זיין טייטש: אַ דראַמע מיט געזאַנג, און האָט אָנגעהויבן געברויכט צו ווערן אין דעם זין פון דער ווירקונג פונם געזאַנג: צו פאַרשלעפערן דעם קריטיקירנדן שכל פונם צושויער און אים פאַרוואַנדלען אין אַ פּאַס צוקראַכענע געפילן, פון וועלכן מען קען צאַפּן עמערווייז רחמנות און טרערן. און אַזוי ווי די ווירקונג פונם געזאַנג קען דערגרייכט ווערן דורך פאַרשיידענע אַנדערע מיטלען: ווילדער טומל, איבערגעטריבן האַרצרייסנדיק געוויין, איבערגעטריבענע נאָבלקייט פון די העלדן און איבערגעטריבענע פאַרדאָרבנקייט פונם אינטריגאַנט, האָט דאָס וואָרט מעלאָדראַמע אָנגעהויבן באַצייכענען יעדע פּיעסע אין וועלכער עס ווערט באַנוצט קינסטלאַכע, אויסערלאַכע (ניט פונם נאַטירלאַכן גאַנג פון דער האַנדלונג אַרויסוואַקסנדיקע) פאַרהיפּנאָטיזירנדיקע מיטלען צו פּאַראַליזירן דעם פאַרשטאַנד פון שוואַך-מחדיקן צושויער און אים פאַרוואַנדלען אין אַ לעמעשקע, וואָס ווייקט זיך אין צוקראַכענע געפילן.

דאָס איז די אמתע באַדייטונג, די אמתע באַצייכענונג פון מעלאָדראַמע:

אַ טעאַטערשטיק מיט אַ טראַגישער סיטואַציע, אין וועלכער עס ווערן אָנגעווענדט קינסטלאַכע, אויסערלאַכע מיטלען צו פאַרשלעפערן, פאַרטויבן, פאַרטומלען דעם פאַרשטאַנד פונם צושויער און מאַכן פון אים אַ באַביצע מיט צו-

קראַכענע רחמנות־געפילן, וועלכע פאַרגיסט ריקעס טרערן, ווען זי לייענט אין די ווייבערשע קינות, אַז טיטוסעס פליג האָט געהאַט „אַ קופּערנעם פּיסק מיט אייזערנע נעגל, ווי איז מיר!"

ד אָ ס און נ י ט דער סוזשעט, ווי אויסערגעוויינלאַך און נסימדיק ער זאָל ניט זיין, לייגט אַרויף אויף אַ טעאַטער־שטיק דעם שטעמפּל „מעלאָדראַמע". אַ פּיעסע ווי „מרס. וואָררענס פּראָפעסיאָן", כאָטש דער סוזשעט איז פול מיט איבעראַשנדיקע, באַווילדערנדיקע פּאַסירונגען, איז בשום אופן ניט קיין מעלאָדראַמע, ווייל ד י ה אַ נ ד ל ו נ ג וועקט דעם פ אַ ר ש ט אַ נ ד, אָ נ ש ט אָ ט צו ז ו כ ן א י ם צ ו פ אַ ר ש ל ע פּ ע ר ן. און דער מיטלייד מיט מרס. וואָררען קומט פון דער א י נ ע ר ל י כ ק י י ט פון דער סי־טואַציע, ניט דורך אויסערלאַכע קונצען און פאָקוסן.

אַקעגן זיינען דאָ טעאַטערשטיק מיט שטילע, טאָג־טעג־לאַכע ר ע אַ ל י ס ט י ש ע פּאַסירונגען, וואָס זיינען מעלאָ־דראַמען פונם אָפּשטויסנדיקסטן סאָרט, ווייל עס ווערן אין זיי אַריינגעשלעפּט אומנויטיקע, איבעריקע און פרעמדע סצענען, מיטן איינציקן צוועק צו צאַפּן טרערן, ווי דאָס טראָגן איבער־דער בינע די מתים אין דימאָווס „שמע ישראל". די יאָרצייט־ליכט און די שוידערלאַכע האָספּיטאַל־סצענען אין איניקע פון ליבינס פּיעסן, וועלכע האָבן דיזעלבע ווירקונג, ווי די „מאַמעניו"־לידלאַך און די „אל מלא רחמימס" אין די 18־קאַראַטיקע מעלאָדראַמען.

ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, באַצייכנט „מעלאָדראַמע" אויך דעם א ו פ ן פ ו ן ש פּ י ל ן: איבערגעטריבענע גע־שרייען און יללות, איבערגעטריבענע שטומע אויסדרוקן פון פאַרצווייפלונג און צער, וועלכע ווירקן אָפט שטאַרקער, ווי

די מוזיקאַלישע באַגלייטונג, צו פאַרהיפּנאָטיזירן דעם פאַר־שטאַנד. אָבער, כאָטש דער דאָזיקער אופן פון שפּילן איז אַן אויסערלאַכער, געקינסטלטער, אַן אויפריכטיקע איבער־לעבונג, און דעריבער נאָענטער צו פאָקום ווי קונסט, זיינען אָבער דאָ אַקטיאָרן און אַקטריסעם (מערסטנס די לעצטע) וואָס זיינען אויך אין מעלאָדראַמע אמתע קינסטלער, ווייל זיי האָבן די זעלטענע קראַפט צו פאַרהיפּנאָטיזירן ניט נאָר דעם פאַרשטאַנד פונם צושויער, נאָר אויך זייער אייגענעם. און דאַן שפּילן זיי שוין ניט געקינסטלט, נאָר שעפּע־ריש, מיט אויפריכטיקער אינערלאַכער איבערלעבונג. אויף אונזער בינע האָבן מיר, ווי זוויט מיר איז באַקאַנט, איין איינציקע אמתע קינסטלערין פון מעלאָדראַמע: דזשעני גאָלדשטיין.

31.

די פירמע מאַקס געביל און דזשעני גאָלדשטיין.

אין די מעלאָדראַמען פון דער פירמע „מאַקס געביל און דזשעני גאָלדשטיין‟, איז זי אימער די אומגליקלאכע און פאַר־אומגליקטע און אַ וועלט מיט מענטשן וויינט אויף איר צער. מענטשן וויינען אויך אויפן צער פון אַנדערע אַקטריסעם און אַקטיאָרן, וואָס שפּילן די העלדנראָלן אין מעלאָדראַמען, אָבער דער אונטערשייד צווישן זיי און דזשענין איז ווי צווישן אַרויסגעצוואונגענע טרערן און האַרציקע טרערן, ווי צווישן אַ געוויין פון אַ קינד, ווען מען שלאָגט עס, און אַ געוויין פון אַ קינד, וועמעס הערצעלע ווערט צוריסן פון אַ טיפן נשמה־צער. און נאָך אַ גרויסער אונטערשייד איז דאָ צווישן די אַנדערע מעלאָדראַמאַטישע שוישפּילער און דזשענין. די

ערשטע קענען ווירקן בלויז אויף די פשוטסטע מענטשן, די וואָס מען קען אָפּנאַרן, די וואָס זעען ניט די לעכער און די פאַרסטריגעס פון דער מעלאָדראַמע. ביי דזשענין ווינען די אינטעליגענטסטע מענטשן פונם פובליקום, ווייל ביי איר, דורך איר שפּילן, דורך דעם גרויסן אמת וואָס זי ברענגט אריין אין איר שפּילן, פאַרשווינדן אַלע לעכער און פאַרסטריגעס. זי איז אַזוי פולשטענדיק פאַרשלונגען פון איר אומגליקלאַכער לאַגע, איר געוויין און איר פאַרצווייפלונג זיינען אַזוי נאַטיור־ערלאַך, אַז יעדער מענטש מיט אַ האַרץ מוז מיטפילן און מיט־ווינען מיט איר.

וואָרים דזשעני איז איינע פון די מערקווירדיקסטע טיפּן, סײַ אַלס מענטש און סײַ אַלס קינסטלערין.

זי איז צוויי באַזונדערע, דיאַמעטראַל אַנטקעגנגעזעצטע מענטשן, וואָס לעבן צוזאַמען אין פולשטענדיקער האַרמאָני.

זי טראָגט אין איר נשמת אַ וואונדערלאַכערן צווילינג, ווי רבקהס :

אַ פשוטן, תמימותדיק גלויבנדיקן מענטשן, און אַ קלוגן, דורכגעטריבענעם, אינטעליגענטן מענטשן. און איינער זוכט ניט צו געוועלטיקן איבערן אַנדערן, אָדער באַאיינפלוסן דעם אַנדערן.

דער נאַאיווער מאָראַל און די אויף הינערשע פיסלאַך אויפגעשטעלטע טראַגעדיע פון דער מעלאָדראַמע, זיינען צו־געפּאַסט צו דער פילאָזאָפיע און צום אויג פון פשוטן פאָלקס־מענטשן. און דזשעני ווערט פונקט מיט אַזאַ תמימות פאַר־כאַפּט פון זיי אויף דער בינע, ווי איר תמימותדיק פובליקום. און דערפון קומט איר צויבערלאַכע אויפריכטיקייט, וועלכע

ווירקט מיט אַזאַ מיטרייסנדיקער קראַפט אויפן אינטעליגענטן פּונקט ווי אויפן פּשוטסטן מענטשן.

דזשעני איז תמימותדיק-פאָלקסטימלאַך אויך אין לעבן. זי לייענט קריאת-שמע פאַרן שלאָף. זי גייט צו איר טאַטנס קבר און בעט פון אים געזונט פאַר איר מאַמע, פּרנסה פאַר אירע קרובים. זי גלויבט אין אָפּשפּרעכן און האָט מורא פאַר אַן עין הרע. און די אַלע נאַאיוויטעטן גיבן איר צו פּונקט אַזאַ וואונדערלאַכן חן אין לעבן, ווי איר צויבערלאַכער חן אויף דער בינע.

אָבער נעמט זי אַוועק פון איר רעליגיע און פון אירע מעלאָדראַמעס, איז זי אַ קלוגער, דורכגעטריבענער, אינטע-ליגענטער מענטש, און דעריבער קען זי אויך שפּילן מיט אַ טיפן פאַרשטיין און מיט אַ מיטרייסנדיקן צויבער אַ קאָמפּלי-צירטן כאַראַקטער און אַ קאָמישע ראָלע, פּונקט ווי אַ העלדין פון אַ מעלאָדראַמע.

עס איז איבערהויפּט אַ מערקווירדיקע קאָמבינאַציע די פירמע „מאַקס געביל און דזשעני גאָלדשטיין". עס איז אַ פאַבריק פון מעלאָדראַמע, וואָס דאַרף טראָגן דעם מאָטאָ:

„פונם פאַבריקאַנט צום פאַרברויכער".

און דאָס איז דער סוד פון דער פירמעס וואונדערלאַכן דערפאָלג.

געביל שרייבט די מעלאָדראַמע, פירט זי אויף, און ער און דזשעני שפּילן די הויפּט-ראָלן, וועלכע זיינען מייסטער-האַפט צוגעפּאַסט צו זייערע טאַלאַנטן און צו זייערע וואונ-דערלאַכע פאַכמענישע מיטל.

אַלס אַקטיאָר איז געביל פּונקט דער קעגנזאַץ פון דזשע-ניז, ווייל ער איז דער קעגנזאַץ פון איר אין לעבן. ער קען ניט שפּילן מעלאָדראַמאַטיש. ער קען זיך ניט אַריינלעבן

אין קיין פאַלשער סיטואַציע, אין קיין פאַלשער ראָלע, ווייל ער איז אַ פולשטענדיקער רעאַליסט. ער האָט אַ געזונטען פאַרשטאַנד, וועלכער איז שטענדיק וואַכעדיק און דרינגט אריין טיף אונטער דער איבערפלאַך פון זאַכן, וואו ער דער־זעט יעדן באַהאַלטענעם ליגן. אָבער ער עסט זיך ניט אָפּ דאָס האַרץ דערפון. ער וויל ניט איבערמאַכן די וועלט. ער לאַכט פון איר מיט אַ פילאָזאָפיש־ציניש געלעכטער און פאַסט זיך צו צו איר. אַלס אַקטיאָר שפּילט ער פאַלשע ראָלן אויך, אָבער אַן אמתער קינסטלער איז ער אין אַ נאַטירלאַכער, גע־זונטער כאַראַקטער־קאָמישער ראָלע.

שרייבט ער פאַר זיך אַזעלכע ראָלן, סיידן ווען דער סוזשעט צווינגט אויף אים ארויף אַ מעלאָדראַמאַטישע ראָלע. דאַן פאַרדעקט ער די אומאויפריכטיקייט, די ניט־שעפעריש־קייט, דאָס ניט קענען פילן און זיך אריינלעבן אין דער ראָלע, מיט זיין קלוגשאַפט, וועלכע גיט אים די מעגלאַכקייט אָפּצו־נאַרן דעם צושויער און אים מאַכן גלויבן, אַז ער שפּילט זיין פאַלשע ראָלע, דעם זינלאָזן ליגן פון דער סיטואַציע, ווי ער וואָלט אים באַטראַכט פאַר אַן אמת.

פאַר דזשעניען שרייבט ער די שטאַרקע הונדערטפּראָצענ־טיקע מעלאָדראַמאַטישע ראָלע מיט איין איבערגעטריבענער טרערן־־צאַפּנדיקער סצענע שטאַרקער פון דער אַנדערער. אין דער פולער זיכערקייט, אַז דזשעני וועט שוין אַזוי שפּילן, אַז מען וועט איר אַלצדינג גלויבן און זי וועט פאַרוואַנדלען דאָס טעאַטער אין אַ ווייבערשער שול צו הזכרת נשמות. און ער ווערט קיינמאָל ניט אַנטוישט אין זיין דזשעניען. וואָרים איר מערקווירדיקער כח צו פאַרהיפּנאָטיזירן צוזאַמען מיטן פּובליקום אויך זיך אַליין, איר אייגענעם פאַרשטאַנד, און

אַרויסרופֿן אין זיך אַ שטאַרקן, תמימותדיקן גלויבן אין דעם זינלאָזן ליגן פֿון איר טראַגישער לאַגע, געווינט פֿאַר איר די טיפֿסטע סימפּאַטיע פֿונם פּובליקום און איר יעדער קרעכץ, איר יעדע מינע פֿון פֿאַרצווייפֿלונג, צאַפּט טרערן, כאָטש אָפּט זיינען די טרערן פֿון דעם כאַראַקטער ווי די טרערן וואָס ווערן פֿאַרגאָסן ביים „קופּערנעם פּיסק מיט אייזערנע נעגל“ פֿון טיטוסעם פֿליג.

און זי דאַרף זיך גאָרניט צופֿיל אָנשטריינגען. זי דאַרף ניט שרייען און קלאָגן מיט באַנומענע קולות. איר שטילער קרעכץ און שטילע טרער, איר ד ע ר צ י י ל ן בלויז איר צער און איר ווייטיק, זיינען גענוג צו צוברעכן די הערצער פֿונם פּובליקום. זי דערגרייכט דאָס מיט דער קראַפֿט פֿון איר זעלבסט־היפּנאָז, וועלכער ברענגט אַריין אַזוי פֿיל אויפֿ־ריכטיקייט, אַזוי פֿיל אמת, אין איר שפּילן. אַנדערע שפּילן רעאַליסטישע ראָלן מעלאָדראַמאַטיש. דזשעני שפּילט מעלאָ־דראַמאַטישע ראָלן רעאַליסטיש. היינט קען מען זיך שוין פֿאָרשטעלן וואָס פֿאַר אַ קינסטלערין זי וואָלט געווען, ווען זי וואָלט געשפּילט רעאַליסטישע דראַמען פֿון באַגאַבטע דיכ־טער, וואו די טראַגישע סיטואַציע איז אויפֿגעשטעלט אויף אַ געזונטן פֿונדאַמענט און מען דאַרף ניט קיין אויסערלאכע קינסטלאכע מיטל צו געווינען די סימפּאַטיע פֿונם שוואַך־מח־דיקן צושויער.

אָבער געביל וויל דוקא דאָס שוואַך־מחדיקע פּובליקום, ווייל עס איז גרויס אין צאָל און עס האָט ליב שטאַרק צו וויינען און שטאַרק צו לאַכן, און עס איז גרינג עס צו באַ־וועגן צו ביידע. אָבער עס פֿילט זיך גליקלאכער נאָך אַ האַר־ציקן אויסוויינען זיך ווי נאָך אַ בויך׳דיקן אָנלאַכן זיך. מיט

דער מעלאָדראַמע גיט ער אים אי געוויין, אי געלעכטער, אי דאָס גליקלאַכע געפיל פון נ אָ כ ן געוויין.

און ער גייט אויף אַן אייזערנעם בריק, ווייל ער האָט דזשעניִן. מיט איר מערקווירדיקן, אויסערגעוויינלאַכן כח צו פּאַרהיפּנאָטיזירן זיך אַליין אין דער צייט וואָס זי פּאַרהיפּנאָטיזירט דאָס פּובליקום.

.32

דער הויפּט־כח פונם מעלאָדראַמאַטישן היפּנאָז.

ביז איצט האָבן מיר געזען אין דער מעלאָדראַמע צוויי כחות וואָס ווירקן צו פּאַרהיפּנאָטיזירן דאָס פּובליקום:

1) די פאַלשע רחמנות־וועקנדיקע סיטואַציע.

2) דער אופן פונם שפּילן, וואָס פאַרשטעלט פונם צושויער די פאַלשקייט פון דער סיטואַציע.

עס זיינען אָבער דאָ נאָך צוויי כחות, וואָס טראָגן ביי זייער פיל צום אויפהאַלט פונם היפּנאָז:

3) דער ראָמאַנטיזם פון די מעלאָדראַמע.

אין דער מעלאָדראַמע ווערט שטענדיק דורכגעפירט די מעטאָדע פון דער ראָמאַנטישער שול צו ווייזן דאָס לעבן אין גאָלדענע קאָלירן. אַלץ איז שיין און גוט און גערעכט אין לעבן. עס געשעט שטענדיק, וואָס די ראָמאַנטיקער האָבן גערופן „פּאָעטישע גערעכטיקייט“. דעם ערלאַכן העלפט גאָט. ער ליידט אַ שטיקל צייט, אָבער צום סוף ווערט ער אויפגעריכט און טריאומפירט איבער זיינע שונאים. און דער שלעכטער ווערט באַשטראָפט. יעדער חלום, יעדע האָפנונג פונם אָרימען און ליידנדן ווערן פאַרווירקלאַכט. אין לעבן

שטייט ער מיט די אויגן אויפגעהויבן צו די בערג און פרעגט: „פון וואַנען וועט קומען מיין הילף?" און האָפט קענען יעדער האָפנונג אויף אַ נס, וועלכער געשעט ניט. אין דער מעלאָ־דראַמע געשעט דער נס. דער אָרימאַן קריגט פּלוצים אַ ירושה. דער בלינדער הויבט מיט אַמאָל אָן צו זען. אַ דיקער פאַרהאַנג פאַרשטעלט יעדע אומגערעכטיקייט פונם לעבן, וואָס קען וועקן אומצופרידנקייט. פאַרשפּאַרט איז יע־דעם שפּעלטעלע פונם מח, דורך וועלכן עס קען אריינוויען אַ ווינטעלע פון צווייפל אין דער גערעכטיקייט פון דער וועלט־אָרדנונג און אין דער געטלאַכקייט פון דער עלטער־באָבעס מאָראַל און אַבערגלויבן. אַלץ וואָס קען, חלילה, אַ שטורכע טאָן דעם פאַרשטאַנד און אים אַרויסברייננגען אויף אַ רגע פון זיין איינגעשלעפערטן צושטאַנד, ווערט באַזייטיקט.

אָבער דער שטאַרקסטער פאַקטאָר אין אַרויסרופן און אויפהאַלטן דעם מעלאָדראַמאַטישן היפּנאָז איז אַ פערטער כח:

4) דער ווילן פונם צושויער צו ווערן פאַרהיפּנאָטיזירט.

דער מענטש וויל אַנטלויפן פון דערווירקלאַכקייט.

פאַרן אָרימאַן איז די ווירקלאַכקייט אַ מאַטערניש, אי מאַטעריעל, אי גייסטיק. זי באַפרידיקט ניט זיינע פּשוטסטע פיזישע פאַרלאַנגען און זי איז פאַר אים גרוי, מאָנאָטאָן, פול מיט שרעקן און אומדערגרייכבאַרע וואונטשן און שטרעבונ־גען. אבער אפילו דער רייכסטער איז גייסטיק אין דערזעל־בער לאַגע, ווי דער אָרימאַן. זיין רייכטום קען אים ניט באַ־שיצן פון די שרעקן פונם לעבן, און די באַפרידיגונגען וואָס ער קען קויפן מיט זיין רייכטום זיינען באַגרעניצט — אין דער צייט, וואָס דאָס בייַנקען און גאַרן נאָך אַלץ נייע און נייע

איבערלעבונגען הערן קיינמאָל ניט אויף. „דאָס אויג ווערט ניט אָנגעזעטיקט צו זען און דער אויער ווערט ניט אָנגעפילט צו הערן". אַנטלויפט דער מענטש פון דערווירקלאַכקייט צו די שאַפונגען פון דער פאַנטאַזיע, וועלכע גיבן אים די טרייסטונגען און איבערלעבונגען און אָטעם-פאַרכאַפונגען, וואָס ער קען ניט געפינען אין לעבן. אומבאַוואוסטזיניק גייט דער מענטש אין טעאַטער אַריין מיטן צוועק צו אַנטלויפן אויף צוויי שעה פון דער ווירקלאַכקייט, איבערצולעבן עפּעס, וואָס זאָל פאַר אים פאַרטרייבן די גרויקייט און מאָנאָטאָניע פונם לעבן און מיטצולעבן מיט די העלדן זייער טריאומף איבער די בייזע כחות פונם לעבן. אובאַוואוסטזיניק גייט ער אין טעאַ־טער אַריין פאַרשלעפערט צו ווערן און חלומען אַ זיסן חלום. דאָס איז דער הויפט־כח, וואָס העלפט דער מעלאָדראַמע דורכצופירן איר היפנאָז: אַריינצובריינגען דעם צושויער אין אַ צושטאַנד, אַז ער זאָל אָננעמען פאַר אַן אמת אַזאַ פאַלשע לאַגע, וואָס אין לעבן וואָלט ער פון איר קיינמאָל ניט גע־קענט אָפּגענאַרט ווערן. דאָס, דער ווילן פונם צושויער צו ווערן פאַרהיפּנאָטיזירט, איז דער כשוף וואָס די בינע באַ־זיצט צו מאַכן גלויבן דאָס אומגלויבלאַכע און זינלאָזע. צו פאַרוואַנדלען אַ פּובליקום פון קלוגע פּראַקטישע מענטשן אין נאַאיווע קינדער.

אין דעם „אידישן קעניג ליר" קומט דוד משהלעס אַהיים פון דאַוונען, נאָכדעם ווי ער האָט אָוועקגעגעבן די קינדער זיין פאַרמעגן. ער איז הונגעריק. ער וויל אַ שטיקל רעטאַך. שרייט ער און געוואַלדעוועט, און מען גיט אים ניט קיין שטיקל רעטאַך. איז אַ רחמנות אויף אים, און מען וויינט מיט בי־טערע טרערן. וואָלט מען אַרויפגעטראָגן אַ טעלער רעטאַך מיט שמאַלץ אויף דער בינע, וואָלט געווען אוים טראַגעדיע.

און קיינעם פונם פובליקום פאַלט ניט איין צו פרעגן:

„רבונו של עולם! אַ טראַגעדיע איבער רעטאַך?"

אין איין סצענע צעשרייט זיך דוד משהלעם אויף זיין שלעכטן איידים:

„אַהער גיב די שליסל פון מיינע קלייטן!"

און דער איידים ווערט אַ פאַרצוטערטער און גיט אים אָפּ די שליסל.

דאַכט זיך גוט, האַ? אוים טראַגעדיע. גיט אָבער דוד משהלעם אָפּ צוריק די שליסל דעם איידים. איינמאָל האָט ער אוועקגעגעבן, נעמט ער ניט צוריק.

עס זיצן אין פובליקום הונדערטער קלוגע, פראַקטישע מענטשן. ווען זיי וואָלטן בייגעוואוינט אַזאַ סצענע אין לעבן, ווי אַ טאַטע גיט אוועק צוריק דאָס פאַרמעגן אַ פאַרדאָרבע־נעם איידים, וואָס זשאַלעוועט אים אַ שטיקל רעטאַך, נאָכדעם ווי ער האָט שוין דאָס פאַרמעגן צוריק אַרויסגעקראָגן פון אים, וואָלטן זיי געזאָגט:

„והאַט עי דעם פול!"

און ווען זיי וואָלטן אים דערנאָך געזען ליידן, וואָלטן זיי געזאָגט:

„אַ מצוה אויף אים!"

אָבער ווען זיי זעען דאָס אויף דער בינע, ווערט פון זיי אָפּגענומען דער שכל, זייער גאַנצע פראַקטישקייט, און זיי גלויבן, ווי נאַאיווע קינדער, אַז אַזוי האָט דער טאַטע געמוזט האַנדלען, און זיי פאַרגיסן טרערן אויף זיינע ליידן.

גייט אַרום אַ מאַמע אויף דער בינע, אַן אַלמנה, און קלאָגט, וואָס אירע קינדער, וועלכע זיינען אַלע פאַרהייראַט און רייך, באַהאַנדלען זי ניט גוט. זי איז געווען אַ גוטע, אַ געטרייע מאַמע, איז טאַקע אַ רחמנות אויף איר. קומט

צוגיין אַ מאַן, אַ פיינער, קלוגער מאַן, אַ דערפאָלגרייכער ביזנעסמאַן, און בעט די מאַמע, זי זאָל חתונה האָבן מיט אים. ער פאַרזיכערט זי, אַז עס וועט איר זיין ביי אים גוט ווי די וועלט, און זי ווייסט, אַז ס׳וועט איר טאַקע זיין גוט ביי אים, אָבער זי וויל ניט חתונה האָבן מיט אים. פאַרוואָס? די קינדער וועלן ניט זיין צופרידן מיטן שידוך.

„איך בין געווען אַ מאַרטירערין ביז איצט" — כליפּעט זי — „צוליב מיינע ק־ק־קינדער, וועל איך מיך שוין אַזוי אָפּ־מוטשען בי־בי־ביז אין טויט אריין".

און ביים פּובליקום ווערן די הערצער צעריסן פון רחמנות און צער.

אין לעבן וואָלט יעדע פרוי געזאָגט צו אַזאַ מאַמע:

„נאַרישע אידענע! ביי די קינדער איז אייך שלעכט. זיי זיינען אַלע פאַרהייראַט און פאַרזאָרגט. פאַרוואָס זאָלט איר ניט חתונה האָבן מיט אַזאַ פיינעם, לייטישן מאַן און זיך אויפהערן פּלאָגן? מען דאַרף דאָך אַ משוגענעם אוים־שרייבן און אייך אריינשרייבן".

אָבער ווען דאָס קומט פאָר אויף דער בינע, איז די נאַ־רישע, משוגענע פרוי, וועלכע וויל זיין אַ מאַרטירערין אָן אַ פאַרוואָס, אַ טייערע, איידעלע נשמה, וועלכע ווערט געמאַ־טערט פון אַ בייזן שיקזאַל, און מען פאַרגיסט טייכן טרערן אויף אירע ליידן.

וואָרים דער פּראַקטישער שכל פון די צושויער שלאָפט. זיי זיינען געגאַנגען (אומבאַוואוסטזיניג) איינגעשלעפערט צו ווערן. האָבן דער פאַרפאַסער און די אַקטיאָרן ניט געהאַט קיין שווערע אַרבייט זיי צו פאַרוויגן און פאַרזינגען צום שלאָפן.

דאָס דערקלערט, פאַרוואָס ס׳איז אַזוי גרינג פאַר די טאַ־לאַנטלאָזע און אומוויסנדיקע לאַטוטניקעס פון פיעסן צו געבן „סוקסעסן״. זיי האַלטן זיך פאַר מסוכנע חכמים און ריידן זיך איין, אַז זיי זיינען גרויסע בריות „צו נעמען מוישן אויף זיכער״ עס הויבט זיך גאָר ניט אָן. זיי נ ע מ ע ן ניט מוישען. „מוישע״ גייט לכתחילה אין טעאַטער צו ו ו ע ר ן ג ע נ ו מ ע ן. ער גייט אינסטינקטיוו צו ווערן אַ קליין קינד, און זיי זיינען די ניאַנקעס, וואָס פאַרוויגן אים און פאַרזינגען אים צום שלאָף.

זיי האָבן פונקט אַזאַ שווערע אַרבעט, ווי דער בוטלעגער צו פאַרקויפן זיין פאַרגיפטעטן שנאַפּס. די טרינקער ז ו כ ן אים, ווייל זיי ווילן אַנטלויפן אויף אַ פּאָר שטונדען פון דער ווירקלאַכקייט.

און דאָס דערקלערט אויך פאַרוואָס די קינסטלערישע, רעאַליסטישע דראַמע אַפּעלירט ניט מיט אַזאַ קראַפט צו די ברייטע מאַסן, ווי די מעלאָדראַמע, כאָטש אין דער ערשטער האָט דער דיכטער געשאַפן אַ געזונטע, רירנדע סיטואַציע, וואו אַלעס איז לאָגיש און פעסט באַגרינדעט און עס איז ניט נויטיק צו פאַרשלעפערן דעם פאַרשטאַנד פונם צושויער, כדי צו באַשאַפן פאַר אים די נויטיקע אילוזיע. וואָרים דער רע־אַליזם גיט דעם פשוטן, צוריקגעשטאַנענעם מענטשן פונקט דעם היפוך פון וואָס ער וויל. ער וויל שלאָפן, און דער רע־אַליזם וועקט אים. ער וויל דעם איינוויגנדן, פאַרזינגנדן ליגן, און דער רעאַליזם גיט אים דעם צאָרן־אַרויסרופנדן אמת. איז דאָס נאָך ווייניק, קריגט ער זיך מיט אים.

די מעלאָדראַמע, וועלכע האָט איבערגענומען די פּראַק־טישע טייל פונם ראָמאַנטיזם, אָן זיין שיינקייט און רייכן פאַנטאַזיע־שוואונג, גיט זיך יעדע מי צו חנפענען דעם צו־

שויערם סענטימענטאַליטעטן און אבערגלויבנס. דער רע-אַליזם ווייזט אים זייער זינלאָזיקייט און שעדלאכקייט. די מעלאָדראַמע פירט זיך לויט וואַנאַמייקערס פּרינציפּ, אַז „דער קאַסטאָמער איז תמיד גערעכט". דער „אומפּראַקטישער" רעאַליזם אַרגומענטירט מיט זיינע „קאַסטימערס" און רעגט זיי אויף קעגן זיך. זיי זיינען געקומען א י נ ש ל ע פ ע ר ן זייער פאַרשטאַנד, און ער וועקט אים! זיי זיינען געקומען א נ ט ל ו י פ ן פון דער ווירקלאַכקייט, און ער שטעלט זי אוועק פאַר זייערע אויגן!

די מעלאָדראַמע ציט איר הויפּט-כח פון דעמזעלביקן קוואַל, ווי די רעליגיע. די שענסטע רעליגיע, מעג זי האָבן די לאָגישסטע פּרינציפּן און די פּראַקטישסטע לעבנס-פילאָזאָפיע, איז באַפעסטיגט דורך אַזעלכע קינדערש-נאַאיווע לע-גענדעס און ווילדע נסים, אַז דער פריידיינקער וואונדערט זיך: ווי קענען מיליאָנען פּראַקטישע מענטשן גלויבן אין אַזעלכע אבסורדיטעטן?!... אויף די אַלטע רעליגיעס קען מען נאָך געפינען אַ תירוץ זיי לויפן שוין אין בלוט פון זייערע אָנ-הייגער, זיי זיינען איינגעזויגן געוואָרן מיט דער מוטערס מילך. אָבער די נייע, וואָס ווערן געבוירן פאַר אונזערע אויגן, אין אונזער צייט פון ברייט-פאַרשפּרייטער וויסנשאַפט און אויפקלערונג, ווי אַזוי קריגן ז י י אַזוי פיל מיליאָנען אָנ-הייגער? ווערן גאָר די מענטשן ניט קליגער? ווערן גאָר זייערע מחות ניט באַרירט פון די אַלץ-וואַקסנדיקע אַנטדע-קונגען און דערפינדונגען, וואָס האָבן אַזוי פיל אויפגעטאָן צו באַזיגן די נאַטור-קרעפטן און צו פאַרטרייבן די אַלטע שרעקן און אַבערגלויבנס?

די דערקלערונג איז, אַז טראָץ דער ווייט-פאַרשפּרייטער וויסנשאַפט און אויפקלערונג, וועלכע דרינגען בישלאַכווייז

אַריין אינם מח פונם דורכשניטלאַכן מענטשן איז ער פּונקט אַזוי לייכטגלויביק און אַבערגלויביש ווי אַמאָל. ווייל די ווירקלאַכקייט איז פאַר אים אומדערטרעגלאַך און ער וויל פון איר אַנטלויפן. דאָס לעבן איז צו מאָנאָטאָן. יעדן טאָג דיזעלבע היים, דיזעלבע באַשעפטיקונג, דיזעלבע אומגעבונג, דיזעלבע געזעלשאַפט. ער בענקט נאָך אַ שאַרפער אויפרעגנדער איבערלעבונג, נאָך אַ „טריל“. ער וויל אַנטלויפן פון דער גרויער שטיקנדער ווירקלאַכקייט אין אַ פרעמדן, פאַנטאַסטישן לאַנד אַריין. קומט די רעליגיע און נעמט אים אָן ביי דער האַנט און פירט אים אַריין אין לאַנד פון זיין גאַרן און בענקען. די אַלע וואונדער-מעשיות פון די רעליגיעס, די מופתים פון די צדיקים, די איבערנאַטירלאַכע אויפטואונגען פון די משיחים און ספּיריטואַליסטן — זיי זייגען אַלע דעם דורכשניטלאַכן מענטשנס מעלאָדראַמע. ער לאָזט זיך מיטרייסן פון זיי, ער וויל אין זיי גלויבן, ווייל ער זוכט שטענדיק אַ „טריל“, אַ שאַרפע איבערלעבונג, וועלכע ער קען ניט געפינען אין דער ווירקלאַכקייט. אין דעם זין איז די באָלשעוויסטישע לאָזונג „די רעליגיע איז אָפּיום פאַרן פאָלק“ אַ פולשטענדיקער אמת. אָבער כאָטש די פּראָפּאַגאַנדע קענגן איר איז נויטיק, קען אָבער די רעליגיע ניט באַקעמפט ווערן דורך אַזעלכע לאָזונגען און ניט דורך מיליאָנען אפּיקור-סישע זשורנאַלען. די ווילדע ליגנס פון דער רעליגיע וועלן פאַרשווינדן פון זיך אַליין ווען דאָס לעבן וועט אויפהערן זיין אַ שווערע, שטיקנדיקע משא פאַרן מענטשן און ער וועט ניט וועלן אַנטלויפן פון דער ווירקלאַכקייט.

דאַן וועט דער מענטש אויך ניט קענען איבערטראָגן די ווילדע ליגנס פון דער מעלאָדראַמע, פון וועלכער ער ווערט פאַרהיפּנאָטיזירט ווייל ער וויל פאַרהיפּנאָטיזירט ווערן.

כּדי צו אַנטלויפן פון דער גרויקייט און מאָנאָטאָניע פונם לעבן.

מיר קענען איצט געבן אַ קלאָרן און באַשטימטן ענט־פער אויף דער פראַגע:

וואָס פאַר אַ מין פּיעסע איז אַ מ ע ל אָ ד ר אַ מ ע ?

די מעלאָדראַמע ווערט דערקענט דורך די פאָלגנדיקע סימנים:

1) זי ווענדט אָן אויסערלאַכע, קינסטלאַכע מיטלען צו פאַרוואַנדלען דעם צושויער אין אַ באַביציע מיט צוקראָכענע געפילן, כּדי צו צאַפּן פון אים רחמנות און טרערן (אין דער צייט וואָס אין קונסט־ווערק קומט דער רחמנות פון דער א י נ ע ר ל י כ ק י י ט פון דער האַנדלונג, פון וועלכער די טראַגישע סיטואַציע וואַקסט אַרויס אויף אַ נאַטירלאַכן אופן, ניט ווערנדיק „אונטערגעשטופּט פון דרויסן").

2) זי פאַרשלעפּערט דעם צושויערס פאַרשטאַנד און ווייזט אים דאָס לעבן אין דעם צויבער־שפּיגל פון זיינע שענ־סטע חלומות (ערלאַכקייט און אומשולד טריאומפירן איבער פאַלשקייט און רשעות. גאָט פירט די וועלט נאָכן פּשוטן מענטשנס באַגריף פון יושר און גערעכטיקייט).

3) זי חנפעט די אָנגענומענע וועלט־אָנשויאונגען, די הערשנדע מאָראַל, די סענטימענטאַליטעטן און אַבערגלויבנס פונם פּשוטן מענטשן — כּדי ניט אַרויסצוברייננגען דעם צו־שויער פון זיין שלאָף און אים ניט אויפצורייצן קעגן זיך.

און עס איז זעלבסטפאַרשטענדלאַך, אַז די דאָזיקע כאַ־ראַקטערשטריכן פון דער מעלאָדראַמע שטעלן זי אַוועק אין דער קאַטעגאָריע פון די סאָציאַלע פאַקטאָרן, וואָס דינען דעם

הערשנדיקן קלאַס. העלפנדיק אים האַלטן די מאַסן אין זעלבסטצופרידענער אומוויסנקייט און טויטנדיק אין זיי יעדעם רעבעלירנדע געפיל. און עס איז אויך קלאָר, אַז זי איז שטענדיק אומקינסטלעריש, ווייל די אילוזיע וואָס זי באַשאַפט קען נאָר מאַכן אַן איינדרוק אויפן מענטשן, ווען זיין פאַרשטאַנד איז פאַרשלעפערט און זיין אויג פאַרבלענדט. עס איז די אילוזיע פונם פאָקוסניק.

דאָס אמתע קונסטווערק וועקט דעם פאַרשטאַנד, ווייל די אילוזיע וואָס עס באַשאַפט איז ווירקלאַכער און אמתער ווי די ווירקלאַכקייט, און דער אמת האָט ניט קיין מורא פאַרן שכל. שכל און אמת זיינען צוויי געטרייע חברים, וואָס האַלטן זיך שטענדיק צוזאַמען און העלפן שטענדיק איינער דעם אַנדערן.

33.

טענדענץ.

די אַלע געשרייען קעגן „לערנען" און „פרייִדיגן" זיינען אַן אָפּקלאַנג פון אַן אַלטן קאַמף, וואָס איז געפירט געוואָרן צווישן ליטעראַטור־קריטיקער וועגן פראָפּאַגאַנדיסטישע ווערק אין אַ בעלעטריסטישער פאָרם:

עס ווערט דערציילט אַ מעשה, אין וועלכער די האַנדלענדע פערזאָנען דיסקוטירן אַ געוויסע פראַגע. די מעשה איז נאָר אַן אויסרייד פאַר די דיסקוסיעס. זי פאַרנעמט דאָס אָרט פון דער ליברעטאָ אין דער אָפּערא, וואו די האַנדלונג איז נאָר אַן אויסרייד פאַר דער מוזיק און די טענץ.

אַזאַ פאָרם פון פּראָפּאַגאַנדע ווערט אָנגערופן טענדענציעזע, אָדער דידאַקטישע ליטעראַטור. די דאָזיקע

בלומרשטדיקע בעלעטריסטיק איז שטאַרק אַנטוויקלט געוואָרן אין רוסלאַנד, וואו יעדעס פרייע וואָרט איז געווען פאַרבאָטן.

אַז אַזעלכע ווערק האָבן אַ גרויסן ווערט אַלס אויפקלערנדע ליטעראַטור, וואָס דינט העכערע געזעלשאַפטלאַכע אידעאַלן, איז קיין פראַגע ניט. עס זיינען אָבער געווען קריטיקער, וואָס האָבן אַזעלכע ווערק באַטראַכט פאַר שיינע ליטעראַטור און האָבן זיך באַצויגן צו זיי ווי צו קונסטווערק. די עסטעטיקער, וועלכע האָבן געהאַט אַ גרינטלאַכע באַקאַנטשאַפט מיט די פרינציפּן פון קונסט און מיט די וועגן ווי אַ קינסטלעריש ווערק ווערט געשאַפן, האָבן דאָס שאַרף באַקעמפט, באַוויייזנדיק, אַז אַזעלכע ווערק באַלאַנגען ניט צו בעלעטריסטיק און מען קען גאָר ניט אַנווענדן אויף זיי דעם מאַסשטאַב פון קונסט.

וואָרים אין דעם קונסטווערק זיינען דער עיקר די האַנדלונג און די מאַלעריי פון די כאַראַקטערן, און די אידייע, אָדער מוסר-השכל, ווערן ניט אויסדיסקוטירט, נאָר זיי אָטעמען אַרויס פון דער האַנדלונג. זיי ווערן ניט אַריינגעבראַכט אין מח אַריין פונם לייענער, אָדער צושויער, דורך רייד. נאָר זיי ווערן איינגעזאַפּט פונם אינטעלעקט און די געפילן דורך די פּאַסירונגען פון דער האַנדלונג. די לייענער, אָדער צושויער, לערנען פון דער האַנדלונג ווי פון אַ לעבנס-דערפאַרונג, אויף דעם אופן, ווי דאָס קינד לערנט פון אָפּבריען זיך דאָס פינגערל, אַז פייער ברעט.

דער מוסר-השכל פונם קונסטווערק ווערט אַרויסגעבראַכט פון דער האַנדלונג אויף דעם געטלאַכן שטום-לשון,

וואָס די שעפונג, אין די ווערטער פונם פּאָעט פונם תהלים, ברייננט אַרויס נאָטס גרויסקייט:

„זיי זאָגן ניט, זיי ריידן ניט, עס ווערט ניט געהערט זייער קול (אָבער) איבער דער גאַנצער ערד ציט זיך זייער שנור און אין עק-וועלט זייערע רייד".

און עס פאַרשטייט זיך, אַז די עסטעטיקער זיינען געווען פולשטענדיק גערעכט, און זיי זיינען אַרויס די זיגער פונם קאַמף.

ווייסן אונזערע קריטיקער און סתם ליטעראַטור-מבינים, אַז אַ קונסטווערק טאָר ניט זיין טענדענציעז, טאָר ניט לערנען און פּריידיקן קיין מוסר-השכל, אָבער זייער ווייניק פון זיי ווייסן, אַז דאָ רעדט זיך ניט סתם וועגן לערנען און פּ ר י י ד י ג ן, נאָר וועגן דעם אופן ו ו י עס ווערט גע- לערנט און געפּריידיקט: צי ווערט דער מוסר-השכל אויס- געדיסקוטירט און אויסגעדרשעט, אָדער ער קומט אַרויס פון די פּאַסירונגען פון דער האַנדלונג אויף דעם געטלאַכן שטום- לשון, ווי „עס רעדט טאָג צו טאָג און נאַכט צו נאַכט לערנט ווייסן". און זיי האַלטן אין איין נאָכפּלאַפּלען וואָס זיי האָבן געהערט קלינגען און קענען ניט נאָכזינגען, אַז „אַ קונסט- ווערק טאָר ניט לערנען און פּריידיקן" און שליסן איין אין דעם דאָזיקן „אני מאמין" אויך אַזעלכע קונסטווערק, ווי די סאָציאַלע דראַמען פון איבסען, בריע, שאָו — אין וועלכע די לערע, דער מוסר-השכל, ווערט אַ ר ו י ס ג ע אַ ט ע מ ט פון די סיטואַציעס אָן רייד און אָן דרשות. וואָרים דער מוסר- השכל אין אַזעלכע ווערק איז די פונדאַמענטאַלע אידייע פונם ווערק, דאָס קערנדל פון וועלכן דער גאַנצער בוים פון דער האַנדלונג וואַקסט אַרויס, די זאַפט וואָס באַלעבט אים און אָטעמט אַרויס פון אים מיט אַ קראַפט, וואָס רעדט דייטלא-

בער און מיט א מעכטיקערער שטים, ווי אלע שרייענדיקע רייד און דרשות. דער דיכטער האָט אזוי געפלאַנעוועט און אזוי קינסטלעריש אויסגעאַרבעט זיין ווערק, אַז די מענטשן זאָלן האַנדלען און זייערע האַנדלונגען זאָלן ריידן. און אַזאַ מין לערנען און פּריידיקן איז, ווי מיר האָבן באַוויזן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל אומפאַרמיידלאך. וואָרים יעדע האַנדלונג, אין לעבן ווי אין דער קונסט, אַנטהאַלט אַ לערע און אַ דרשה, אַ קלוגע, אָדער אַ נאַרישע, אַ פּראָגרעסיווע, אָדער אַ צוריקגעשטאַנענע.

און די ראַדיקאַלן צווישן אָט די קריטיקער און ליטעראַטור־מבינים ווייסן ניט, אַז מיט זייער אויסשליסן פון דער קונסט אַזעלכע ווערק, ווי פון די דערמאָנטע דיכטער, זיינען זיי אַריינגעפאַלן אין דער נעץ פון דער בורזשואַזי, וועלכע האָט אַרויסגעלאָזט דאָס שלאָגוואָרט: „קונסט צוליב קונסט“, ווייל זי קען ניט אַריבערטראָגן קיין ליטעראַריש ווערק, וואָס דעקט אויף די צעפוילטקייט און די היפּאָקריטסטווע און די שווינדלען און רויבערייען פון דער היינטיקער געזעלשאַפט.

פּונקט ווי די בורזשואַזי פאָדערט פון דער רעגירונג דעם באַרימטן „לאָז צורו“: מיש דיך ניט אין אונזערע געשעפטן, לאָז לעבן; אַזוי פאָדערט זי פונם דיכטער „קונסט צוליב קונסט“: קריטיקיר ניט, דעק ניט אויף, זיי ניט קיין „מאָקרעיקער“, לאָז לעבן.

פאַר דער בורזשואַזי לוינט ניט, אַז עס זאָלן געשריבן ווערן אַזעלכע קינסטלעריש־טענדענציעזע ווערק, ווי דער „פאָלקספיינט“, „נאָראַ“, „מיסים וואָררנס פּראָפעשאָן“, „על־מער גענטרי“, „אויל“. האָט זי אַרויפגעלייגט אַ חרם, אין נאָמען פון פאַרפירערישע קונסט־לאָזונגען, אויף יעדן בעלעטריסטישן ווערק, וואָס ווייזט דעם אמתן פּרצוף פון דער

היינטיקער געזעלשאַפט, אָן אונטערשייד ווי אַזוי, אויף וואָסער אופן, דאָס ווערט געטאָן. און אונזערע ראַדיקאַלע ליטעראַטור-מבינים פּלאַפּלען נאָך די דאָזיקע פּאַרפירערישע לאָזונגען, און ווייסן ניט, אַז די בורזשואַזי שמייכלט, ווינקנדיק גנביש מיט אַן אייגל הינטער זייערע פּלייצעס.

וואָרים אין דערווירקלאַכקייט איז גאָר ניטאָ אַזאַ זאַך, ווי אַ ליטעראַריש ווערק. דאָס ערגסטע, אַזוי גוט ווי דאָס קינסטלערישע, אָן אַ טענדענץ.

די אַלע כלומרשט טענדענצלאָזע ראָמאַנען און דראַמען וואָס וועקן ניט קיין געדאַנק, קיין רעבעלירנדיק געפיל, האָבן זייער אַ שטאַרקע טענדענץ: זיי ווירקן איינצושלעפערן דעם ווילן, פאַרטעמפּן דעם מח, מאַכן פונם דערוואַקסענעם מענטשן אַ צען יעריק אינגל, אָן אַן אינטערעס אין פּאָליטישע און געזעלשאַפטלאַכע פראַגן, גלייכגילטיק צו די אומגערעכטיקייטן פון דער געזעלשאַפט, צו די פאַלשקייטן, באַטריגערייען און רציחות פון די מעכטיקע.

די אַלע לאָזונגען: קונסט צוליב קונסט", „אַ ליטעראַריש ווערק טאָר ניט האָבן קיין טענדענץ", „טעאַטער דאַרף נאָר אַמוזירן", „קונסט טאָר ניט דינען קיין געזעלשאַפטלאַכע טעאָריען", האָבן אַלע אַ טענדענץ און דינען אַלע אַ געזעלשאַפטלאַכער טעאָריע — צו פאַרפינסטערן די מחות פונם עולם און ניט צולאָזן צו זיי קיין געדאַנק, אַז די היינטיקע געזעלשאַפט איז צעפוילט און מען דאַרף איינפירן אַן אַנדער געזעלשאַפטלאַכע אָרדנונג. וואָרים אַליך וואָס ווערט געגעבן דעם עולם לויט די רעצעפּטן פון די דאָזיקע שלאָגווערטער, ווירקט צו פאַרטעמפּן דעם מח פונם דערוואַקסענעם מענטשן און אים פאַרוואַנדלען אין אַ קליין קינד. מען אַמוזירט אים מיט

קינדערשפּילן, מיט נאַרישע מעשהלאך, מיט פּוסטע ראָמאַנ־טישע חלומות און פאַנטאַזיעס. און ווען אַ דערוואַקסענער מענטש אַמוזירט זיך יאָרן נאָכאַנאַנד ווי אַ קליין קינד, ו ו ע ר ט ער אַ קליין קינד.

איבערהויפּט איז דאָס אמת וועגן טעאַטער.

וואָרים טעאַטער ווירקט שטאַרקער אויפן מענטשן, ווי יעדער אַנדער סאָרט אונטערהאַלטונג.

צען יאָר ביליק, אידיאָטיש טעאַטער, פאַרפלאַכט און פאַרוואולגאַריזירט אַ פאָלק.

מענטשן „פאַרקוקן" זיך אין טעאַטער, ווי שוואַנגערע פרויען אין לעבן.

די שיינקייט און קלוגשאַפט פון דער בינע ווערט די שיינקייט און קלוגשאַפט פונם לעבן, און די אידיאָטסטוועס און שווינעריעז פון דער בינע ווערן די אידיאָטסטוועס און שווינעריען פונם לעבן.

מען זאָגט נאָך די קלוגע וויצן פונם טעאַטער, ווי די זינלאָזע וויצן. מען זינגט נאָך די שיינע לידלאך ווי די גריַלצנדיקע לידלאך, וואָס פאַרדאַרבן דעם געשמאַק. די שפּראַך פון דער בינע ווערט די שפּראַך פונם לעבן. ביי אַלע ציוויליזירטע פעלקער האָט די שפּראַך פון דער בינע פיל ביינעטראָגן אויסצואיידלען און פאַרפיינערן די שפּראַך פונם פאָלק, און מיט פיל שטאַרקערן אימפּעט ווערט די אויפ־קלערנדע טאַט פון דער בינע אַריינגעטראָגן אין לעבן אַריין. ווען נאַראַ האָט צוגעקלאַפּט הינטער זיך די טיר פון איר הויז האָבן די ווענט פון מיליאָנען הייזער פון „ליאַלקעס" זיך גענומען טרייסלען.

דעריבער איז דער שיינער וויץ פון דער בינע, דער קלוגער עפּיגראַם, די בליצנדיקע סאַטירישע באַמערקונג, פון

גרויסן סאָציאַלן ווערט, אפילו ווען זיי ווערן אַמאָל אַריינ־געבראַכט אויף אַ ניט־פולשטענדיקן נאַטירלאַכן אופן.

עס זיינען דאָ דיכטער, וואָס זיינען אַזעלכע גייסטרייכע אָריגינעלע דיינקער, אַז ביי יעדער באַוועגונג פון זייערן אַ העלד, ביי זיין יעדן צוזאַמענשטויס מיט אַן אַנדער כאַראַק־טער פון דער פיעסע, בליצט אויף אין זייערע מחות אַ שיינער פילאָזאָפישער געדאַנק, אַ בריליאַנטענע סאַטירישע באַמער־קונג. ער וויל, ער מוז עס אויסדריקן, און ער גיט עס אַמאָל אַריין אין מויל אַריין אַ פּערזאָן, וועלכע איז ניט איינ־אינגאַנצן צוגעפּאַסט עס אויסצודריקן. איז עס טאַקע ניט פול־שטענדיקע קונסט, אָבער עס איז פיל מער ווי קונסט. עס איז די חכמה, וואָס איז העכער פון נבואה:

די גייסטרייכע באַמערקונג פאַרשאַפט דעם צוהערער אונשאַצבאַרן פאַרגעניגן. זי גיט אים פרייד און אַנציקונג. זי דערפילט די פונקציע פון קונסט (וועלכע איז צו ברייננגען פרייד) כאָטש זי איז עובר אויף אַ לאו פון דער קונסט. וועל־כער קונסט־קריטיקער, וואָס איז ניט קיין פאַנאַטישער רעַ־אַליסט, וועט האָבן טענות צום דיכטער פאַרוואָס ער האָט אין אַזאַ פאַל עובר געווען אויף אַ לאו פון דער קונסט?

אַזוי מאַכן אייניקע רעאַליסטישע פונדאַמענטאַליסטן אַוועק מיט דער האַנט אַזאַ קינסטלער־חרוץ ווי בערנאַרד שאָו. דערפאַר וואָס ער איז אָפט עובר אויף אַ לאו פונם רעאַליזם, אַריינלייגנדיק גייסטרייכע, אַנטציקנדע הומאָריסטישע און סאַטירישע באַמערקונגען אין מיילער פון פערזאָנען, וואָס זיינען ניט אינגאַנצען ראוי זיי צו זאָגן. אָבער שאָו לאַכט פון זיי און די וועלט לאַכט פון זיי. שאָו האָט דאָס גרעסטע אינטעליגענטע פובליקום, וואָס אַ דראַמאַטורג האָט ווען גע־

האָט און איז אָנערקענט פאַרן גרעסטן קינסטלער־תרוץ פון אונזער צייט.

און די דאָזיקע אוניווערסאַלע אָנערקענונג האָט ער גע־קראָגן ניט נאָר צוליב זיין שאַרפן פרייד־ברייגנדיקן וויץ. נאָר הויפּטזאַכלאַך צוליב דעם, וואָס יעדע פון זיינע דראַמען האָט אַ טענדעניץ, איז אַ קינסטלעריש אַרויסגעבראַכטע דרשה איבער אַ טעמע וואָס אינטערעסירט און פאַרכאַפּט יעדן אינ־טעליגענטן מענטשן.

„קונסט צוליב קונסט?" — זאָגט שאָו אין איינער פון זיינע גייסטרייכע הקדמות. „איך וואָלט קיין פען אין טינט ניט איינגעטונקען, ווען איך וואָלט מער ניט געקענט אויפ־טאָן, ווי סתם דערציילן אַ מעשה, אָפּמאָלן אַ כאַראַקטער. די מעשה און דער כאַראַקטער זיינען פאַר מיר נאָר וויכטיק אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל איך קען דורך זיי אַרויסברייגגען אַ פּראָגרעסיוון געדאַנק, אַראָפּרייסן מאַסקעס פון דער צבוע־קישער געזעלשאַפט, אַרויסשיקן מענטשן פונם טעאַטער קלי־גערע, ווי זיי זיינען אַריינגעקומען".

און ווען עס טרעפט אַמאָל, אַז ביי אַזאַ דיכטער ווי שאָו, אָדער ביי מענדעלען, שלום־עליכמען, גאָרדינען, זאָגט אַ כאַראַקטער אַ גייסטרייכן וויץ, אַ שאַרפן עפּיגראַם, אין דער צייט, וואָס נאָכן שטרייגגען רעאַליזם האָט ער גאָר דע־מאָלט געדאַרפט זיך אַ קראַץ טאָן אין פּאה, ווען איז דער קריטיקער, וואָס איז ניט קיין רעאַליסטישער פאַנאַטיקער מיטן גאַנצען האַרצן און מיט טיפער דאַנקבאַרקייט מוחל זיין די דאָזיקע עבירה. וואָרים דער גרויסער גייסטיקער פאַרגע־ניגן פונם אַנטציקענדן וויץ אָדער עפּיגראַם, האָט מכפּר גע־ווען אויף דער עבירה און זי אויסגעמעקט פונם בוך.

(עס איז איבעריק צו באַמערקן פאַרן לייענער, וואָס האָט אויפמערקזאַם נאָכגעפאָלגט אַלץ וואָס איז געזאָגט געוואָרן

אין די פריערדיקע קאַפּיטלאַך, אַז דאָ רעדט זיך אַלץ וועגן אַ גייסטרייכער באַמערקונג, וואָס ווערט געמאַכט פון אַ כאַ־ראַקטער, פאַר וועלכן עס איז, מער אָדער ווייניקער, נאַ־טירלאַך צו מאַכן אַזעלכע באַמערקונגען, אָבער ווען די חכמות און עפּיגראַמען קומען פון אַ פּערזאָן, וואָס איז לויט איר דערציאונג און אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג בשום אופן ניט צוגעפּאַסט פאַר אַזעלכע באַמערקונגען, דאַן איז די פּער־זאָן אַ פּאַרזעעניש, וועלכע האָט ניט קיין אָרט אין קיין קונסט־ווערק).

וואָרים דאָס קלוגע גייסטרייכע וואָרט גיט דעם צוהערער ניט בלויז פרייד פון אַ העכערן סאָרט, אין דער צייט וואָס ער הערט עס. עס טראָגט אַריין אַ ליכטיקייט אין זיין מח אַריין, וואָס בלייבט דאָרט. ער ווערט קליגער, אינטעליגענטער, אַ נוצלאַכערער מענטש פאַר דער געזעלשאַפט.

בלויז אַמוזירן איז ניט קיין טעאַטער, ווייל עס איז ניט קונסט מען אַמוזירט זיך אויף אַן אונטערהאַלט, אין אַ וויין־קעלער, ביי אַ פּרייז־פּאַיט, ביי אַ בייז־באָל שפּיל. וואָס האָט דאָס אַלעם צו טאָן מיט קונסט? די אמתע קונסט אַמו־זירט און מאַכט דערביי איידעלער, פאָרטגעשריטענער, קלי־גער. אָבער דאָס איז דאָך פּונקט וואָס די הערשנדע קלאַסן פון אַלע צייטן ווילן ניט. דעריבער האָט דער היינטיקער הערשנ־דער קלאַס אַרויסגעלאָזט די אַלע דערמאָנטע פאַרפירערישע לאָזונגען.

און אונזערע ראַדיקאַלע עסטעטיקער, וואָס פּלאַפּלען נאָך די אַלע לאָזונגען קעגן טענדענץ, קעגן קונסט וואָס דינט געזעלשאַפטלאַכע טעאָריען, זעען ניט ווי מען האָט זיי אַריינ־גענאַרט אין זאַך אַריין: ווי זיי זיינען געוואָרן פּראָפּאַגאַנ־

דיסטן פאַר ליטעראַטור מיט בורזשואַזע טענדענצן און פאַר אַ קונסט וואָס דינט דער בורזשואַזער געזעלשאַפטלאַכער טעאָריע:

וואָרים יעדעס ווערק, וואָס האָט ניט קיין אויפקלערנדע, קליגער־מאַכנדיקע טענדענץ, האָט די טענדענץ צו פאַרפינסטערן און פאַרנאַרישן די מחות, און יעדע קונסט, וואָס דינט ניט קיין נייער פּראָגרעסיווער סאָציאַלער טעאָריע, דינט דער טעאָריע און די צוועקן פון דער עקזיסטירנדיקער צעפוילטער סאָציאַלער אָרדנונג.

.34

וואָסערע פּיעסן דאַרף שטעלן דאָס בעסערע אידישע טעאַטער ?

אין אַן ערנסטער פּיעסע האָט דער עולם ליב אַ שפּאַנענדע, אינטערעסאַנטע מעשה, מיט שטאַרקע נשמה־באַוועגנדיקע סיטואַציעס, וואָס רופן אַרויס רחמנות און שרעק.

דער עולם וויל אָבער ניט דורכאַויס טראַגעדיע. ער פאָדערט, אַז די רירנדיקע, שפּאַנענדיקע מעשה זאָל פון צייט צו צייט אים געבן אַ געלעגנהייט אַ געשמאַקן לאַך צו טאָן, כדי זיינע אָנגעצויגענע נערוון זאָלן זיך קענען אַ ווײַלע אָפּרוען, און ער זאָל מיט פרישן, באַנייטן און געשטאַרקטן אינטערעס קענען ווידער אַריינגעצויגן ווערן אין די טראַגישע פּאַסירונגען און נאָכפאָלגן מיט פאַרכאַפּטן אָטעם זייערע אַנטוויקלונגען.

מוז מען זיך רעכענען מיט אָט די פאָדערונגען פונם עולם, ווייל די דאָזיקע פאָדערונגען זיינען, ערשטנס, נאַטיר־

לאַכע, מענטשלאַכע פאָדערונגען. קינד און קייט, יונג און אַלט, דער פּשוטער פאָלקמענטש און דער אינטעליגענט, האָבן ליב צו הערן, צו לייענען, צו זען אַן אינטערעסאַנטע, שפּאַנענדיקע, נשמה־באַוועגנדיקע מעשה. און, צווייטנס, מוז מען זיך מיט די דאָזיקע פאָדערונגען רעכענען פּשוט דערפאַר, וואָס דער עולם האָט אַזאַ מין פאַרדראָסיקע טבע, וואָס אַז מען גיט אים ניט וואָס ער זוכט, גייט ער אַוועק אין כעס, שילט די מענטשן וואָס זיצן אין קאַסע, און זיי האָבן ביי אים צוגענומען דאָס געלט, און קומט ניט מער.

אָבער בלויז געבן דעם עולם וואָס ער וויל, גיט אינטערעסירנדיק זיך צי דאָס איידלט אים אָדער פאַרגרעבט זיין געשמאַק, צי דאָס מאַכט אים קליגער אָדער נאַרישער, צי זיין מח און זיין נשמה זאַפּן איין אין זיך דורך דער פאַרשטעלונג אַ פּראָגרעסיוון געדאַנק, אַ שיינעם געפיל, אָדער אַ פאַרשימלטע „צאינה וראינה" מאָראַל און וואולגאַרע געפילן; בלויז געבן דעם עולם וואָס ער וויל, אפילו ווען דאָס איז גיפט פאַר זיין נשמה און אָפּיום פאַר זיין מח — דאָס שטעלט אַוועק דאָס טעאַטער ניט אין דער קאַטעגאָריע פון אַ קאָמערציעלער אינסטיטוציע. ווי די דאָזיקע מינים טעאַטערס רופן זיך — וואָרים אין קאָמערץ איז אויך דאָ אַ געוויסע מאָס אָנשטענדיקייט און פאַראַנטוואָרטלאַכקייט — נאָר אין דער קאַטעגאָריע פון פאַרקויפער פון נאַרקאָטישע שטאָפן און ענלאַכע סוחרים.

וואָס־זשע דאַרף דער אינטעליגענטער מענטש, די אינטעליגענציע בכלל, אַלע באַוועגונגען וואָס אַרבעטן פאַר קולטור און פּראָגרעס פאָדערן פונם טעאַטער?

זיי דאַרפן פאָדערן אַ פּיעסע, וואָס זאָל זיין אַ צענויפשמעלצונג פון דעם וואָס דער עולם פאָדערט, און איז פול־

שטענדיק באַרעכטיקט צו פאָדערן, און פון דעם וואָס דער אינטעליגענט מיטן פיינערן געשמאַק און דער פּראָגרעסיווער מענטש פאָדערן.

די דראַמע פאַרן בעסערן טעאַטער דאַרף זיין אַן אינטע־רעסאַנטע מעשה, מיט טיפע, נשמה־באַוועגנדיקע סיטואַציעס, דערהויבן און געלייטערט דורך אַ פּראָגרעסיווער אידייע און אַ קינסט־לערישער פאָרם.

און ווען מיר באַטראַכטן די בעסערע דראַמען, די ליטע־ראַרישע דראַמען, וואָס האָבן אין זייער צייט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג און זיינען פאַרבליבן אויף לאַנגע יאָרן אין רעפּער־טואַר, זעען מיר, אַז זיי זיינען געשריבן געוואָרן נאָך דער דאָזיקער פאָרמולע. זיי זיינען געווען אַ סינטעז פון דעם וואָס דער עולם פאָדערט און פון די פאָדערונגען פונם אינטע־ליגענטן און פּראָגרעסיוון מענטשן — אַ שטאַרקע אינ־טערעסאַנטע האַנדלונג, וועלכע האָט געקראָגן אַ קולטורעלן און ליטעראַ־רישן תיקון דורך אַ פּראָגרעסיווער פונדאַמענטאַלער אידייע און אַ קינסט־לערישער פאָרם.

די אַלטע גריכישע קלאַסיקער, שעקספּיר, געטע, טאָל־סטאָי, איבסען, שאָו און אונזער יעקב גאָרדין — אַלע האָבן גענומען פאַר זייערע כוזשעטן אַ שטאַרקע, אינטערעסאַנטע האַנדלונג און האָבן זי אויסגעלייזט און דערהויבן און געליי־טערט דורך דער פונדאַמענטאַלער אידייע, דורך דער קינסט־לערישער פאָרם, אָדער — ווי זייער אָפט ביי שאָוען, ביי זאַנג־ווילן, ביי גאָרדינען — דורך ברילאַנטענע פּאַראַדאָקסן,

בליצנדיקע, מיט פּראָגרעסיווע געדאַנקען אָנגעלאָדענע, הומאָ־ריסטישע ווערטלאַך און שאַרפער, שניידנדיקער סאַטירע.

און זאָלן ניט זאָגן די פאַרקויפער פון טעאַטראַלישן גיפט, אַז דער עולם וויל נאָר האָבן אַ ביליקע, אומגעלומפּערטע מעשה און קען ניט איבערטראָגן עפּעס וואָס איז שיין און לאָגיש און גייסטרייך, וואָרים טאָלסטאָי און שאָו און גאָרדין האָבן באַוויזן, אַז אויך זייערע פּיעסן האָבן געבראַכט אין טעאַטער אַריין אַ גרויסן עולם מאַנאַטן נאָכאַנאַנד און זיינען פאַרבליבן אויף אַ סך יאָרן אין רעפּערטואַר.

און אויף דעם טומל פון אונזערע „מאָדערניסטן" קעגן דעם ר ע א ל י ז ם און דער „ליטעראַטור" פון דעם סאָרט פּיעסן, קעגן זייער ניט־„טעאַטראַלישקייט" און זייער פּענטן דעם אַקטיאָרס פּערזענלאַכקייט, האָבן געגעבן דעם בעסטן ענטפער טאַקע די „מאָדערניסטישע" פּיעסן.

מיר האָבן געהאַט די זכיה צו זען עטלאַכע פון זיי און זיי האָבן אונז געוויזן, אַז זייער גאַנצע טעאַטראַלישקייט באַשטייט אין קונצן מיט דעקאָראַציעס און אַ משוגעים־הויז טומל וואָס פאַרשרייט דעם אינהאַלט און דעם געדאַנק פון דער האַנדלונג (אויב זי האָט אינהאַלט און אַ געדאַנק) און דער גאַנצער א ו י ס ד ר ו ק פ ו נ ם א ק ט י אָ ר ס פּ ע ר ז ע נ ל אַ כ ק י י ט באַשטייט אין קווייטשען אָנשטאָט ריידן, שפּרינגען אָנשטאָט גיין און זיך שטעלן אויפן קאָפּ אָנשטאָט פאָרשטעלן אַ כאַראַקטער. און אַלץ וואָס דער דאָזיקער „מאָדערניזם" האָט דערגרייכט איז געווען צו פאַרטרייבן פונם טעאַטער אי דעם פּשוטן עולם, אי דעם פּראָגרע־סיוון עולם.

דער פּשוטער עולם זעט די דאָזיקע „טעאַטראַלישקייט" אין די ביליקסטע וואָדעוויל און בורלעסק הייזער, און ווען ער

גייט אין אַ טעאַטער וויל ער זען אַ פּיעסע און שוישפּיל, ניט קיין שטיק פאַרפאַיאַצעוועטע זינלאָזיקייט אָדער אַנטזינטע פאַיאַצעריי. און דאָסזעלבע, נאָר מיט העכערע פאָדערונגען, וויל דער אינטעליגענטער און פּראָגרעסיווער מענטש.

מיט דעם דאָזיקן „מאָדערניזם", משטיינס געזאָגט, איז ניטאָ וואָס זיך צו קריגן און פירן אַ קאַמף, ווייל ער באַקעמפט זיך אַליין. פאַרטרייבנדיק די מענטשן פונם טעאַטער, פאַר־טרייבט ער זיך אַליין פון דער בינע. אָבער פון זיינע פאַלשע נביאים מוז מען אַראָפּרייסן די הערנער, מיט וועלכע זיי האָבן זיך פאַרמאָסטן צו שטויסן די געזונטע, בעסערע פּיעסע, ווייל די לייכטזיניקע לייטנדיקע גייסטער פונם בעסערן טעאַ־טער געפינען זיך אין אַ געוויסער מאָס אונטער זייער איינ־פלוס.

.35

פאַלשער און אמתער מאָדערניזם.

מיט איבער צוויי טויזנט יאָר צוריק איז שוין דאָס העכסטע דערגרייכט געוואָרן אין דער דראַמע, ווי אין דער דיכטונג בכלל. פאַרוואָס־זשע אַפּעלירט פאָרט צו אונז אַ היינטיקע גוטע פּיעסע מער ווי אַ גריכישע טראַגעדיע, אָדער קאָמעדיע ?

זאָגט מען אונז : ווייל יענע זיינען אַלטמאָדיש.

אָבער אין וואָס באַשטייט זייער אַלטמאָדישקייט ? אין די טעמען ?

די טעמען זיינען איטער דיזעלביקע : ליבע, אייפערזוכט, פאַלשקייט, היפּאָקריטסטווע, די טיראַניי פון די מאַכטהאָבער.

אין דער טעכניק ?

עס זיינען שוין דעמאָלט געווען אַלערליי בינע-קונצען און ליכט-עפעקטן. שדים זיינען אַרויפגעקומען פון אונטער דער ערד און מלאכים זיינען אַראָפּגעקומען פונם הימל, און געטינען, איינגעהילט אין אַלע קאָלירן פונם רעגנבויגן, זיינען געקומען צופליען אין פאַנטאַסטישע קאַרעטעס. אפילו אַזעל־כע „מאָדערניזמען", ווי אָפּלאַכן פון די אָפּנאַרערייען פון דער בינע, פון די „אילוזיעס", זיינען שוין אויך דעמאָלט געווען. אין אַריסטאָפּאַנעסעס קאָמעדיע „פרידן" זיצט אַ פּאַרמער רייטנדיק אויף אַ ריזיקן זשוק, און ווען דאָס „פערד" הויבט אָן בריקן און שפּרינגען און דער רייטער קען אים ניט קאָנטראָ־לירן, שרייט ער אין דער ריכטונג פון הינטער די קולים: „היי, מאַשיניסט! גיב דאָרט עפּעס אַ דריי, ער זאָל ווערן רואיק". אַ דאַך איז דער הימל, וואו עס זיצט דער גאָט פון מלחמה, אַ באַרבאַר, מיט אַ פּנים אָנגעגאָסן מיט בלוט, איינ־געפּאַסט אין אַ געדיכטער, שוואַרצער באָרד, און ער קומט אַראָפּ פון דאָרט פּרעסנדיק אַ סטייק, מיט באַרבאַרישן הונגער און מאַניערן.

אַלץ איז שוין געווען.

אין וואָס־זשע דריקט זיך אוים די אמתע נייקייט, די אמתע מאָדערנישקייט פון אַ דראַמע ?

אמתער מאָדערניזם באַשטייט ניט אין א ו י ס ע ר־ל א כ ק י י ט ן, אין אַ נייער פאָרם, אין אַ בינע-קונץ, אין ליכט-עפעקטן, אין אַקראָבאַטיש-פאַיאַציש שוישפּיל.

דער אמתער מאָדערניזם ליגט אין דער א י נ ע ר ל א כ־ק י י ט, אינם תוך, אין דער נשמה פ ו ן ד ע ר פ י ע ס ע, אין איר אינהאַלט און אין איר פונדאַמענטאַלער אידייע. מאָ־דערניזם מיינט: אַ נייער פּראָגרעסיווער בליק אויפן לעבן,

א נייע פּראָגרעסיווע געזעלשאַפטלאַכע פילאָזאָפיע און געזעל־שאַפטלאַכער מאָראַל

וואָס אַמאָל איז געווען קלוג, באַטראַכט דער פּראָגרעסי־ווער מענטש פאַר נאַריש. וואָס אַמאָל איז באַטראַכט געוואָרן פאַר א הייליקייט, פאַר א פונם הימל געגעבענער תורה, זעט אין דעם דער פּראָגרעסיווער געדאַנק א שווינדל און א ליגן, וואָס באַצוועקט צו האַלטן די מאַסן אין אומוויסנקייט און אויפצוהאַלטן די מאַכט פון די מעכטיקע און הערשנדע. וואָס אַמאָל איז געווען א זינד, איז אין דעם ליכט פונם פאָרגעשרי־טענעם געדאַנק דעם מענטשנס רעכט. נאָר ווען א פּיעסע האָט א ז א תוך, א ז א נשמה, וואָס באַלעבט איר גוף, איז זי מאָדערניסטיש. מעג די סיטואַציע זיין אָן ערנסטע אָדער א קאָמישע, מעג די פאָרם זיין א רעאַליסטישע אָדער א פאַנטאַסטישע.

דאָס מיינט, אַז נאָר דער דיכטער, וואָס איז בלוטיק פאַראינטערעסירט אין געזעלשאַפטלאַכע פראַגן, וועמען די אומגערעכטיקייטן און נאַרישקייטן פונם לעבן גיבן קיין רו נית, קען שרייבן א מאָדערנע פּיעסע. אונזערע נביאים זיי־נען אין זייער צייט געווען די אידעאַלסטע מאָדערניסטן.

וואָרים יעדער דור האָט זיינע געזעלשאַפטלאַכע פראַגן, זיינע אומגערעכטיקייטן און קאַמפן קעגן זיי, זיינע בעסערע שטרעבונגען און אונטעדריקער פון די דאָזיקע שטרעבונגען. און נאָר דער דיכטער, וואָס זיין שאַפונג דריקט אויס די דאָ־זיקע געזעלשאַפטלאַכע שטרעבונגען און קאַמפן, וואָס איז אינספּירירט פון די געזעלשאַפטלאַכע און נאַציאָנאַלע פּראָ־בלעמען פון זיין דור, איז מאָדערניסטיש.

ווען א פּיעסע איז דורכגעדרונגען פון דער פאַרשימלטער „צאינה וראינה" מאָראַל און איר קאָמיזם קען צעטרייסלען

דעם בויך, אָבער קומט ניט צו צום מח, מעג זי האָבן אַלערליי קונצן פון רעזשי און די דעקאָראַציעס מעגן פאַרבלענדן דאָס אויג און פאַרכאַפּן דעם אָטעם, און די אַקטיאָרן מעגן באַ-ווייזן די וואונדערלאַכסטע אַקראָבאַטישע בריהשאַפטן, וועט זי אַלץ זיין אַזוי מאָדערן, ווי דער „צאינה וראינה“.

אויך דער דיכטער, וואָס קען נאָר קרעכצן און בײנקען און זען גרינגע שלאַנגען און בלויע חלומות, קען קיין נײ וואָרט ניט זאָגן. ער איז ניט פון היינט, ניט פונם לעבן, און דאָס לעבן דאַרף אים ניט, און דעריבער דאַרף אים די קונסט אויך ניט.

די קונסט וואָס עקזאַלטירט אָפּהענטיקייט, פאַרטויבונג, טויט, איז פאַררעטערישע קונסט. וואָרים קונסט איז געשאַפן פונם לעבן צוליב דעם לעבן. די דעקאַדענטישע קונסט, וואָס באַזינגט פאַרטויבונג, ניט זיין, באַלאַנגט צו די מאָנאַסטירן און בית עולמס. זי איז אַזוי מאָדערן, ווי די רעליגיעס, וואָס טוען דיזעלבע אַרבעט, און אַזוי פאַררעטעריש ווי די דאָזיקע רעליגיעס. וואָרים די ווירקונג פון ביידן איז צו טויטן אין די עקספּלואַטירטע און אונטערדריקטע יעדע האָפנונג, יעדן רעבעלירנדיקן געפיל, יעדן מוט צו ווידערשטאַנד, און אויפ-צוהאַלטן די אָרדנונג פון רויב און אונטערדריקונג.

די בלויע חלומות און דעקאַדענץ דיכטונגען זיינען גע-כשרט געוואָרן פון דעם פאַרפירערישן לאָזונג „קונסט צוליב קונסט“, וועלכן די גרעסטע טייל פון דער אינטעליגענץ, אפילו פון דעם ראַדיקאַלן פליגל, האָט אָנגענומען פאַר אַן אומבאַ-שטרייטבאַרן אמת, ניט זעענדיק, אַז די קונסט-צוליב-קונסט איז אַ לייבלאַכע שוועסטער פון דער קונסט-צוליב-געשעפט — די פאַרזעעניש, וועלכע איז די מאַמע פון אַלע אומגעלומ-פּערטע דראַמען און אָפּערעטן, וועלכע ווערן געכשרט מיטן

תירוץ, אַז „טעאַטער דאַרף ניט לערנען נאָר אַמוזירן”. די ווירקונג פון דער קונסט־צוליב געשעפט איז דיזעלבע, ווי פון דער קונסט־צוליב־קונסט. כאָטש איר מעטאָדע איז אַן אַנ־דערע: זי פאַרוואַנדלט דעם דערוואַקסענעם מענטשן אין אַ קליין קינד, מאַכט אים אומפייאיק אַליין צו דיינקען און אויפ־צונעמען אַ העכערן געדאַנק, פאַרטויבט אין אים יעדעם גע־פיל פאַר שיינקייט און האַרמאָני, טויטעט אין אים יעדן אינטערעס אין די וויכטיקע לעבנס־פּראָבלעמען.

36.

טעאַטראַלישקייט און די שרעקלאַכע „ליטעראַטור”.

אין זיין בוך „טעאַטער” קלאָגט דר. מוקדוני, איינער פון די בראַווע קעמפער פונם פאַלשן מאָדערניזם, אַז די ליטע־ראַטור האָט זיך אַריינגעכאַפּט אינם טעאַטער אַריין, האָט זיך דאָרטן צוליגט אין דער לייגג און אין דער ברייט, און האָט אַרויסגעשטויסן פון דאָרט די טעאַטראַלישקייט. ער זאָגט אונז ניט קלאָר, וואָס איז „ליטעראַטור” און וואָס איז אַזוינס „טעאַטראַלישקייט”, פאַרוואָס די צוויי זיינען פייער מיט וואַסער, און פאַרוואָס די „ליטעראַטור” איז אַן אַריינ־דרינגנדער „פאַרעינער” אין טעאַטער. אָבער פון זיינע וויי־טערע רייד שטויסן מיר זיך אָן, אַז מיט „ליטעראַטור” מיינט ער אַ פּיעסע וואָס באַשעפטיקט זיך מיט אַן ערנסטער פראַגע, מיט אַ וויכטיקער פּראָבלעם, און די אַקטיאָרן מוזן פאַרשטעלן כאַראַקטערן, ווי דער פאַרפאַסער האָט זיי געמאָלן — וואָס דאָס מיינט „רעאַליזם”, ניט געדאַכט זאָל ער ווערן! און טע־

אַטראַלישקייט" איז אַ טעאַטער־שפּיל, וואו די פּיעסע, מעג זי זיין פונם גרעסטן און באַליבסטן דיכטער, איז וואַנדאַלים־טיש צעקריפּלט געוואָרן פונם רעזשיסאָר, און די אַקטיאָרן קווימשען, שפּרינגען, דראַפּן זיך אויף די גלייכע ווענט, און די קאָסטיומען און די דעקאָראַציעס זיינען אין גייסט פון דער וואַנדאַליסטישער רעזשי און דעם משוגענעם שוישפּיל. אַ שטייגער, ווי מאַיערבאַלדס מאָדערניסטישע אויפירונג פון „רעוויזאָר" (לויט באַריכטן אין די רוסישע צייטונגען) און אונזער מאָרים שוואַרצעס מאָדערניסטישער „לא תחמוד".

דאָס הייסט, אַז טעאַטער איז ניט געשאַפן געוואָרן און האָט קיין אָרט ניט פאַר אַ פּיעסע, וואָס באַהאַנדלט אויף אַן ערנסטן אופן אַן ערנסטע לעבנס־פּראָבלעם. וואָרים אויף אַזאַ פּיעסע קען דאָך דער רעזשיסאָר ניט מאַכן קיין אומגעצוימטן פּאָגראָם און די אַקטיאָרן קענען ניט ריידן און האַנדלען ווי איינוואוינער פון אַ משוגעים־הויז. פרעגט זיך: וואָס טוט מען מיט די פּיעסן פון עסכילעז, סאָפאָקלעז, אייראָפּידעז, שעקספּירן, געטען. עפּעס האָבן זיי דאָך פאָרט בירגער־רעכט אין טעאַטער? און די גריכן, איז אַ סברא, זיינען געקומען אַהין אין דער „מעיפלאָוער"! אפילו דער קונדאס אַריסטאָפאַ־נעס, וועלכער האָט אָפּגעלאַכט פון אַלע דעמאָלטיקע פאָרמען און טראַדיציעס, האָט אין זיינע קאָמעדיען באַהאַנדלט נ אָ ר די וויכטיקסטע פראַגן און פּראָבלעמען פון זיין צייט. זיין „פרידן" איז די שאַרפסטע סאַטירע אויף מלחמה און די פּראָ־פּיטירער אין דער ליטעראַטור פונם טעאַטער, „די פויגל" שטעלן אַרוים אין לעכערלאַכסטן ליכט די פרידנס־פאַרהאַנד־לונגען, די געזעץ־מאַכער און די זיילן פון דער געזעלשאַפט. אַ סאָציאַלע קאָמעדיע אין העכסטן זין און אין דער שענסטער ליטעראַרישער פאָרם — אַלץ „ליטעראַטור"!

און אויב די מאָדערניסטן וועלן אונז זאָגן, אַז די פּיעסן פון די דערמאָנטע אויטאָריטעטן זיינען „טעאַטראַליש“, ווייל עס זיינען געווען אין זיי כאָרן, מאַסן-סצענען און שיינע דעקאָראַציעס, ווילן מיר זיי זאָלן אונז אויך זאָגן: ווען האָט דער שטרייגסטער רעאַליסט אויסגעשלאָסן געזאַנג און טענץ, און אַלץ וואָס איז שיין פאַרן אויג, ווען דאָס האָט זיך נאָר האַרמאָניש אַריינגעפּאַסט אין דער האַנדלונג?

און דאָרט וואו טעאַטראַליק קען ניט אַריינקומען אויף אַ נאַטירלאַכן אופן, דאָרט וואו זי וואַקסט ניט אַרויס פון דער אינערלאַכקייט פון דער האַנדלונג, טאָר זי ניט אַריינקומען, ווייל זי איז אַ שטערונג פאַר דער אָרגאַנישער איינהייט פון דער האַנדלונג, זי איז דעמאָלט ווי אַ פרעמדער, צוגעטשעפּעטער גליד צום קערפּער פון דער האַנדלונג — אַזוי ווי אַ ניט-נויטיקע פּערזאָן וואָס ווערט אַריינגעשלעפּט בלויז פריילאַך צו מאַכן, אָדער בלויז אַרויסצורופן טרערן. זי איז דעמאָלט אַ פאַלשער, גרילצנדער טאָן אין דער האַנדלונג.

טעאַטראַליק מיינט: סצענישער עפעקט, אין קעגנזאַץ צו דראַמאַטיש — קינסטלערישער ווירקונג. די לעצטע רעט צו דער נשמה און צום מח פונם צושויער. די ערשטע — צו זיין אויג און אויער. די לעצטע איז דיכטונג, די ערשטע איז טעכנישער אויפּטו.

די צוויי הויפּט-קרעפטן פון דער דראַמע זיינען: די דיכטערישע און די דראַמאַטישע. זיי זיינען די הויפּט-עלעמענטן פון דער האַנדלונג. אָן זיי איז קיין האַנדלונג ניט מעגלאַך. די טעאַטראַליק איז די דריטע קראַפט, זי דינט דער האַנדלונג. זי באַשיינט זי. זי גיט איר צו חן. זי איז פאַר איר אַ צירונג, אַ צאַצקע,

און זי האָט נאָר דעמאָלט אַן עקזיסטענץ־באַרעכטיגונג אין דער דראַמע ווען זי ד י נ ט דער האַנדלונג. אָבער עס טאָר איר בשום אופן ניט דערלויבט ווערן אַרויסצוטרייבן די באַלעבאָסטע פון דער שטוב און אַליין פאַרנעמען דעם אויבן־אָן.

אונזערע „מאָדערניסטן", וועלכע האַלטן אין איין בלאָזן מיט זייערע שופרות: טעאַטראַלישקייט! און די טעאַטראַלישע קונצן פאַרדעקן ביי זיי יעדע זינד, יעדע פוסטקייט און ניט־אויסגעהאַלטנקייט פון דער האַנדלונג. ווייסן ניט וואָס איז דער עיקר און וואָס איז דער טפל פון דער דראַמע, און מאַכן פונם טפל דעם עיקר. זיי ווילן אַז די דינסט זאָל ירשענען די האַרענטע, און זיי גייען אַזוי ווייט אין זייער חוצפּהדיקער אומוויסנהייט אַז זיי באַטראַכטן די באַלעבאָסטע (די שרעקלאַכע „ליטעראַטור") פאַר דער אַריינדרינגערין. אָבער זיי קענען מיט זייער זינלאָזן ליאַרם אַזוי פאַרטרייבן די געזונטע דראַמע פון דער בינע ווי מען קען מיט אַ שפּרוך אַרויסרייסן אַ פעלז. עס איז אין דער נאַטור פון דער זאַך, אין דער אינערלאַכער לאָגיק פון אַ דראַמאַטישער פאָרשטעלונג, אַז די געזונט אויפגעבויטע האַנדלונג, וועלכע וואַקסט אַרויס פון איר פונדאַמענטאַלער אידייע ווי אַ בוים וואַקסט אַרויס פונם קערנדל, זאָל פאַרנעמען דעם ערשטן פּלאַץ. און די טעאַטראַליק זאָל איר נאָר דינען, און נאָר ד ע מ אָ ל ט אַריינגעבראַכט ווערן ווען זי וואַקסט אַרויס אויף אַ נאַטירלאַכן אופן פון דער אינעווייניקייט פון דער האַנדלונג.

דער איינציקער אונטערשייד צווישן דער ליטעראַרישער און דער פאַלש מאָדערניסטישער טעאַטראַלישער פּיעסע איז אין אינהאַלט. די ליטעראַטור גיט אונז אַן אינטערעסאַנטע,

לאָגיש־דורכגעפירטע ערנסטע אָדער קאָמישע האַנדלונג, וואָס באַשעפטיקט זיך מיט אַ וויכטיקן שטיק לעבן און פאָדערט אמת קינסטלערישן שוישפּיל. אין דער צייט וואָס ביי דער פאַלש־מאָדערניסטישער טעאַטראַליִשקייט איז דער עיקר די אויסערלאַכקייט — די דעקאָראַציעס, די קונציקע בינע־עפעקטן — און די פּיעסע איז אַ ניט־וויכטיקע צוטשעפּעניש. זי דאַרף ניט האָבן קיין זין, קיין פּראָגרעסיוון געדאַנק, און אויב זי האָט לכתחילה געהאַט אַ זין, מעג מען זי אַזוי וואַנדאַליסטיש צעקריפּלען, אַז עס זאָל פון איר גאָר ניט בלייבן, און דאָס אָרט פון דער שוישפּיל־קונסט פאַרנעמט אַ טומל און אַ ליאַרם פון אַ משוגעים־הויז.

די פאַלש־מאָדערניסטישע טעאַטראַליִשקייט איז אַ צע־פוילטער נוס, דערלאַנגט אויף אַ גאָלדענעם טעלער מיט אַ משוגענעם פאַראַד.

וואָס פאַר אַ מאָדערניזם, משטיינס געזאָגט, ליגט אין דעם „לא תחמוד“, וואָס מען האָט אונז געגעבן אין קונסט טעאַטער? די שיינע קינסטלערישע דעקאָראַציעס צויבערן דאָס אויג בלויז אַ פּאָר מינוט. אויפן שענסטן קונסט־בילד קען מען מער ניט קוקן ווי עטלאַכע מינוט, איבערהויפּט אין טעאַטער, וואו מען מוז נאָכפאָלגן דעם גאַנג פון דער האַנד־לונג. די מעכאַנישע קונצן וואָס מען ווייזט אונז אין גיהנם זיינען שוין לאַנג דערגרייכט געוואָרן אין לונאַ פּאַרק און אין היפּאָדראָם. אָבער וואו איז דאָס נייע וואָרט פון דער פּיעסע? וואו זיינען אירע נייע אידייען? איר נייע פילאָזאָפיע אינם ליכט פונם פּראָגרעסיוון געדאַנק? און וואו איז די קינסטלע־רישע אויסגעהאַלטנקייט? מען שטעלט אונז פאַר אַ שבט־מוסר שטן, אַן עקלהאַפטן שרץ, וועלכער וויל נאָר שלעכטס טאָן דעם מענטשן, אים מאַכן זינדיקן, כדי אים צו מאַטערן

אין גיהנם. אין צווייט אַקט ליגט ער אוועק די כחות צו דערפילן די דאָזיקע שליחות — און פלוצים ווערט ער דער באַלעבאָס איבערן גן־עדן! ער, דער שרץ, ווערט דער ריכטער וואָס אַנטשיידעט, ווער עס זאָל אַפּגעשיקט ווערן אין גן־עדן און ווער עס זאָל בלייבן אין גיהנם? און אין לעצטן אַקט פאַרשווינדט פלוצים די גאַנצע שבט־מוסר קאָנצעפּציע וועגן יענער וועלט און מען ווייזט אונז אַ קליינשטעטלדיק אַפּיקורסישן הימל, וועלכער ווערט אויסגעלאַכט דורך באַנאַלע קאָמישע סצענעס און וויצן!

„ווער דאַרף אויסגעהאַלטנקייט"? לאַכן די פאַרטיידיקער פונעם הפקרדיקן „מאָדערניזם". דער עיקר איז טעאַטראַלישקייט. אין מוזיק, ווען איין טאָן וועט זיי אַ גרילץ טאָן אין אויער, וועלן זיי שרייען גוואַלד. ווען זיי וועלן זען אַ בילד פון אַ שיינער פרוי, אויף וועמעס אויבערשטער ליפּ אַ לויפער האָט אָנגעפּאַטשקעט אַ פּאָר וואָנצעס, וועלן זיי אויפשוידערן, ווייל די האַרמאָניע, די אויסגעהאַלטנקייט, ווערט צושטערט. נאָר אין דער דראַמאַטישער קונסט מעגן זיין טויזנטער גרילצנדיקע טענער און אַלערליי מיאוסע פלעקן, וואָס פאַרדאַרבן די קינסטלערישע און לאָגישע האַרמאָניע. מ'דאַרף ניט קיין אויסגעהאַלטנקייט!

און ווייבאַלד מען דאַרף ניט קיין אויסגעהאַלטנקייט, קען מען שוין מיט דערזעלביקער באַגייסטערונג פונקט אַזוי שפּרינגען קדוש פאַר דער זינלאָזער און גרילצנדיקער אָפּערעטע, ווי פאַרן פאַלשן מאָדערניזם. און דעריבער זעען מיר טאַקע, אַז דיזעלבע קריטיקער, וואָס קעמפן מיט אַזאַ מסירת נפש פאַרן צעפוילטן מאָדערניסטישן נוס, האַלטן אויך אין איין לויבן כמעט יעדע ווילדע אַבסורדיטעט, וואָס פאַרבינדט מיט דער קראַפט פון אַן איבערגעגעבענעם פאַדים אומצייליקע, מיד־

מאַכנדיקע נומערן געזאַנג און טענץ. מ'דאַרף ניט קיין אויס־געהאַלטנקייט! דער עיקר איז טעאַטראַלישקייט. באַרעכנט די אַבסורדיטעט: אין „רייזעלע" — איך נעם אַרויס אַ פאַל פון אַ באַרג ענלאַכע פאַלן — זינגט אַ גיינגסטער, וואָס באַשעפ־טיקט זיך מיט פּימפּערייַ אַלס אַ „סאַיד לאַין", אַ ליד מיטן נאָמען „גבורי ישראל" — אַ פּאַטריאָטישע ליד, אין וועלכן עס ווערן אויסגערעכנט די אידישע העלדן פון די ביבלישע צייטן. דער קאָמפּאָזיטאָר רומשינסקי, וועלכער האָט אָנגעשריבן די מוזיק צום ליד, האָט געזען, אַז אין דער מעלאָדיע זאָל הערשן פּולקאָמענע האַרמאָניע און אויסגעהאַלטנקייט. עס זאָל ניט פעלן ערגעץ קיין אַכטל טאָן, דער שוואַכסטער קלאַנג זאָל ניט אַריינקומען, וואו מען דאַרף אים ניט, וואו ער קען צע־שטערן פאַרן פיינעם אויער די גאַנצקייט. אָבער דער גרילצנ־דיקער טעקסט פונם ליד און די שרייענדיקע דיסהאַר־מאָניע, אַז אַ גיינגסטער, וועמעס אמתע העלדן זיינען פּרייז־פּאַיטערס און האָלד־אָפּניקעס, זאָל אַריין אין אַן עקסטאַז פאַר אידישע העלדן פון דער ביבל (מיר דאַכט, אַז ער איז אויך שטאַרק באַגייסטערט פאַר שפּינאָזאַן) — דאָס אַרט ניט רומ־שינסקין און עס אַרט ניט אונזערע קריטיקער. אין דער מע־לאָדיע פונם לידל דאַרף זיין אויסגעהאַלטנקייט. אָבער אין טעקסט פונם לידל, אין שייכות פונם לידל צו דער פּערזאָן וואָס זינגט עס, אין אויפבוי פון דער גאַנצער האַנד־לונג, מעגן זיין אויף שריט און טריט פאַלשע גרילצנדיקע טענער! מ'דאַרף ניט קיין אויסגעהאַלטנקייט.

און פון דעם שטאַנדפּונקט איז אויך די שונד־דראַמע גוט, ווייל זי איז טעאַטראַליש.

דאָ איז שוין די טעאַטראַלישקייט ניט קיין אויסערלאַכע, נאָר אַן אינערלאַכע. זי ליגט ניט אין די קונצן און אויפ־

טואונגען פון דער רעזשי, נאָר אין דער פּיעסע אַליין: אין איר אימפּעט, אין אירע פאַרכאַפּנדיקע פּאַסירונגען, אין איר כח מיטצורייסן דעם צושויער און אים אַזוי פאַראינטערעסירן אין דעם שיקזאַל פון די העלדן, ווי ער אַליין וואָלט איבערגע־לעבט אַלץ וואָס זיי לעבן איבער. דאָס איז א מ ת ע ט ע־אַטראַלישקייט. די עכטע, די יאָדערדיקע, אין בלוט פון דער דראַמע־פליסנדיקע טעאַטראַלישקייט, נאָר זי איז רוי, אומ־קינסטלעריש, אָן נאַטירלאַכער אַנטוויקלונג, און די „טענער" פון דער לאַגיק גרילצן אין די אויערן.

אָבער די שונד־דראַמע איז ליטעראַטור און רעאַליזם. ש ל ע כ ט ע ליטעראַטור, ג ר י ל צ נ ד י ק ע ר רעאַליזם, אָבער ליטעראַטור און רעאַליזם. די האַנדלונג איז פונם ממשותדיקן טאָג־טעגלאַכן לעבן. זי קומט פאָר אויף דער ערד, ניט ערגעץ אין ערטער וואָס עקזיסטירן נאָר אין אונזער פאָרשטעלונגס־קראַפט, און זי פאַרקערפּערט תמיד אַן אידייע, א פאַרשימלטע, שבט־מוסרדיקע אידייע, אָבער אַן אידייע וועגן לעבן. אירע העלדן זיינען ניט קיין פאַנטאַסטישע, ניט קיין באַגריפן, אָדער סימבאָלן, נאָר פּשוטע, טאָג־טעגלאַכע מענטשן: דער האָרעפּאַשניק, דער גביר, דער שלעכטער, דער גוטער, דער פריילאַכער־לונג־און־לעבער. פונדעסטוועגן איז זי ביי אונזערע מאָדערניסטן טעאַטראַליש, און זי א י ז טעאַטראַליש. פרעגט זיך:

פאַרוואָס קען די ב אַ ר ב אַ ר י ש ע ליטעראַטור, דער ג ר י ל צ נ ד י ק ע ר רעאַליזם, יאָ זיין טעאַטראַליש, און די ליטעראַטור און דער רעאַליזם פונם באַגאַבטן דראַמאַטורג, וועמעס האַנדלונג וואַקסט אַרויס פונם ערשטן צוזאַמענשטויס, „ווי אַ בוים וואַקסט אַרויס פונם קערנדל", און דאָס קערנדל איז אַ פ ר אָ ג ר ע ס י ו ו ע אידייע, און די פּערזאָנען זיי־

נען שאַרף־געמאָלענע כאַראַקטערן, וואָס ריידן און האַנדלען ווי עס איז נאַטירלאך פאַר זיי צו ריידן און האַנדלען אין דער לאַגע וואָס יעדער פון זיי געפינט זיך — פאַרוואָס קען אַזאַ ליטעראַטור און רעאַליזם ניט זיין טעאַטראַליש אויב נאָר די האַנדלונג פאַרכאַפּט און רייסט מיט דעם צו־שויער?

באַשטייט דען די טעאַטראַלישקייט פונם שונד רעאַליזם אין זיין אומקינסטלערישקייט און עם הארצות? זי באַשטייט דאָך אין זיין כח צו פאַראינטערעסירן און באַכשופן. פאַר־וואָס־זשע קען די פּיעסע פונם קינסטלערישן רעאַליזם ניט זיין טעאַטראַליש אויב זי האָט דעמזעלביקן כח?

פאַרוואָס זיינען די ליטעראַטור און דער רעאַליזם די אַריינדרינגער, די „פאַרעינערם“, אין טעאַטער?

פאַרוואָס דאַרף מען אָרגאַניזירן אַ קו־קלוקס־קלען אַנט־קעגן זיי?

אויב די מאָדערניסטן מיינען מיט זייער „ליטעראַטור“ און „רעאַליזם“, אַ פּיעסע, וואו די האַנדלונג ווערט דערטרונ־קען אין אַ ים פון רייד, וואָס פאַרכאַפּן ניט דעם צושויער, וואָס לאַנגווייליקן און נודיען, דאַן דאַרף מען ניט מאַכן קיין בלוט־בלבול אויף דער ליטעראַטור און דעם רעאַליזם. אַזעל־כע ווערק זיינען פשוט ניט צוגעפּאַסט פאַר דער בינע, און פאַרן בוך אויך ניט. זיין ניט־אינטערעסאַנט, נודיען, איז די גרעסטע זינד אין בעלעטריסטיק אין יעדער פאָרם און אין שרייבן בכלל.

און מ'דאַרף גאָר קעגן אַזעלכע פּיעסן ניט פירן קיין הייליקע מלחמה. דער פּשוטסטער אַקטיאָר, דער פּשוטסטער דירעקטאָר וועט זאָגן דעם פאַרפאַסער פון אַזאַ פּיעסע, אַז זי איז ניט צום שפּילן. און אַז אַ טעאַטער שטעלט אַמאָל אין

אַ יובל אַזאַ פּיעסע, איז ער געצוואונגען זי באַלד אַראָפּצו־נעמען.

אָבער די פאַלש־מאָדערניסטישע פּיעסע קען פּונקט אַזוי זיין נודנע־לאַנגווייליק, ווי די פּיעסע מיט ווייניק האַנדלונג און אַ סך רייד, ווי מיר האָבן געזען פון דער „שיף מיט צדיקים" און פונם „גערטנערס הונט". די אויסערלאַכע טעאַטראַלישקייט, די קונצן פון דער רעזשי, קענען ניט פאַר־אינטערעסירן קיין פּובליקום מער ווי עטלאַכע מינוט, אויב די פּיעסע אַליין, די האַנדלונג, איז ניט אינטערעסאַנט. דער עיקר איז דער אינהאַלט, דער יאָדער, ניט די שאָלעכץ.

און אַמאָל, און טאַקע גאָר אָפט, קענען ר י י ד זיין זייער און זייער טעאַטראַליש. עס קען ד ע ר צ י י ל ט ווערן, אָדער דורך דיאַלאָג א ר ו י ס ג ע ב ר אַ כ ט ווערן, אַ פּאַסירונג וואָס איז אַזוי אינטערעסאַנט, אַזוי פאַרכאַפּנדיק, אַזוי אָנגעלאָדן מיט דראַמאַטישן דינאַמיט, אַז דער עולם זאָל זיצן באַכשופט און זיך איינהערן אין יעדן וואָרט מיט פאַר־כאַפּטן אָטעם, ווי אין ערשטן אַקט פון איבסענס „ראָסמערס־האָלם", אָדער אין צווייטן אַקט פון בערנשטיינס „דער גנב", אָדער אין דריטן אַקט פון מיין „טיגער" *.

און ר י י ד קענען אויך באַצווינגען און באַצויבערן אַ טעאַטער פּובליקום דורך איבעראַשנדן וויץ, דורך בליצנ־דיקע פּאַראַדאָקסן, דורך אַנטציקנדער חכמה, דורך שניידנדי־קער סאַטירע, אויסגעדריקט קורץ, מיט שלאָגנדיקן דראַמאַ־

---

* איך באַנוץ פאַר אַ ביישפּיל מיינע אַ פּיעסע, ווייל מיר איז ניט באַקאַנט אין אידישן רעפּערטואַר קיין אַנדער פּיעסע, וואו אַ געשפּרעך פון צוויי מענטשן זאָל האַלטן אַזוי געשפּאַנט אַ פּובליקום דורך אַ גאַנצן אַקט.

טישן עפעקט, ווי עס איז דער פאַל אין די מערסטע קאָמעדיעס פון בערנאַרד שאָו.

עס איז ניטאָ קיין „קעניגלאַכער וועג„ צו טעאַטראַליש־קייט. יעדע דראַמאַטישע פאָרם איז ט ע אַ ט ר אַ ל י ש — אויב עס געלינגט נאָר דעם פאַרפאַסער צו האַלטן דאָס פּובלי־קום פאַראינטערעסירט: צי דורך אַ מעשה, וואָס רופט אַרויס אַטעם־פאַרכאַפּנדיקע געשפּאַנטקייט, אָדער שטאַרקן מיטגע־פיל, וואָס רירט ביז טרערן; צי דורך סיטואַציעס וואָס רופן אַרויס האַרציקן געלעכטער, צי דורך ר י י ד, וואָס רופן אַרויס די אַנטציקנדע פריייד פון איבעראַשנדיקער, בליצנדיקער חכמה און שניידנדיקער סאַטירע.

אויב דאָס ווערט צוגעהאָלפן דורך אַ רעזשי וואָס אַנט־ציקט אויך דאָס אויג, איז אודאי און אודאי גוט. אָבער אויב די פּיעסע לאָזט דאָס פּובליקום גלייכגילטיק, וועט איר קיין טאַטער און דאָקטער פון רעזשי ניט העלפן.

ניט־טעאַטראַליש איז נאָר אַ פּיעסע וואָס לאַנגווייליקט.

אָבער ניט אַלץ וואָס איז ט ע אַ ט ר אַ ל י ש איז גוט טעאַטער. עס איז דאָ טעאַטראַלישקייט וואָס האָט גאָר לחלוטין ניט צו טאָן מיט קונסט. ווען חסידים קומען זיך צענויף אויף אַ סעודה־תלע און טאַנצן און זינגען מיט אמתן חסידישן ברען און התלהבות, איז עס טעאַטראַליש. די שמחת־תורהדיקע הקפות זיינען טעאַטראַליש. דער סדר איז טעאַטראַליש. אָבער אַזאַ טעאַטראַלישקייט האָט גאָר ניט צו טאָן מיט קונסט. קונסט איז נ אָ כ ג ע מ אַ כ ט א ו ן א י ד ע אַ ל י ז י ר ט ל ע ב ן. און דאָס שליסט איין אָרגאַ־נישע איינהייט, וואַרשיינלאַכקייט און לאָגישע נויטווענדי־קייט. טעאַטראַלישקייט איז ניט קיין מאַסשטאַב פאַר אַ פּיעסע. אַ פּיעסע קען זיין טעאַטראַליש און אין דערזעל־

בער צייט אומקינסטלעריש, אומקולטורעל, צוריקגעשטאַנען און דאַן איז זי אַ נאַרקאָטישער גיפט פאַרן טעאַטער באַזור־בערם געשמאַק און מה, און אַ שאַנד און אַ דערנידעריגונג פאַר דעם פאָלק, וואָס זיין קריטיק אונטערשטיצט און דער־מוטיקט אַזאַ מין טעאַטראַלישקייט.

אונזערע „מאָדערניסטן" האַלטן אין איין טרומייטערן דאָס וואָרט „טעאַטראַלישקייט". זיי האָבן עס אויפגעכאַפּט ווי אַ שם המפורש, וואָס קען כשרן יעדע ווילדע אומקינסט־לערישקייט, דעריבער זיינען זיי אין דער ווירקלאַכקייט ניט קיין מאָדערניסטן, נאָר מ אָ ד ע ר נ ע ש ו נ ד י ס ט ן.

.73

די פּערזענלאַכקייט פונם אַקטיאָר.

אין דעם דערמאָנטן קאַפּיטל פון דר. מוקדונים בוך „טע־אַטער" ליגט ער אַרויף אויפן קאָפּ פון דעם ליטעראַרישן רעאַליזם נאָך אַ שווערע זינד.

ער פענטעט די פּערזענלאַכקייט פונם אַקטיאָר, לאָזט זי ניט פריי זיך אויסדריקן. דער אַקטיאָר מוז פאַרשטעלן אַ כאַראַקטער, פונקט ווי דער פאַרפאַסער האָט אים אָנגע־צייכנט. ער איז פאַרשקלאַפט ביים פאַרפאַסער. ער קען ניט זיין ער אַליין. אָבער, הייסט עס, אין דעם אַקראָבאַטישן משוגעים־הויז שוישפּיל פון דער „מאָדערניסטישער" פּיעסע, איז דעם אַקטיאָרס פּערזענלאַכקייט אַ פרייע. ער שפּילט זיך אַליין.

טרעפט אונז ניט אַ גליק פונם אַקטיאָרס פרייהייט אונז צו ווייזן זיין אייגענע פּערזענלאַכקייט ? צו שפּילן „זיך אַליין" ?

ווער איז דער אַקטיאָר? וואָס איז אַזוינס זיין אייגענע פּערזענלאַכקייט, וועלכע דער מערדערישער רעאַליזם אונטערדריקט.

פון הונדערט אַקטיאָרן זיינען ניינציק פּלאַכע מחות, מיט דער אינטעליגענץ און מיט דער בילדונג און דער וועלטאַנשויאונג פון אַ דורכשניטלאַכן באַליבעסל. דעם דורכשניטלאַכן אַקטיאָר, אפילו דעם באַגאַבטן, אינטערעסירט ניט קיין ראַדיקאַלע באַוועגונג, קיין געזעלשאַפטלאַכער קאַמף. זיין לייענען הויבט זיך אָן און ענדיקט זיך מיט די רעצענזיעס איבער פּיעסן און מיט די נאַרישע פּוסטע באַריכטן וועגן די פּאַסירונגען און פּליאַטקעס פונם טעאַטער-וועלטל. זיין העכסטע פּראָפעסיאָנעלע אַמביציע איז אַפּלאָדיסמענטן, מעג ער זיי קריגן דורך דער אידיאָטישסטער ראָלע פון דער אידיאָטישסטער שונד-פּיעסע. און זיין טיפע איבערצייגונג איז, אַז דאָס פּובליקום וויל נאָר די אידיאָטישסטע שונד, כאָטש ער אַליין האָט שוין געזען הונדערטער מאָל, אַז אַ ליטעראַרישע פּיעסע האָט אויך געהאַט דערפאָלג און האָט געבראַכט די אַקטיאָרן די שטורמדיקסטע און האַרציקסטע אַפּלאָדיסמענטן. זיינע רעדעס צום פּובליקום, ווען ער דריקט אויס „זיין אייגענע פּערזענלאַכקייט” זיינען נאַריש און לעכערלאַך. ווען ער זיצט אין אַ קרייז פון אינטעליגענטע מענטשן און עס ווערט דיסקוטירט אַ פראַגע, וועלכע האָט ניט צו טאָן מיט טעאַטער (און אָפט אפילו אַ פראַגע, וואָס האָט יאָ אַ שייכות מיט טעאַטער) שווייגט ער, אויב ער האָט שכל, און אויב ער זאָגט אַרויס אַ מיינונג, ווייזט ער נאָר אַרויס זיין פּלאַכקייט און באַגרעניצטן וויסן. דאָס איז וועגן די נ י י נ צ י ק פּראָצענט. אָבער אפילו די צען פּראָצענט אינטעליגענטערע, וועלכע אינטערעסירן זיך יאָ מיט קונסט-פראַגן און געזעל

שאַפּטלאַכע פראַגן און — לאָמיר זאָגן — זיינען נאָך דערביי די טאַלאַנטפולסטע אַקטיאָרן, זיינען זיי דאָך אָבער ניט קיין אימפּראָוויזאַטאָרן, קיין טרובאַדורן, וועלכע קענען ארויסזינגען פון זיך אַליין, ניט צוגעגרייט, אייגענע שאַפונגען. ווער רעדט נאָך אַ ז ע ל כ ע אייגענע שאַפונגען, אַז יעדנס באַזונדערע אימפּראָוויזאַציעס זאָל זיך האַרמאָניש צונויפגיסן מיט די אימפּראָוויזאַציעס פון די איבעריקע. ווי אַזוי-זשע ווערט די הייליקע פּערזענלאַכקייט פונם אַקטיאָר אונטערדריקט דורך דעם טיראַנישן רעאַליזם, און וואָס פאַר אַ גליק וואָלט אונז געטראָפן, ווען די גרויסע פּערזענלאַכקייטן פון די ניינציק פּראָצענט — אויב דאָס וואָלט שוין אפילו מעגלאַך געווען אין אַ פּיעסע, וואָלטן זיך פאַר אונז יאָ פריי אויסגעדריקט?

און זוכט דאָס דען דער אַקטיאָר? וויל ער עס דען? דער קלענסטער ווי דער גרעסטער אַקטיאָר ווייסט, אַז זיין טאַלאַנט ליגט אין ז י י ן דאָס, וואָס ער איז נ י ט, אין אויסבייטן זיין א י י ג ע נ ע פּערזענלאַכקייט אויף אַ פרעמדער פּערזענלאַכקייט.

דער טאַלאַנט פונם אַקטיאָר, זיין געטלאַכער פונק באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס ע ר ק ע ן ו ו ע ר ן אַ ן אַ נ ד ע ר ע ר. וואָס ער קען פאַרהיפּנאָטיזירט ווערן פון זיין ראָלע און ווערן די פּערזאָן, דער כאַראַקטער, וואָס ער שפּילט. נאָר ווען ער טוט אויס ז י י ן א י י ג ע נ ע פּערזענלאַכקייט, ווערנדיק פאַרוואַנדלט אין אַן אַנדערן, נאָר דעמאָלט ווערט ער דער אויסדערוויילטער, דער געבענטשטער, וועלכער באַגייסטערט אונז, דערהויבט אונז און רופט אַרויס אונזער באַוואונדערונג. נאָר דעמאָלט קומען אַרויס אַלע זיינע חנען, זיין פּערזענלאַכער מאַגנעטיזם. ניט נאָר ווערט די

טייל פון זיין אייגענער פערזענלאַכקייט וואָס איז נויטיג פאַר זיין קונסט ניט פאַרשקלאַפּט און אונטערדריקט דורכדעם וואָס ער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן אַנדערן, נאָר זי ווערט נאָך שטאַרקער ארויסגעבראַכט. צענדליקע אַקטיאָרן האָבן געשפּילט דוד משהלעם אין „אידישן קעניג ליר“. אַלע האָבן גערעדט דעמזעלביקן טעקסט, געטראָגן דיזעלבע מאַסקע, אָבער יעדער האָט אַריינגעטראָגן אין זיין שפּילן זיין באַזונדערע אינטעליגענץ, זיין באַזונדערן חן און זיינע באַזונדערע מאַנעריזמען, זיין אייגנאַרטיקן זיפץ און וויינגעשריי, און האָט אויף זיין אייגענעם באַגאַבטן, אָדער נ י ט - באַגאַבטן אופן געווירקט אויפן פּובליקום.

צו זאָגן, אַז דער רעאַליזם, די „ליטעראַטור“, פּענטעט די פּערזענלאַכקייט פונם אַקטיאָר איז ניט צו פאַרשטיין וואו עס ליגט דעם אַקטיאָרס טאַלאַנט און די שייכות פון זיין אייגענער פּערזענלאַכקייט צו זיין קונסט.

אונז אינטערעסירט ניט און מיר דאַרפן ניט דעם אַקטיאָרס פּערזענלאַכקייט, ווען ער קריגט זיך מיט זיין שוויגער, ווען ער מאַכט אויגעלאַך פון דער בינע צו אַ שיין מיידל אין אודיטאָריום, ווען ער קעמפּט פאַר דער גרוים און דער פּאָזיציע פון זיין בילד אויף דער אַפישע, אָדער פאַר דער גרוים פון זיין ראָלע. דעמאָלט שפּילט ער „זיך אַליין“. זיין אייגענע פּערזענלאַכקייט. און דעמאָלט איז ער אַ גאַנץ אומבאַדייטנד מענטשעלע פאַר אונז. אונז אינטערעסירט זיין ק י נ ס ט ל ע ר י ש ע פּערזענלאַכקייט, ווען ער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן אַנדערן, און דעמאָלט ווערט זיין א י י ג ע נ ע פּערזענלאַכקייט ניט נאָר ניט אונטערדריקט דורך אַ רעאַליסטישער ראָלע, נאָר דאָס שיינע און צויבערנדיקע אין איר, וואָס האָט אַ שייכות צו זיין קונסט, קומט אַרויס פון די באַהאַלטנסטע ווינקעלאַך פון זיין נשמה.

פונקט ווי דאָס רויע לעבן, די אמתע פּאַסירונג, האָט ניט קיין שום קינסטלערישן ווערט ביז זי ווערט ניט איבערגע־שאַפן פונם דיכטער, אַזוי האָט דעם אַקטיאָרס אייגענע, ווירק־לאַכע פּערזענלאַכקייט ניט קיין קינסטלערישן ווערט, ביז ער ווערט ניט פאַרהיפּנאָטיזירט פון אַ ראָלע און פאַרוואַנדלט אין אַן אַנדער פּערזענלאַכקייט.

אָבער דערמיט ווערט לחלוטין ניט געמיינט, אַז דער אַקטיאָר ווערט אינגאַנצן פאַרשלונגען אין דער פּער־זאָן וואָס ער שטעלט פאָר. דער קינסטלערישער היפּנאָז לאָזט אַלע מאָל איבער דעם אַקטיאָר די באַוואוסטזיניקייט פון זיין אייגענער פּערזענלאַכקייט און אַן אָפן טירעלע, דורך וועלכן די אייגענע פּערזענלאַכקייט קען אים קומען צו הילף. נאָר די אייגענע פּערזענלאַכקייט געפינט זיך אין הינטער־גרונט און ווערט פאַרשטעלט און איבערגעוועלטיקט פון דער קינסטלערישער פּערזענלאַכקייט. דאָס איז די אייגנשאַפט פונם קינסטלערישן היפּנאָז: צו מאַכן פונם מענטשן צוויי פּערזענלאַכקייטן, אַן אַקטיווע און אַ פּאַסיווע, און ער טוט דאָס ניט בלויז מיטן אַקטיאָר, נאָר אויך מיטן דיכטער, און אויך מיטן פּובליקום.

ווען דער דיכטער שילדערט די געפילן און די האַנד־לונגען פון זיינע אויסגעדיכטעטע מענטשן, ווערט ער פאַר־וואַנדלט אין יעדן מענטשן וואָס ער שילדערט. אָבער זיין אייגענע פּערזענלאַכקייט ווערט ניט אינגאַנצן פאַרשלונגען אין זיינע שאַפונגען. זי לעבט אין אַ פּאַסיוון צושטאַנד און אַנטפּלעקט זיך אומבאַוואוסטזיניק ביז צו אַ געוויסן גראַד אין זיינע שאַפונגען.

און ווען דער צושויער ווערט אַזוי פאַרכאַפּט פונם כשוף פון דער שפּיל, אַז ער ליידט מיטן אַקטיאָרס ליידן און

פריידט זיך מיט זיין פרייד, ווייסט ער אין דערזעלבער צייט, אַז דאָס איז נאָר אַ שפּיל. אָבער די פּערזענלאַכקייט וואָס ווייסט דאָס, איז איבערגעוועלטיקט פון דער פאַרכשופטער פּערזענלאַכקייט.

דאָס איז דער סוד פון קאָנצענטראַציע, וואו די טייכן פון קונסט און מיסטיק פליסן אַריין איינער אין אַנדערן.

38.

די פאַרשווערונג קעגן אויטאָר.

שוישפּיל איז אַ רעפּראָדוצירנדיקע קונסט. זי שאַפט ניט זעלבסטשטענדיק. זי ברענגט אַרויס, באַלעבט, טייטשט אוים דעם דיכטערס שאַפונג. דער אַקטיאָר איז אהרן, דער דיכטער איז משה, און אַזוי האָט גאָט געזאָגט צו משהן:

„און ער (אהרן) וועט ריידן פאַר דיר צום פאָלק, און ער וועט זיין פאַר דיר אַ מויל און דו וועסט זיין פאַר אים אַ גאָט“.

דער שוישפּילער וויל זיך אָבער ניט באַנוגען מיט דעם חלק, וואָס די נאַטור פון דער זאַך האָט אים צוגעטיילט. זיין אייטלקייט, זיין איבערשעצן זיינע כחות, זיין דורשט נאָך כבוד און בארימטקייט, זיינען אָן אַ גרעניץ. ניט נאָר וויל ער פאַרשטופן אין הינטערגרונט אַלע איבעריקע אַקטיאָרן, מיט וועלכע ער שפּילט, ער וויל אויך פאַרשטופן אין הינטערגרונט דעם פאַרפאַסער. תמיד וויל ער „אויסבעסערן“ די פּיעסע און ער איז זיכער, אַז ער קען דאָס. זיין גרעסטער פאַרגעניגן איז אויסצושניידן פון דעם וואָס אַנדערע דאַרפן שפּילן, צו־צוגעבן צו דעם וואָס ער אַליין דאַרף שפּילן, און אויף אַזאַ

אופן אַוועקליינגן זיין האַנט אויך אויף דער שאַפונג. און אַזוי שנעל ווי ער קריגט די מעגלאַכקייט דאָס צו טאָן, אַזוי שנעל ווי ער ווערט נאָר אַ „סטאַר“, זאָל זיין אפילו אויף איין נאַכט אין קאָנאַרסי, נעמט ער זיך „באַארבעטן“ די פּיעסע. און אַזוי ווי דער שוישפּילער איז ניט קיין דיכטער, כאָטש עס טרעפט אַמאָל אין אַ יובל אַזאַ פאַל, און אַזוי ווי ניינציק פּראָצענט פון די שוישפּילער באַזיצן אפילו ניט גענוג אינ־טעליגענץ צו פאַרשטיין די פיינערע שטעלן פון אַ פּיעסע, צו זען די פיינערע פעדים וואָס לויפן דורכן גאַנצן געוועב, ווערט זייער באַארבעטונג אַ פאַרפלאַכונג, אַ פאַרוואולגאַרי־זירונג פונם דיכטערס שאַפונג.

אין די לעצטע יאָרן זינט רעזשי איז געוואָרן אַ ספּעצ־יאַליטעט, זיינען אויפגעקומען רעזשיסאָרן ספּעצן, וועלכע זיינען פונקט אַזוי איטל און האָבן פונקט אַזוי ווייניק רעס־פּעקט פאַרן דיכטער, ווי דער שוישפּילער. דער רעזשיסאָר־ספּעץ דערלויבט זיך נאָך מער פרייהייטן מיטן דיכטערס ווערק, ווי דער אַקטיאָר־סטאַר. ער ברייינגט אַריין פרעמדע עלעמענטן אין דעם ווערק, אַ פרעמדן טאָן, אַ פרעמדן סטיל. ער קערט איבער אַלץ מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, מאַכט פון אַ קאָמעדיע אַ גראָטעסק, פון אַן ערנסטער דראַמע אַ בורלעסק. עס פאַרשווינדט דעם דיכטערס אידייע, דעם דיכטערס קאָנסטרוקציע און שפּראַך, און דער דאָזיקער וואַנ־דאַליזם, דאָס דאָזיקע ברוטאַלע צוקאַליעטשען פון אַ דיכ־טערס שאַפונג — מעג ער אפילו זיין אַ דיכטער, וואָס זיינע טיפן זיינען געוואָרן פאַרן פאָלק לעבעדיקע מענטשן, וואָס בלויז זייערע נעמען רופן אַרויס קלאָרע בילדער פון די קול־טורעלע, פּאָליטישע, עקאָנאָמישע, נאַציאָנאַלע צושטאַנדן פון אַ דור, אָדער עטלאַכע דורות, ווי גאָגאָל, גאָלדפאַדען, שלום־עליכם — טראָגט די קאָקאַרדע פון „מאָדערניזם“.

דערנאָך קומט דער אַרטיסט־דעקאָראַטאָר. ער וויל אויך פאַרשטופּן דעם פּראָפעסער אין הינטערגרונט. ער וויל זיך בשום אופן ניט באַנוגענען מיט זיין ראָלע אַלס איינער וואָס דאַרף אַריינטראָגן אין דער פאַרשטעלונג אַטמאָספערע, שטי־מונג און גייסט פון דער פּיעסע, ער וויל פ א ר ש ט ע ל ן ד י פּ י ע ס ע. מאַכט ער אַזעלכע שרייענדיקע דעקאָראַציעס, און אַזוי פיל, אַז די פאַרשטעלונג ווערט מער אַן אויסשטעלונג פון דעקאָראַציעס, ווי אַן אויפ־פירונג פון אַ פּיעסע. אָבער דעקאָראַציעס, ווי שיין און גייסט־רייך און קונציק זיי זאָלן ניט זיין, קענען נאָר אַנטציקן דאָס אויג עטלאַכע מינוט. האַלטן אַ פּובליקום אין אַ טעאַטער צוויי און אַ האַלב שטונדען קען נאָר אַן אינטערעסאַנטע פּיעסע, אַלצאיינס צי זי פאַרכאַפּט מיט איר האַנדלונג, צי מיט איר גייסטרייכן הומאָר, צי מיט אַנטציקנדיקע געזאַנגען און טענץ, אין וועלכע עס איז קינסטלעריש אַריינגעוועבט אַן אינ־טערעסאַנטע האַנדלונג.

דאָס טעאַטער איז זייער אַן אומבאַקוועם אָרט. מענטשן זיצן צונויפגעפּרעסט, מען טאָר ניט רויכערן, מען טאָר ניט ריידן, מען דאַרף נאָר קוקן אויף דער בינע. דעריבער מוז דאָס, וואָס קומט פאָר אויף דער בינע אַזוי פאַרכאַפּן, אַז מען זאָל פאַרגעסן אַלע אומאָנגענעמלאַכקייטן. און דאָס קען נאָר טאָן די פּיעסע. אויב פון דער פּיעסע ווערט אַ צוטשעפּעניש צו די דעקאָראַציעס, דערפילט באַלד דער צושויער אַלע אומ־באַקוועמלאַכקייטן און חלשט אַרויסצוגיין אויסצושטרעקן די פיס, רויכערן, ריידן, שפּילן אַ פּינאַקל.

די דאָזיקע דריי פּערזענלאַכקייטן וואָס שטייען אין אַ ניט צונויפגערעדטער פאַרשווערונג קעגן דעם אומגליקלאַכן

אויטאָר, האָבן צוגעקראָגן אַ מעכטיקן מיט־פֿאַרשווערער אין דער פּערזאָן פֿונם „מאָדערניסטישן“ קריטיקער.

אין פּלוג וואָלט דער קריטיקער, וועלכער איז אָפט אַליין אַ באַגאַבטער שריפֿטשטעלער, געדאַרפֿט שטיין אויף דער זייט פֿונם פֿאַרפֿאַסער און שרייען צו די באַרבאַרן וואָס צעקריפּלען אַ שאַפֿונג פֿון אַ באַגאַבטן דיכטער: „אַוועק, פֿאַרגראָמשטשיקעס! דרך־ארץ פֿאַרן קינסטלער פֿונם וואָרט! איר זייט באַשאַפֿן געוואָרן אים צו דינען, ניט איבער אים צו באַלעבאַטעווען. ער איז דער קוואַל פֿון אייער טעטיקייט און נוצלאַכקייט, אָן אים זייט איר גאָר נישט“. אָבער צי דאָס קומט פֿון אַ לייכטזיניק גרייטקייט צו ווערן באַגייסטערט פֿאַר יעדע אפּיקורסות און געוואַגטקייט, צי פֿון אַן אַנדער אורזאַך, דער פֿאַקט איז, אַז אַ היבשער טייל פֿון אונזערע קריטיקער האָבן זיך געשטעלט אויף דער זייט פֿון די חוצפּהדיקע און געווימנסלאָזע וואַנדאַלן און אונטערשטיצן די פֿאַרשווערונג קעגן אויטאָר.

און די דאָזיקע שטיצע פֿון די „מאָדערניסטישע“ קריטיקן איז דער גרעסטער אומגליק וואָס האָט געקענט קומען אויפֿן טעאַטער מיט העכערע שטרעבונגען.

וויבאַלד מען כשרט יעדן אומזין, יעדע פּלאַכקייט און צוריקגעשטאַנענקייט, אַבי עס איז ט ע א ט ר א ל י ש, מאַכט שוין ניט אויס, צי קומט די טעאַטראַלישקייט דורך אַ מאָדערניסטישער רעזשי, צי דורך סתם פּאַיאַצעריי, צי דורך שרייענדיקער שונד. לויבן טאַקע די „מאָדערניסטישע“ קריטיקער יעדע נאַרישע און וואולגאַרע אָפּערעטע און שונד־דראַמע. די בעסערע פֿון זיי זאָגן בפירוש, אַז די פּיעסע איז אומזין, אַז זי איז ניט ווערט אין דער האַנט גענומען צו ווערן פֿון אַקטיאָרן. אָבער ווער דאַרף אַ פּיעסע? ווער דאַרף זין,

אויסגעהאַלטנקייט? דער עיקר איז טעאַטראַליש־קייט. און אַז אַקטיאָרן מאַכן זיך פאַר פורים־שפּילער איז שוין דאָ טעאַטראַלישקייט. און דער דינאַמיט פון דער שונד־דראַמע איז דאָך אודאי טעאַטראַליש. כשרן די דאָזיקע קריטיקער יעדע זינלאָזע אַפּערעטע און גרילצנדיקע שונד־דראַמע פאַר דעם טייל פון די טעאַטער־באַזוכער, וואָס האָבן זיך פריער געשעמט צו גיין צו אַזעלכע פאָרשטעלונגען און האָבן שטאַלצירט פאַר זייערע באַקאַנטע מיט דעם וואָס זיי גייען נאָר אין אַ בעסערן טעאַטער.

און וויבאַלד דער אויטאָר האָט ניט קיין ווערט, מ׳קען צוקאַליעטשען זיין ווערק אויפן הפקרדיקסטן אופן און אַריינשלעפּן אין דער האַנדלונג אַלץ וואָס האָט צו איר ניט קיין שייכות, וואָס זשע פאַר אַן אונטערשייד איז פאַרן טעאַטער־באַזוכער, צי ער גייט צו אַ פּיעסע פון אַ באַרימטן דיכטער, אָדער צו אַ פּאַטשקערייִ פון וועלכן־ניט־איז פּיעסן־לאַטוטניק? האָט דאָס פאַרביליקן דעם אויטאָר, דאָס באַציִען זיך צו אים ווי ער וואָלט גאָר קיין ווערט ניט געהאַט, אויך בייגעטראָגן אַ גרויסן חלק צו דער הייליקער אַרבעט פון אַוועקרייסן באַזוכער פונם בעסערן טעאַטער און זיי אַוועקשיקן אין די ביליקסטע, וואולגאַרע טעאַטערס.

„ווער דאַרף דעם שרייבער?“ האָב איך געהערט אין אַ געזעלשאַפט פון האַלב־אינטעליגענטע בחורים און מיידלאַך, וואָס האָבן תמיד שטאַלצירט מיט דעם וואָס זיי גייען נאָר אין אַ בעסערן טעאַטער. „אין אַ טעאַטער דאַרף מען זיך אַמוזירן. דאָס אַלעס“.

און וויבאַלד מען מוז שטענדיק זיין באַגייסטערט פאַר דער זינלאָזסטער און פלאַכסטער „מאָדערניסטישער“ פאַרשטעלונג, מוז מען דאָך פירן אַ שטענדיקן קאַמף מיט דער

„ליטעראַטור“ און דעם רעאַליזם. געפינט זיך דאָס בעסערע אידישע טעאַטער אין אַ כשוף-צירקל, פון וועלכן עס קען ניט אַרויסקריכן.

דער „סטאַר“, דער אַרכי-פאַרשווערער קעגן אויטאָר, זעט אין דעם „מאָדערניסטישן“ קריטיקער אַ טייערן חבר. ער קנייפּט דאָך אים אין בעקל יעדעס מאָל וואָס ער מאַכט אַ פּאָגראָם אויפן אויטאָר און פאַרטיידיקט יעדע ווילדע זינ-לאָזיקייט פון דער פּיעסע, ווערט ער דערמוטיקט צו שטעלן „מאָדערניסטישע“ פּיעסן. זיי קאָסטן אָבער אָפּ אַ סך געלט און פאַלן דורך, שטעלט ער אין זיין פאַרצווייפלונג אַ רעאַ-ליסטישע פּיעסע. אָבער דאָ ווערט זיין חבר און פאַרבינ-דעטער זיין גרויזאַמסטער שונא — אַזאַ סקאַנדאַל! אַזאַ פאַ-ראַט! אין אַ קונסט-טעאַטער — ר ע אַ ל י ז ם? דער שרעק-לאַכער רעאַליזם, וועלכן דער „מאָדערניסטישער“ קריטיקער האָט שוין טויזנט מאָל דערקלערט טויט און ער מאַכט זיך ניט ווייסנדיק און לעבט! גיט ער זיך אַ נעם מיטן גאַנצן כח צו באַווייזן, אַז די פּיעסע טויג ניט. אָבער וואָס איז זיין גע-ווער? וואָס זיינען זיינע טענות צו דער פּיעסע? די טענות פון וועלכע ער לאַכט זיך אוים און איז מבטל, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ „מאָדערניסטישע“ פּיעסע, אָדער סתם וועגן אַן אידיאָטישער פּיעסע. דאָ מאָנט ער זין און אויסגעהאַלטנ-קייט און כאַראַקטערן און אַ ניי וואָרט, און פולע הונדערט פּראָצענט, מיט ווייניקער איז ער ניט צופרידן. אַ. גלאַנץ, דער פּאָעט, דער עסקן פון די „ליטעראַרישע פּרייטיקס“, וועל-כער לויבט אַלץ וואָס ווערט דערלאַנגט אין די אַלץ-צוליב-געשעפט טעאַטערס, איז אפילו מיט הונדערט פּראָצענט ניט צופרידן. ניט ביי מאָטיען! ער האָט פּייערלאַך דערקלערט, אַז ער וויל בעסער „עקספּערימענטן“ וואָס פאַלן דורך, איידער

די ב ע ס ט ע רעאַליסטישע פּיעסע. און וואָס פאַר אַ וואָרפן זיך און שפּרינגען פון „מאָדערניזם" צו רעאַליזם? — בייזערט ער זיך — מען דאַרף דעם עולם צ ו ג ע װ ו י נ ע ן צו די „עקספּערימענטן".

דאָס הייסט מוט! אַנטשלאָסנקייט! ניט מער, וואָס דאָס איז די אַנטשלאָסנקייט פון דעם בעל־עגלה, וואָס האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער מוז צוגעוואוינען זיין פערד צו לעבן אָן האָבער. און דאָס פערדל איז שוין טאַקע באַלד צוגעוואוינט געוואָרן, נאָר פּלוצלונג איז עס געשטאָרבן.

די גרויזאַמע, ריקזיכטלאָזע אַטאַקעס אויף דער רעאַליס־טישער פּיעסע ווירקן פּונקט אַזוי גוט צו פאַרטרייבן באַזוכער פונם בעסערן טעאַטער, ווי די דערמוטיקונג פון די „עקספּע־רימענטן". דרייט זיך דער אָרימער אַמביציעזער דירעקטאָר אין דעם כשוף־צירקל און קען ניט אַרויסקריכן.

וואָס־זשע דאַרף טאָן דער ערלאַכער דירעקטאָר פון אַ בעסערן טעאַטער? וואָס דאַרף די פּראָגרעסיווע אינטעלי־גענץ פון אים פאָדערן, כדי אים צו געבן איר פולע שטיצע? מיין ענטפער איז:

אַ פּיעסע, וואָס זאָל זיין אַ צונויפשמעלצונג פון דעם וואָס דער ברייטער עולם פאָדערט און איז באַרעכטיקט צו פאָדערן, און פון די פאָדערונגען פונם אינטעליגענט און פּראָגרעסיוון מענטשן — אַן אינטערעסאַנטע פאַרכאַפּנדיקע האַנדלונג, דער־הויבן און געלייטערט דורך אַ פּראָגרעסיווער אידייע און אַ קינסטלערישער פאָרם. אַלצאיינס, צי די האַנדלונג איז אָוועק־געשטעלט אויף דער ערד, צי אין הימל, צי אין גיהנום; אַלצ־איינס, צי זי איז אַ טראַגעדיע, אַ קאָמעדיע, אַן אָפּערעטע.

יעדע האַנדלונג אין יעדער פאָרם איז אַ גוטע פּיעסע פאַרן בעסטן טעאַטער, א ו י ב ד י ה א ַ נ ד ל ו נ ג א י ז

נאָר גענוג אינטערעסאַנט און פאַר־כאַפּנדיק צו אַפּעלירן צום ברייטן עולם און האָט געקראָגן אַ קולטורעלן און ליטעראַרישן תיקון דורך אַ פּראָגרע־סיווער פונדאַמענטאַלער אידייע און קינסטלערישער אויסגעהאַלטנקייט.

און מען מוז ניט פאָדערן קיין הונדערט פּראָצענט. דער אידעאַל ווערט ניט דערגרייכט אין קיין טעאַטראַלישער שאַפונג. טעאַטער איז לעבן און דאָס לעבן מוז מאַכן קאָמ־פּראָמיסן. מען דאַרף אָפּשאַצן די שטרעבונג, די טענדענץ, דעם פאַרזוך און די מאָס פון דערגרייכונג. פּופציק פּראָצענט ליטעראַטור און קונסט איז דאָך אַן אוצר אַנטקעגן די פאַר־טעמפּנדיקע זינלאָזיקייטן און ווילדקייטן פון די אַלץ־צוליב־געשעפט טעאַטערס!

.39

טעכנישע שוועריקייטן און מיטלען זיי צו באַזייטיקן

אַקטן; בילדער; פאַרהאַנג אין מיטן אַקט.

מיר האָבן באַוויזן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל אַז איינ־הייט פון צייט און אָרט זיינען נאָר איבעריקע פּענטעס פאַרן דראַמאַטורג און ער דאַרף זיך מיט זיי ניט רעכענען. דאָס באַציט זיך אָבער נאָר אויף דער גאַנצער האַנדלונג. איין אַקט מעג פאָרקומען אין רוסלאַנד, דער אַנדערער אין אַמעריקאַ. איין אַקט מעג פאָרקומען אויף

דער ערד, דער אַנדערער אין הימל. איין אַקט מעג פאָר־קומען היינט, דער אַנדערער מיט צען יאָר שפּעטער, אָדער פאַרקערט. אָבער דער **א ק ט**. יעדער אַקט באַזונדער, **מוז** זיין איין גאַנצע, ניט איבערגעריסענע האַנדלונג בנוגע **צייט** און אויך, ווי ווייט מעגלאַך, בנוגע **אָרט**.

אַן **אַקט** מיינט: איין שטיק פון דער האַנדלונג, איין גליד פון איר. און איין גליד איז איין גאַנצע, צענויפ־געשמאָלצענע זאַך, וועלכע ליגט אין איין אָרט און קען גע־זען ווערן אין איין צייט. טרעפט אָבער אַז דער דראַמאַטורג שטויסט זיך אָן אויף אַ טעכנישער שוועריקייט. די שטיק האַנדלונג וואָס איז באַשטימט פאַר איין אַקט פאַסירט אין איין צייט, אַלע טיילן אירע זיינען רינגעלאַך פון איין צייט־קייט, זיי געשען ניט־איבערגעריסן איינס נאָכן אַנדערן, אָבער איין טייל פון דער צענויפגעקייטלטער שטיק האַנדלונג מוז געשען אויף אַן אַנדער אָרט. צום ביישפּיל: אין ערשטן אַקט דאַרף פאָרקומען די **עקספּאָזיציע**, דאָס הייסט: „די פאַרבינדונג פונם קנופּ“, דער ערשטער צוזאַמענשטויס פון די געגנערישע כחות (עס איז ניט מעגלאַך קיין דראמע אָן געגנערישע כחות, ווייל עס איז ניט מעגלאַך קיין דראַמע אָן קאַמף), און די אויפטרעטונג פון די וויכטיקסטע פּערזאָנען פון דער האַנדלונג. טרעפט אָבער אַ לאַגע אַז איינער פון די וויכטיקע כאַראַקטערן, וועלכער איז איינער פון די געג־נערישע כחות, געפינט זיך אין אַן אַנדער אָרט און קען לויט דער לאַגע ניט דערשיינען אין דעמזעלבן אָרט וואו זיינע געגנערישע כאַראַקטערן געפינען זיך (צי צוליב דער ווייטקייט, צי צוליב דעם וואָס דער קאַמף, די אינטריגע, מאַכט אומעגלאַך זייער צעזאַמענטרעפן זיך). ער **מוז** אַרויפגעבראַכט ווערן אויף דער בינע. ער **מוז** אונז פאָר־

געשטעלט ווערן און מיר מ ו ז ן זען וואָס ער טוט, ווי ער האַנדלט, ווייל דאָס איז אַ טייל פון ערשטן צוזאַמענשטויס, פון דער „פאַרבינדונג פונם קנופ". זיין אויפטרעטן און זיין האַנדלען זיינען אַ נויטיק און אומאָפּטיילבאַר רינגל אין דער קייט פון די פריערדיקע טיילן פונם אַקט. די געשעענישן פ אַ ר זיין דערשיינען און די געשעענישן נ אָ ך זיין דער־שיינען שאַפן אין איין ניט־איבערגעריסענעם צייט־פאַרלויף א י י ן וויכטיקן טייל פון דער האַנדלונג, א י י ן ג אַ נ צ ן אַ ק ט . אָבער דאָס אַ ר ט צעטיילט זיי.ביידע ענג פאַר־בונדענע טיילן קענען בשום אופן ניט געשען אין דעמזעלבן אָרט, אויף דערזעלבער סצענע. מאַכן די צוויי טיילן פאַר צוויי באַזונדערע אַקטן קען מען ניט, ווייל דורך זייער שאַפן דעם „קנופ", דעם צוזאַמענשטויס, און דורך זייער צענויפ־געקייטלטקייט אין צ י י ט , זיינען זיי א י י ן אַקט. לאָזן געשען די צווייטע טייל אויף דעמזעלבן אָרט ווי די ערשטע, איז אומעגלאַך, ווייל, צוליב די אָנגעוויזענע אורזאַכן, פאָדערט זי אַן אַנדער אומגעבונג, אַן אַנדער ס צ ע נ ע . ווי זשע דרייט זיך דער דראַמאַטורג אַרויס פון אַזאַ טעכ־נישער שוועריקייט ? וואָס פאַר אַן עצה קען ער זיך געבן אַז ביידע טיילן זאָלן בלייבן א י י ן ג אַ נ צ ע ר אַ ק ט און אין דערזעלבער צייט זאָל די צווייטע טייל געשען אין אַן אַנדער אָרט ? דאָ קומט אים צו הילף דער פאָרהאַנג. דער פאָרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ אויף אַ גאַנץ קורצער צייט, אַ מאָמענט, אָדער עטלאַכע מאָמענטן, און הויבט זיך אויף איבער אַן אַנדער סצענע, אַן אַנדער בילד. דאָס אַראָפּלאָזן זיך פונם פאָרהאַנג אין אַזאַ פאַל באַצייכנט אַז די צייט האָט זיך ניט איבערגעריסן, די האַנדלונג האָט זיך ניט איבער־געריסן, דאָס פריעריקע און דאָס ווייטערע זיינען אַלץ א י י ן

אַ ק ט . נאָר דאָס אָרט האָט זיך געביטן. אויף אַזאַ אופן האָבן מיר אין א י י ן אַ ק ט צ ו ו י י ב י ל ד ע ר . און דאָסזעלבע קען געשען נאָכאַמאָל אין דעמזעלבן אַקט, ווען אַ ווייטערע געשעעניש מוז פאָרקומען אין אַן אַנדער אָרט. דאַן האָבן מיר א י י ן אַ ק ט א י ן ד ר י י ב י ל ד ע ר .

ביי די אַלטע בינע־איינריכטונגען, וואו די בינע איז אומבאַוועגלאַך און כל זמן עס ווערט אויף איר געשפּילט קענען ניט געמאַכט ווערן קיין ענדערונגען אין די דעקאָראַציעס, נעמט דאָס איינריכטונג פון אַ ניי בילד אַ סך צייט און דער עולם זיצט דערווייל אין דער פינסטער און יעדע סעקונדע איז פאַר אים אַ שטונדע. דעריבער קען מען זיך אויף אַזאַ בינע ניט פאַרגינען קיין אָפטע סצענען־פאַרוואַנדלונגען, און דער דראַמאַטורג מוז זען אויסצומיידן אַ לאַגע וואו איין אַקט מוז זיך אָפּשפּילן אין עטלאַכע בילדער. אָבער ביים היינטיקן פּראָגרעס פון דער בינע־טעכניק, ווען די בינע איז באַוועגלאַך און אין דער צייט וואָס מען שפּילט אויף דער פאָרנטדיקער העלפט קען אויף דער הינטערשטער העלפט צוגעגרייט ווערן אַן אַנדערע סצענע, און מיט איין דריי, איז די נייע סצענע שוין פאַר די אויגן פון פּובליקום, קען זיך דער דראַמאַטורג פאַרגינען איינצוטיילן זיינע אַקטן אין אַזוי פיל בילדער ווי זיין האַנדלונג פאָדערט.

עס טרעפט אויך אַ לאַגע, וואו דער גאַנצער אַקט קומט פאָר אין איין אָרט, אָבער צווישן איין טייל פון דער האַנדלונג און דער אַנדערער, וועלכע זיינען צענויפגעקייטלט דורך אָ ר ט און צענויפגעגאָסן דורך די געשעענישן, מוזן אַוועקגיין עטלאַכע שטונדן אָ ן ה אַ נ ד ל ו נ ג , אַ צייט־פּוסטקייט. צום ביישפּיל :

אין אַנהויב פונם אַקט, וועלכער קומט פאַר אין אַנהויב פונם אַוונט, גייט אַ יונג מיידל אַוועק פון דער שטוב, זאָגנ־דיק דער מוטער אַז אין אַ שטונדע וועט זי זיין צוריק. דער מוטער געפעלט ניט איר אַוועקגיין, זי האָט אַ פאָרגעפיל אַז זי גייט ערגעץ וואוהין זי דאַרף ניט גיין. קען די מוטער ניט גיין שלאָפן. זי זיצט און וואַרט ביז איר יונגע טאָכטער וועט אַהיים קומען. און אַזוי מוטשעט זי זיך אַפּ אַ גאַנצע נאַכט. מיר דאַרפן זען דער טאָכטערס אַוועקגיין און איר קומען און דער מוטערס געמאַטערט ווערן די גאַנצע נאַכט פון די שרעקלאַכסטע געדאַנקען און וואָס עס קומט פאָר צווישן מוטער און טאָכטער ווען די לעצטע קומט אַהיים. עס איז אַלץ איין שטיק צענויפגעגאָסענע האַנדלונג, א י י ן ג אַ נ צ ע ר אַ ק ט, וועלכער קען ניט צעטיילט ווערן אויף צוויי אַקטן. אָבער די בינע קען ניט בלייבן אָפן גענוג לאַנג אַז עס זאָל געבן דעם צושויער דאָס געפיל פון אַ גאַנ־צער נאַכט, איבערהויפּט ווען עס ט ו ט זיך גאָרניט אויף אויף דער בינע, ווען די גאַנצע נויטיקע און נאַטירלאַכע האַנדלונג איז דער מוטערס זיצן אין שטילע אינערלאַכע מאַטערנישן. דאָ האָבן מיר אַ טעכנישע שוועריקייט מיט צ י י ט ווי מיר האָבן געהאַט אין ערשטן ביישפּיל מיט אָ ר ט. און דאָ קומט אויך דעם דראַמאַטורג צו הילף דער פאָרהאַנג. דער פאָרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ אויף איין מאָמענט נאָכדעם ווי די מוטער זיצט אָפּ עטלאַכע מינוט אין אירע אינערלאַכע מאַטערנישן, און ווען ער ציט זיך ווידער אַרויף ווייזן די פענסטער אַז עס הויבט שוין אָן טאָגן, אָדער דער זייגער איז איבערגערוקט אויף עטלאַכע שטונדן — און ע ס ה י י ס ט אַז עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט. דער איינער מאָמענט פ אָ ר ה אַ נ ג האָט אויסגעפילט די גאַנצע צייט-פּוסטקייט.

.40

דער ניט אָפּגערעטער אָפּמאַך צווישן דיכטער און פּובליקום

און דער צושויער נעמט עס אָן פאַרוואָס עס ווערט געמיינט און לעבט איבער דאָס געפיל ווי עס איז אַוועק אַ גאַנצע נאַכט. עס זיינען דאָ ניט־אָפּגערעטע איינפאַרשטענדיגונגען צווישן דעם דיכטער און דעם פּובליקום, אין וועלכע דאָס פּובליקום נעמט אָן, מיטן ווילן און מיטן געפיל, דעם דיכטערס כונה. דאָס איז אַזוי ניט בלויז אין שייכות צו טעכנישע הילפס־מיטלען, נאָר אויך בנוגע דעם גייסט פון אַ דיכטערישער שאַפונג. דער צושויער, אָדער לייענער, פילט און נעמט אָן דעם גייסט פון אַ דיכטערישער שאַפונג, וועלכן דער דיכטער האָט נאָר געהאַט אין זיין כונה: צי איז די דיכטונג געשאַפן אין גייסט פון ערנסטקייט, אָדער פון שפּאַס; צי מען דאַרף עס נעמען אין ווערטערלאַכן זין, צי אין זין פון גוזמא, אָדער געמאַכטער טאַמעוואַטעקייט. (זע קאַפּיטל „שונד און שאַרזש“).

צו די ניט־אָפּגערעטע איינפאַרשטענדיגונגען באַלאַנגען אויך די פאַרקליידטע פּערזאָנען. ווען אַ מיידל פאַרקליידט זיך פאַר אַ בחור, אַ יונגער פאַר אַן אַלטן, אָדער ווען איין פּערזאָן דאַרף, צוליב דער האַנדלונג, אָנגענומען ווערן פאַר אַן אַנדער פּערזאָן, דאַרף זיך דער דראַמאַטורג קיינמאָל ניט זאָרגן טאָמער איז עס ניט נאַטירלאַך, אַז די כאַראַקטערן פון דער האַנדלונג זאָלן די פאַרשטעלטע פּערזאָן ניט דערקענען. עס איז טאַקע ניט נאַטירלאַך, אָבער

נאָר פאַרן פּובליקום, ניט פאַר די כאַראַקטערן פון דער בינע
דאָס פּובליקום ווערט די פאַרשטעלטע פּערזאָן גלייך דער-
קענען. דאָס פּובליקום ווייסט תמיד זאַכן וואָס די כאַראַקטערן
פון דער בינע דאַרפן, ביז אַ געוויסן מאָמענט, ניט וויסן.
אָבער דאָס נעמט גאָרניט אַוועק פ ו ן ד ע ר נ א ט י ר-
ל א כ ק י י ט פ ו ן ד ע ר ש פּ י ל. צוליב דער שפּיל
איז נויטיק אַז אַ פּערזאָן זאָל אויף דער בינע ניט דערקענט
ווערן. צוליב דער שפּיל איז נויטיק, אַז די פּערזאָנען פון
דער בינע זאָלן ניט וויסן געוויסע זאַכן וואָס דאָס פּובליקום
ווייסט. נעמען מיר אָן, אַז עס א י ז ווי די שפּיל פאָדערט,
און דאָס מאַכט ניט קאַליע אויף אַ האָר דעם פּובליקומס
אילוזיע. ווייל אַזעלכע פאַלן באַלאַנגען צום ניט-אָפּגערעטן
אָפּמאַך צווישן דיכטער און פּובליקום. דער צושויער נעמט
גלייך אָן דעם דיכטערס כונה און לעבט זיך איין אין דער
סיטואַציע ו ו י ד ע ר ד י כ ט ע ר ה אָ ט ז י א ו ו ע ק-
ג ע ש ט ע ל ט. דאָס גיט אים די אילוזיע וואָס ער זוכט.
דאָס גיט אים ד י פ ר י י ד פ ו ן ד ע ר ש פּ י ל —
פּונקט ווי ער נעמט אָן די שטוב מיט דריי ווענט פון דער
בינע פאַר אַן אמתער שטוב און די אָפענע פערטע וואַנט
צעשטערט אויף קיין האָר ניט זיין אילוזיע פון אַ שטוב.

.41

דער פּראָלאָג.

איידער די האַנדלונג הויבט זיך אָן, איידער דער קנופּ
ווערט פאַרבונדן, מוזן באַקאַנט געמאַכט ווערן געוויסע פּונקטן
וואָס ליגן אין דער פאַרגאַנגענהייט. פ א ר ן אָנהויב פון

דער האַנדלונג, וועלכע זיינען דער באָדן פון וועלכן די האַנד־לונג וואַקסט אַרויס. די דאָזיקע פונקטן זיינען אַ נויטיקער טייל פון דער ע ק ס פּ אָ ז י צ י ע, ווי די פאַרשטעלונג פון די כאַראַקטערן און דער ערשטער צוזאַמענשטויס. צום ביישפּיל: די שנאה צווישן די עלטערן פון ראָמעאָן און דזשוליאַן. דער וועט צווישן גאָט און דעם שטן אין פאוסט.

די דאָזיקע פונקטן קאָנען מיטגעטיילט ווערן דורך גע־שפּרעכן אין אָנהויב פון ערשטן אַקט, ווי דאָס ווערט טאַקע מערסטנס געטאָן. אַ מאָל מוזן זיך אָבער די דאָזיקע גע־שפּרעכן צו לאַנג ציען און דאָס פּובליקום ווערט לאַנגווייליק. כדי אויסצומיידן די דאָזיקע לאַנגווייליקע געשפּרעכן, איז איינגעפירט געוואָרן שוין אין דער גריכישער דראַמע ד ע ר פּ ר אָ ל אָ ג.

אין דער גריכישער דראַמע — ווי ביי עריפּידעסן — ערשיינט אַ גייסט וואָס זיין איינפלוס פילט זיך אין דער האַנדלונג (די געטין פון ליבע, דער גאָט פון מלחמה) און טיילט מיט דעם פּובליקום אין אַלגעמיינע שטריכן דעם כאַ־ראַקטער פון דער האַנדלונג און די נויטיקע, אין דער פאַר־גאַנגענהייט ליגנדע פונקטן. אַזאַ פּראָלאָג, אויב ער איז זייער קורץ, איז אָפט אַ גרויסע הילף פאַרן דראַמאַטורג. ער פאַרשפּאָרט אים די לענגערע, אָפט אומאינטערעסאַנטע געשפּרעכן אין אָנהויב פון ערשטן אַקט. און אַ חוץ דעם גיט ער דעם דיכטער אַ געלעגנהייט גלייך ביים אָנהויב צו געבן דעם פּובליקום אַ שיינע טעאַט־ראַלישע סצענע, וועלכע רייצט די נייגיריקייט פאַר דער קומענדער האַנדלונג. אַזאַ מין פּראָלאָג — וועלכן מיר וועלן רופן דער עריפּידעס־פּראָלאָג — קען אָבער נאָר באַנוצט ווערן פאַר אַ האַנדלונג, אין וועלכער עס קומט פאָר עפּעס מיס־

טעריעזעס, עפּעס פּאַטאַלעס, עפּעס וואָס מיר באַצייכענען מיטן אויסדרוק „באַשערט“, אַזוינס וואָס צווינגט אונז צו זאָגן אַז „די וועלט פירט זיך ניט אַליין“. אָבער אין אַ פּיעסע מיט אַ פּשוטער, טאָג־טעגלאַכער האַנדלונג, וועלכע רופט אין אונז ניט אַרויס קיין מיסטעריעזע שטימונגען, קיין באַוואוסטזיין וועגן געהיימניספולע כחות, האָט אַזאַ פּראָלאָג קיין זין ניט. ער קען זיך ניט צענויפגיסן האַרמאָניש מיט דער האַנדלונג

דער עריפּידעס־פּראָלאָג ברענגט געוויינלאך מיט זיך אַן עפּילאָג. דערזעלבער גייסט וואָס דערשיינט פ אַ ר דער האַנדלונג, אַלס אַ פּאַראינטערעסירטע געהיימע קראַפט, דערשיינט אויך נ אָ ך דער האַנדלונג, טיילנדיק מיטן פּובליקום די פרייד פון זיין טריאומף, אָדער ערקלערנדיק די אורזאַכע פון זיין נידערלאַגע.

אָבער מער צוגעפּאַסט פאַר אַ דראַמע, מער אין האַרמאָני מיטן גייסט פון דראַמע, איז דער פּראָלאָג וואָס איז אַליין אַ שטיק האַנדלונג. דער פּראָלאָג וואָס ווייזט א ו נ ז א י ן אַ ב י ל ד דאָס וואָס וואָלט געדאַרפט דערציילט ווערן.

אין „פורמאַן הענשעל“ איז דער גאַנצער ערשטער אַקט, וואו הענשעלס שטאַרבנדע פרוי נעמט פון אים אַ שבועה, אַז ער וועט ניט חתונה האָבן מיט דער דינסט, אַ פּראָלאָג. דאָס בילד וואָס מיר זעען ב אַ א י נ פ ל ו ס ט די האַנדלונג פון דער דראַמע, ע ס ר ו פ ט א ר ו י ס די האַנדלונג, אָבער איז ניט קיין טייל פון דער האַנדלונג. די פרוי איז טויט. — זי איז ניט מער ווי אַ ניט־געזעענער איינפלוס; און דאָס וואָלט זי געקענט זיין ווען מיר זעען זי אינגאַנצן ניט. איבסען, וועלכער האָט אָפּגעהיט די איינהייטן פון

צייט און אָרט אַזוי גוט ווי די אָרגאַנישע איינהייט פון דער האַנדלונג, וואָלט אונז דאָס בילד ניט געוויזן, ווייל עס מוז אַוועקגיין אַ לאַנגע צייט צווישן דער פרוים טויט און הענשעלס ברעכן די שבועה וואָס ער האָט איר געגעבן. ביי איבסענען וואָלטן מיר געוואויר געוואָרן וועגן דער שבועה דורך אַ לענגערן, לאַנגווייליקן געשפּרעך. הויפּטמאַן, וועלכער רעכענט זיך ניט מיט די איינהייטן פון צייט און אָרט, וויל אויסמיידן די לאַנגווייליקע מיטיילונג און גיט אונז דאָס בילד.

דער האַנדלונג-פּראָלאָג איז אַ גרויסע הילף פאַרן דראַמאַטורג יעדעס מאָל וואָס ער דאַרף אונז מיטיילן אַ פּאַסירונג, וועלכע האָט אַ גרויסן איינפלוס אויפן גאַנג פון דער דראַמע, אָבער איז געשען לאַנג צוריק און אין אַן אַנדער אָרט און קען זיך דעריבער סצעניש ניט צענויפשמעלצן מיטן ערשטן אַקט.

אויב די פּאַסירונג האָט גענוג האַנדלונג פאַר אַ גאַנצן אַקט, קען דער דראַמאַטורג מאַכן פון איר דעם ערשטן אַקט, כאָטש צווישן איר און דעם צווייטן אַקט גייט אַוועק אַ לאַנגע צייט. אויב אָבער די פּאַסירונג האָט ניט גענוג האַנדלונג פאַר אַ גאַנצן אַקט, און מיטצוטיילן זי דורך געשפּרעכן וואָלט געלאַנגווייליקט, איז בעסער צו ו ו י י ז ן די פּאַסירונג אין אַ בילד, און דאָס בילד באַצייכענען אַלס פּ ר אָ ל אָ ג .